STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03267

FARBLIBENE VERTER

Chaim Ehrenreich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים עהרענרייך / פֿאַרבליבענע ווערטער

חיים עהרענרייך

פֿאַרבליבענע ווערטער

אַרויסגעגעבן פֿון
חיים עהרענרייך בוך־קאָמיטעט
תשל״ד — 1974

CHAIM EHERENREICH / FARBLIBENE VERTER

חיים עהרענרייך / פאַרבליבענע ווערטער

חיים עהרענרייך בוך־קאָמיטעט

ש. באָנטשעק, י. באַשעוויס, ש. בן־ישׂראל, ד. דובינסקי, שׂ. לעוו,
ק. מאָלאָדאָווסקי, מ. נאָוויק, ש. סעקונדאַ, ב. עהרענרייך, נ. פורמן,
י. צוקערמאַן, א. ראָגאָף, ב. שעפנער.

©
כל הזכויות שמורות

Printed in Israel 1974 נדפס בישראל

דפוס „ארזי״, תל־אביב

חיים עהרענרייך — געצייכנט פון מאָלער בען

מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך, די „פאַרבליבענע ווערטער", דערפיל איך ניט בלויז אַ הייליקן חוב, נאָר איך וויל דערמיט אויך אויסדריקן מיין געפיל פון אייביקער פאַרבונדנקייט מיט חיים עהרענרייך.

בעל עהרענרייך

פון די אַרויסגעבער

די „פאַרבליבענע ווערטער", אין ליטעראַרישן עזבון פון חיים עהרענרייך ז"ל, דערשיינען צו דער פערטער יאָרצייט נאָך זיין פטירה. דעם 10טן מײַ 1970 האָט געזאָלט געפייערט ווערן דער 70־יאָריקער געבוירנטאָג פון חיים עהרענרייך, אָבער דער טויט האָט זיך געפעדערט, אין 31סטן מערץ 1970 איז חיים עהרענרייך געשטאָרבן, נאָך אַ לענגערער קראַנקייט; פאַריתומט זיין היים און זיינע חברים. ביי זיין לעבן האָט ער מיט זיין איבערגע־געבנקייט און פריינדשאַפט גורם געווען אַ סך פריינדשאַפט און ליבשאַפט — האָט דערפאַר דער טרויער אַרומגענומען אַ סך קרייזן פון ייִדן אין אַמעריקע. אַוועק אַ האַרציק־גייסטרייכער מענטש, אַ באַקאַנטער, טאַלאַנטפולער ייִדישער שרייבער, וואָס האָט במשך צענדליקער יאָרן געטאָן זיין שריפטשטעלערישע אַרבעט מיט ערנסט און ליבשאַפט. זײַנע ווערטער זענען פאַר־בליבן מיט זייער אַלמענטשלעך־וואַרעמען אָטעם און מיט זייער טיף־ייִדישער לויטערקייט. זיי וואַרפן אַ שײַן אויף זיין געשטאַלט — צו דערמאָנען און אָפּהיטן זײַן נאָמען **לדורות**.

*

נאָך גאָר יונג, אַ צען־יאָריק ייִנגל, איז חיים עהרענרייך, צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן, געקומען קיין אַמעריקע פון שטע־טעלע סוכאַרי (מאָהילעווער גובערניע אין רוסלאַנד), און מיט־

גענומען פון זיין פריער קינדהייט אַ שטאַרקע צוגעבונדנקייט צו ייִדיש און ייִדישקייט.

אויך אין ניו־יאָרק, אין דער נייער וועלט, מיט איר פּאַרנעם און פאַרשיידנאַרטיקייט, האָט אים געצויגן צו דער סביבה פון נאַציאָנאַלער ייִדישקייט און צו ייִדיש. אַ גרויסן איינפלוס האָט אויף אים געהאַט זיין עלטערער ברודער, צבי הירש עהרענרייך, איינער פון די פּיאָנערן־גרינדער פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע (געשטאָרבן אין יאָר 1953). דאָס האָט ער זיין ייִנגערן ברודער, חיים, אַריינגעפירט אין אַ ייִדישער שולע, די ערשטע ייִדישע „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פאָלקס־שולע". חיים עהרענרייך איז דאָרט געווען דער ערשטער שילער. און ביז זיינע שפּעטערע עלטער־יאָרן האָט ער ליב געהאַט צו דערמאָנען די שול־יאָרן, די לערע און דערציִונג וואָס ער האָט מיט זיך געטראָגן ביזן סוף פון זיין לעבן. מיט גרויס דרך־ארץ פלעגט ער רעדן וועגן די ערשטע לערער פון זיין ערשטער ייִדישער שולע — יואל ענטין, חיים ליבערמאַן, קלמן ווייטמאַן און אַנדערע, וועלכע האָבן אין אים איינגעפלאַנצט אַ ליבע צו ייִדיש און צו ייִדישע ווערטן. באַזונדערס האָט אויף אים משפּיע געווען יואל ענטין, דער ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיקער, וועלכער האָט דעם יונגן און פעיִקן חיים עהרענרייך אַריינגעפירט אין דער גרויסער און רייכער טעאַטער־וועלט און אים אויך דערנענטערט צום ייִדישן טעאַטער.

פון דער ערשטער „ייִדישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פאָלקס־שולע" איז חיים עהרענרייך אַוועק שטודירן אין ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, דאָרט געלערנט זשורנאַליסטיק, און גלייכצייטיק אויך געווען אַ סטודענט אין דער אַמעריקאַנער דראַמאַטישער אַקאַדעמיע. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך נישט איבער־געריסן זיינע באַציונגען מיט דער „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פאָלקס־שולע" און דאָרט געווען באַשעפטיקט ווי אַ לערער און דער־ציִער.

צו זיינע צוואַנציק יאָר האָט חיים עהרענרייך אָנגעהויבן זיין זשורנאַליסטישע אַרבעט ווי אַ מיטאַרבעטער אין „פּאָר־ווערטס". דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" אב. קאַהאַן האָט דעמאָלט געזוכט אין די יונג־יידישע קרייזן בעלנים אויף יידיש־זשורנאַליסטישער אַרבעט. צווישן די צוויי הונדערט קאַנדידאַטן האָט ער אויסגעפונען אין חיים עהרענרייכן טאַלאַנט, וויסן און יידישער שפּראַך־קענטעניש, און אַזוי אַרום איז ער אויפגע־נומען געוואָרן ווי אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס". זיין ער־שטע אַרבעט האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שילדערונג פון דער אוניווערסיטעט, וואו ער האָט געלערנט, נאָך דעם האָט ער פאַר־עפנטלעכט רעפּאָרטאַזשן וועגן ניו־יאָרק און אָפּשאַצונגען וועגן פּערזענלעכקייטן. אָבער אויך זיינע לימודים אין דער אַמערי־קאַנער דראַמאַטישער אַקאַדעמיע זיינען אים צונוץ געקומען אין זיין זשורנאַליסטישער אַרבעט. לאַנגע יאָרן האָט חיים עהרענרייך רעדאַגירט אין „פאָרווערטס" די טעאַטער־אָפּטיילונג, געשריבן און רעדאַגירט די אַלע איבערזיכטן וועגן טעאַטער, טענץ און מוזיק; פּאָפּולאַריזירט אַלע קינסטלערישע דערגרייכונגען אויף דעם געביט און דערמיט זיך דערוואָרבן אַ וויכטיקן נאָמען צווישן די לייענער. ער האָט זיך אויך אויסגעצייכנט און באַליבט מיט זיינע לייכטע פעליעטאָנען, אונטערן פען־נאָמען הערמאַן קווינס, און מיט די פאַרשיידענע רשימות, אונטער די פּסעוודאָ־ניטען: ה. סטאַכאַריער, מילטאָן דענלי און סידני גאָרדין.

זיין באַהאַונטקייט אין טעאַטער און אין דראַמאַטישער ליטעראַטור האָבן אים סטימולירט אויך אַליין צו שאַפן אויף טעאַטראַלע טעמעס, און אייניקע פון זיינע איינאַקטערס זענען אויפגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג אויף די בינעס פון יידישן טעאַטער.

אין זיין לאַנגיאָריקער זשורנאַליסטישער אַרבעט האָט חיים עהרענרייך אויך אַרויסגעוויזן גרויסע טיכטיקייט און אַקטי־וויטעט. ווי אַ רייזנדער זשורנאַליסט באַזוכט, ערב דער צווייטער

וועלט־מלחמה, אַ סך לענדער: ארץ־ישראל, מצרים, טערקיי, דייטשלאַנד, עסטרייך, פוילן, פראַנקרייך, א. אַנד. די רייזעס האָט ער דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט זיין פרוי, די באַוווסטע טענצערין בעל דידזשאַ. אַלע באַגעגענישן און פּאַסירונגען פון די דאָזיקע רייזעס זענען געקומען צום אויסדרוק אין זיינע רייזע־פאַרצייכענונגען אין „פאָרווערטס". אין 1957 איז אין ניו־יאָרק דערשינען זיין בוך „לענדער און מענטשן", וואָס איז פּרעמירט געוואָרן פון יידישן קולטור־קאָנגרעס.

*

צו פרי איז איבערגעריסן געוואָרן זיין פּרוכטבאַרע שאַפע־רישע אַרבעט. נישטאָ חיים עהרענרייך, און די „פאַרבליבענע ווערטער" קומען ווידער אים דערמאָנען. מיט זייער טעמאַטישער פאַרשיידנקייט קומען זיי עדות זאָגן אויף שרייבערישן אומרו; אויף אַ פערזענלעכקייט, וואָס האָט אין שאַפן, נישט אויפגע־הערט זוכן דעם פּאַסיקן און לויטערן אויסדרוק פאַר עכטער, נשמהדיקער באַגייסטערונג און שווערע, פיל־יסורימדיקע לעבנס־נסיונות.

די זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן, אין דער נאָסטאַלגישער פּריזמע פון „יום־טובדיקע טעג" זענען פול מיט ליבשאַפט צום רבין און צו די קינדער פון „חדר", צו טאַטע־מאַמע און צו באָבע־זיידע. די ווערטער זענען באַשיינט מיט יום־טובדיקער ליכטשיין, מיט שלווה פון יידישער פרומקייט, און אויב נישט נאָך העכער — מיט דעם אינערלעכן ליכט־באַגער פון יידיש־לערער חיים עהרענרייך, וואָס וויל פון זיינע זכרונות מאַכן קעגנוואַרט און צוקונפט... אַריינפלאַנצן, ווי אַ דערציער, יום־טובדיקן נעכטן אין יידישע קינדער — היינט, ווען די וואָך דעקט אַלץ צו...

דער „פרילינג אין שטעטל" האָט נאָך אַלץ געזוניקט און געבליט אין דער נשמה פון חיים עהרענרייך, און ער האָט נאָך אַלץ געחלומט פון זיין „אמתער ווילנע", די ספרימדיקע און

פאָלקסטימלעך־ייִדישע, וווּהין ער וועט זיך אומקערן און געפינען דאָס לעגענדאַרע, ווי ער האָט עס געהערט און איינגעזאַפּט פון טאַטנס סיפורי המעשׂיות, ביז צו זיינע צען יאָר, ערב דעם אַרי־בערפאָר קיין אַמעריקע...

אויך זיינע פיר דערציילונגען, אויפן אַמעריקאַנער הינטער־גרונט, אַנטפּלעקן דעם טיף־ייִדישן מהות פון חיים עהרענרייך. אין דער פאַרבלאָנדזשעטער, לייכטזיניקער יוגנט־סביבה; אין די דראַמאַטישע סתירות צווישן „ער און זי", אויף דער קאַנווע פון אַ צעטומלטן דור, פאַרטאָן אין הולטייסטווע — פילט זיך אַרויס די טיפע עטישקייט פון שרייבער־שילדערער, וואָס גייט זיין אייגענעם וועג, פון יוגנטלעכקייט צו עלטער, מיט מאָראַלישע ווערטן פון אַ טיף איינגעפלאַנצטער ירושהדיקייט פון פרומע דורות.

די פיר דערציילונגען געהערן, אָן שום ספק, צו די אינטערע־סאַנטע פרוון אַריינצופירן אַמעריקאַנער טעמאַטיק און נוסח־אַמעריקע אין ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן.

אַזוי אויך אין זיינע צוויי הספדים־מאמרים וועגן יואל ענ־טין און אהרון סינגאַלאָווסקי. די ליבשאַפט צו די צוויי פער־זענלעכקייטן איז טריי פאַרבונדן מיט זייער גייסטיקן מהות און מיט זייער פּיאָנערישן אויפטו אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. יואל ענטין, דער לערער און סטימולירער פון יונגן חיים עהרענ־רייך, אויפן געביט פון ליטעראַטור און טעאַטער, ווערט דאָ באַ־לוינט מיט דער ווירדיקער ליבשאַפט פון געטרייען, גייסטרייכן תלמיד. און ווידער, ווערט אין טרויערוואָרט נאָך אהרן סינגאַ־לאָווסקי אַרויסגעבערענגט דאָס וואָס איז געווען וועזנטלעך פאַר חיים עהרענרייך גופא: „ער האָט די קאָוואַדלע און די דלאָטע, די ניי־מאַשין און דעם מאָטאָר באַגאָסן מיט דעם ליכט און דער פּאָעזיע פון וווּנדערלעכן גייסט. ער האָט אין זיי אַריינגעגאָסן זיין פעלדזיקן גלויבן און באַהויבט מיט צאַרטקייט און טיפער ליבשאַפט, זיי, די האַרטע, די שטאָלענע, די לעבנסלאָזע". דאָס

איז בעצם אויך געווען דער שרייבערישער תוך פון חיים עהרענ־רייך: אין „די האַרטע, די שטאָלענע" טאָג־טעגלעכקייטן פון אַמעריקאַנער טומל און געווימל — דורך שורשדיקער, יידישער ווערטיקייט און מיט זכרון פון „יום־טובדיקע טעג" צוריק אָפּ־געפינען „ליכט און פּאָעזיע פון ווונדערלעכן גייסט".

מיט וויפל מענטשלעכער אויפריכטיקייט באַשרייבט חיים עהרענרייך די מינדסטע דעטאַלן פון פּאַר און נאָך זיין אָפּעראַציע אין מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל: די קרענק און דער פּחד, און איבער אַלעם, די גוטע עצות און רחמימדיקע מעשׂים פון געניטע, אי־בערגעגעבענע דאָקטוירים. אויך דאָ, אין די שפּיטאָל־פּאַרצייכע־נונגען, אין דער מגילה פון יסורים, קוואַלט דאָס הומאַנישע, די ליבשאַפט צום לעבן און די טיפע דאַנקבאַרקייט צו די מייס־טערישע הענט פון דאָקטוירים, וואָס ראַנגלען זיך מיט די מלאכי חבלה פּאַרן הייליקסטן — פּאַר דעם מענטשס לעבן.

*

וויפל שיינס און גוטס, האָט נישט דערזאָגט, נישט דערשריבן דער פריצייטיק פּאַרשטאָרבענער חיים עהרענרייך. די „פּאַרבלי־בענע ווערטער" — זיי זענען פּאַרבליבן צו באַלייכטן זיין טיף־ליידנדיקע און הויך־באַגעריקע געשטאַלט, צו באַלעבן דעם נאָ־מען פון חיים עהרענרייך — לנצח.

יום־טובדיקע טעג

פ ס ח

מיך אַרט ניט ווי אַזוי די ימים־טובים קומען אין לוח. ביי מיר גייען זיי נאָכן סדר וואָס זיי פאַרנעמען ביי מיר אין האַרצן. צום ערשטן קומט ביי מיר פסח.

ס׳איז ערב פסח. אין שטוב איז אַ גאַנצע איבערקערעניש. בענקלעך, טישן און שטולן האָבן זיך צונויפגעמישט צוזאַמען, אַזוי, אַז דו קאָנסט ניט אָפטיילן איינס פון אַנדערן. די מאַמע, אַרומגעבונדן מיט אַ פאַרטעך איז באַוואָפנט מיט כלי־זין: הייסע שטיינער, בעזעם און קאַטשערעס. זי שייערט, וואַשט, כשרט און האַלט מלחמה מיטן חמץ. איך קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען. וווּ איך שטיי איז ניט גוט, און אויף צו להכעיס ווילט זיך מיר דווקא זיין אין שטוב. מיר טוט הנאה צוזעענדיק ווי יעדע זאַך וואָס גייט אַרויס פון דער מאַמעס האַנט איז ניי, ווי אָט ערשט געקויפט. נאָר דער גרויסער טומל, די אָנגעוואָרפענע זאַכן, ברענגען מיך אין אַזאַ יאוש, אַז איך הייב אָן צווייפלען אויב מען וועט ווען ס׳איז באַווייזן אויסצורייניקן דאָס אַלץ.

נאָר אין איין פלאַץ הערשט שוין פסח אין גאַנצן. דאָס איז אין זאַל מיר ווילט זיך זייער אַריינגיין אַהין, נאָר איך האָב מורא, ערשטנס — פאַר דער מאַמען, פאַר וועמענס קוק אַליין איך האָב איצט מורא, און ווייטער — פאַר דער הייליקער שטילקייט און פסחדיקער שכינה וואָס שוועבט דאָרטן.

נאָר אָט איז שוין די נאַכט פון בדיקת חמץ. אין שטוב איז שוין ריין, די פאַדלאָגע איז אומעטום אויסגעבעט מיט ראָגאָזשעס און ברעטער. די ווענט און באַלקאָנען זיינען שניי־ווייס אויסגעקאַלכט. די מאַמע,

כאָטש זי איז נאָך פאַרהאַוועט, איז אַ סך רויִקער. דער טאַטע נעמט אַ ליכטל, אַ הילצערנע לעפל אַרומגעבונדן מיט אַ טוך, אַ פעדער, אַ סידור און הייבט אָן גיין פון איין פענצטער צום צווייטן, שאַרנדיק שטיקלעך ברויט אין לעפל. מיר וווּנדערט זייער, אַ רעטעניש פאַר מיר: ווער האָט דאָס געקאָנט אַנידערלייגן ברויט אויפן פענצטער? און איך פרעג דאָס טאָקע ביים טאַטן. דער טאַטע לאַכט און הייסט מיר פרעגן דער מאַמען. „אליהו הנביא האָט אַנידערגעלייגט", זאָגט די מאַמע. „וואָס עפּעס אַזעלכע קליינינקע פּיצעלעך"? טראַכט איך מיר: פאַר וואָס ניט גרויסע לאַבנס?

און אָט איז שוין דער לעצטער טאָג פון ע"ב פּסח. ליבער גאָט! וואָס פאַר אַן אונטערשיד עס איז פון אייערנעכטן ביז היינט! עפּעס אַ כּישוף איז געשען. אַלץ איז אַזוי רויִק, און מיר דוכט זיך, אַז פון אַלע שפּאַרעס, פון אַלע לעכער ציט זיך די פּסחדיקע שכינה, שוועבט אַרום די ווענט און באַהערשט דאָס הויז מיט אַ רויִקע, פּסחדיקע שטילקייט. עס איז ניט צו זען כאָטש איין שטיקל חמץ אויף אַ רפואה.

ס'איז שוין פאַר נאַכט. איך, שוין אָנגעטאָן אין מיין נייעם גאַרניטורל, שטיי אין מיטן שטוב און חזר אויפן קול דעם „מה נשתנה" און אָט באַהאַלט זיך די זון הינטער דער שול, פּסח — אַרום און אַרום. און מיר גייען אין שול אַריין. דער הימל איז באַשאָטן מיט טויזנטער פינקלענדיקע שטערן. איך הייב אָן ציילן: איינס, צוויי, דריי... מסתמא אַזוי פיל, וויפל יידן זיינען אַרויס פון מצרים — קלער איך, ווערנדיק מיד און איך הער אויף ציילן.

אָפּגעדאַוונט מעריב קומען מיר אַהיים. „גוט יום טוב", שריי איך אויס פריִער פאַר אַלעמען. איך דערזע דעם פינקלענדיקן, רויטן וויין, ווערט מיר אַזוי פריילעך און חיותדיק אויפן האַרצן, אַז די גאַנצע וועלט וואָלט איך אַרומגענומען פאַר ליבע. איך דערזע אליהו הנביאס גרויסן כּוס אַרויסקוקנדיק שטאָלץ פון צווישן אַלע כּוסות. „אַז מ'וועט עפענען די טיר פאַר אליהון", שריי איך אויס צו מיין שוועסטער „זאָלסטו

קוקן אונטערן טיש און איך וועל קוקן אויפן טיש, וועלן מיר ביידע אים דערזען".

נאָר אַט הייבט זיך אָן דער סדר. פריִער פאַרהערט מיך דער טאַטע אין „קדש ורחץ". איך זאָג דאָס דורך אויף אויסנווייניק אַזוי גרינג און גוט, אַז דער טאַטע גיט מיר אַ קניפּ אין בעקל... מען וואַשט די הענט. דער טאַטע זעצט זיך אַנידער אויף אַ שטויס קישנס. די מאַמע זעצט זיך ביי זיין רעכטער האַנט. די יינגלעך זעצן זיך אַרום דעם טאַטן, די שוועסטער אַרום דער מאַמען. אַלעמענס פּנימער שטראַלן און שמייכלען אוןְ די אויגן פינקלען פון פרייד. די מאַמע איז פונקט דער היפּך פון אייערנעכטן. פריִער איז זי געווען אַזוי אויפגערעגט, מען האָט געקאָנט זייער לייכט קריגן פון איר אַ שטורך און אַ קלאַפּ, איצט איז זי אַזוי מילד און אַזוי ליבלעך. איך זיץ און קוק און מיין האַרץ וואַקסט, וואַקסט פון פרייד. מיר האָט זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז עס איז פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייסן ניט פון פּסח. די גאַנצע וועלט האָט איצט פּסח. מיר האָט זיך געוואָלט אויפשפּרינגען און שרייען, שרייען פאַר תענוג.

אָפּגעזאָגט דעם „הא לחמא" פרעג איך בריהדיק דעם „מה נשתנה" און אַלע ענטפערן „עבדים היינו". איך זיץ און הער זיך צו צו די צרות און נסים פון די ייִדן. נאָך ביים לערנען מיטן רבין די הגדה עטלעכע מאָל האָב איך שוין געוווסט די מעשה אויף אויסנווייניק. מיט אומגעדולד וואַרט איך אויף „שפוך חמתך": איך חלש זען אליהו הנביא. אַז עס קומט צו טרינקען דעם כּוס, טרינק איך טאַקע ניט זשאַלעווענדיק, וואָרעם דער רבי האָט דערציילט אַז דער וואָס טרינקט ווייניק, יענעמס טאַטע שטאַרבט יענעם יאָר, און אַז איך קאָן רעטן דעם טאַטן מיט אַ ביסל וויין, טאָ פאַר וואָס ניט ?...

אַז עס איז שוין געקומען צו „רבותי מיר וועלן בענטשן" האָט מיר עפּעס אָנגעהויבן דרייען אין קאָפּ. מיין קאָפּ איז געוואָרן צו שווער פאַר מיר און האָט זיך אָנגעהויבן בייגן צו דער מאַמען, איך האָב פּלוצלונג דערזען מיין רבין, זיין באָרד איז מיט אַ מאָל אויסגעוואַקסן לענגער, געוואָרן ווייסער. „אליהו" האָב איך אויסגעשריִען און...

האָב אויפגעעפנט די אויגן, אַ שיינע, ליכטיק שטראַלנדיקע זון האָט אַריינגעקוקט אין מיין פענצטער, אַזוי העל און ליכטיק, אַז איך האָב פאַרזשמורעט די אויגן, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב אליהו הנביא ניט געזען. איך בין איינגעשלאָפן און האָב זיך אויפגע־כאַפּט היינט, און ניט געזען אליהון. איך בין אויפגעשפּרונגען פון בעט. „האָסטו געזען אליהו הנביא?" שריי איך צו מיין שוועסטער. נאָר מיין שוועסטער איז געלאָפן צו מיר מיט דער אייגענער פראַגע. זי איז אויך איינגעשלאָפן.

אָפּגעגעסן וואַרעמס, גיב איך אַ צי דער מאַמען פאַרן אַרבל „מאַמע?!" די מאַמע פאַרשטייט מיך, גייט זי און ברענגט מיר גאַנצע הויפנס ניס. „די גרויסע לייג אין איין קעשענע און די קליינע אין דער אַנדערער" זאָגט זי צו מיר.

נאָר איך האָב קוים געהערט וואָס זי האָט געזאָגט, איך בין שוין געווען אין גאַס און געלאָפן צו די חברים. אין דרויסן איז געווען וואַרעם און ליכטיק. וווּ ניט ווו האָט זיך געזען אַ ביסל פאַרטונקלטער שניי — אַן אָנדענקונג פונעם פאַרגאַנגענעם ווינטער.

„חברה", האָב איך אויסגערופן, אַ קלאַפּ טוענדיק מיט די ניס אין קעשענע.

„אַ סך?" האָט געפרעגט עליע דער בעסטער שפּילער אין ניס.

„ס'עט שוין זיין גענוג" זאָג איך און שטעל אַ נוס. עליע האָט די ערשטע און די צווייטע נוס ניט געוווּנען. אָבער דערנאָך איז ביי אים אַוועק ווי אויף הייוון. איך בין געשטאַנען און געקאָכט. זיין רויקער „שנעל, שנעל גלייך אין דריבעלע אַריין" האָט מיך גערייצט און מיר האָט זיך געוואָלט אויף אים אַרויפוואַרפן און רייסן און בייסן שטיקער־ווייז. „מיינע ניס, מיינע ניס" האָט עפּעס אין מיר געשריגן.

נאָך פיר ניס איז ביי מיר פאַרבליבן. „גאָט, וועסטו מיך איצט פאַרלאָזן?" האָב איך פאַרצווייפלט אַ קוק געטאָן אויפן הימל. איך האָב געשטעלט צוויי ניס און... האָב פאַרשפּילט. אין האַרצן האָט ביי מיר געקלאָגט און געוויינט. נאָר איך האָב זיך איינגעהאַלטן פון וויינען,

שעמענדיק זיך פאַר די יינגלעך. נאָך צוויי ניס! אַלעס איז מיר פינצטער געוואָרן. עליע האָט געלייגט די ניס צו זיך אין קעשענע געלאָסן ווי גאָרניט וואָלט פּאַסירט. איך האָב געשטעלט די לעצטע צוויי ניס. מיט פאַרצווייפלונג האָב איך געקוקט אויף זיין האַנט ווי זי שנעלט דאָס אַריין די ניס אין דריבעלע. אָט האָט ער אַריינגעשנעלט דעם לעצטן נוס. עפּעס האָט מיט איר געטראָפן. מיר איז געוואָרן פינצטער, אין קאָפּ האָט זיך מיר אָנגעהויבן דרייען. איך האָב זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים און גענומען רייסן און בייסן און וויינענדיק און שרייענדיק „מיינע ניס״.

אָבער עליע איז, אַפּנים, געווען צוגעוויינט און צוגעגרייט צו אַזעלכע זאַכן, און ער האָט מיר גענומען זעצן מיט קלעפּ קאַלטבלוטיקע, אַזוי ווי ער וואָלט געשפּילט אין ניס. די אַנדערע חברים האָבן זיך אַריינגעמישט און אונדז פאַנאַנדערגענומען.

עס איז שוין געווען פאַר נאַכט און צייט צו גיין אין שול אַריין. איך גיב אַ קוק אויף מיין גאַרניטור: אַ צרה! ער איז אין גאַנצן צעריסן. איך אַליין בין אין גאַנצן אַ צעדראַפּעטער און צעהרגעטער. און דאָ דאַרף איך גיין אַהיים! איך בין אַרויס פון דער היים מיט אַזוי פיל האָפע־נונג אין האַרצן און — ניס אין קעשענע, און ווי גייט מען איצט אַהיים אָן ניס, אָן לייב און לעבן, און מיט אַ צעריסענעם רעקל?

ל״ג בעומר

א

איך עפן אויף די אויגן און מוז זיי באַלד צוריק פאַרמאַכן. דורכן פענצטער לאַכט און לייכט מיר אַריין אַ שטיק פייער, וואָס וואַרפט ברע־נענדיקע סנאָפּעס שטראַלן אויף אַלע זייטן. דער הימל איז לויטער, דורכזיכטיק און אויפן האַרצן ווערט אַזוי לעבעדיק, פריילעך. ס׳איז „ל״ג בעומר״ — בליצט מיר באַלד דורך דורכן קאָפּ. פון פרייד און התפעלות ווערט מיר אַזש גאָר קיל אין האַרצן. „ל״ג בעומר״! ווי אַן אָפּגעבריטער שפרינג איך אויף, איך טו גיך אָן מיין יום־טובדיקן גאַר־ניטור און אין איין מינוט בין איך גרייט. אויף דער נשמה איז אַזוי חיותדיק, דאָס האַרץ איז אַזוי פול, אַז עס ווילט זיך עפּעס טאָן; עפּעס בייסן, רייסן; עפּעס אַזעלכעס אַז דאָס האַרץ זאָל ניט אַזוי קלאַפּן...

איך עפן אויף די פענצטער, שפרינג אַרויס אין סאַד. פון דאָרט קום איך צוריק אַריין אין הויז. די שטוב איז באַגאָסן מיט זון־ליכט און ל״ג בעומרדיקער יום־טובדיקייט. „גוט מאָרגן!״ שריי איך אויס מיט אַן אימפּעט, און די באָבע, וועלכע טראָגט אַ טאַץ מיט גלעזער צום טיש, לאָזט אַרויס די טאַץ פאַר שרעק און די גלעזער צעברעכן זיך אויף שטיקלעך.

און וואָס אַז איך האָב שוין געקראָגן עטלעכע פעטש פון זיידן? ווי קאָן מען וויינען, אַז פון דרויסן רופט די זון, וועלכע ברענט מיט טויזנטער ליכטער? ווי קאָן מען עסן פרישטיק, אַז פון דרויסן זשומעט און הודזשעט דער יונגער, קילער, פרילינגדיקער אינדערפרי און פילט אָן דאָס האַרץ, אַז עס ווילט זיך שפרינגען, לויפן, טאַנצן פאַר פרייד?!

איך כאַפּ מיין „מיט־זיך", מיינע כלי־זיין, די הילצערנע שווערד מיטן שפּיז, און לויף אין חדר. מיר דוכט זיך, אַז שוין שפּעט, מען איז שוין לאַנג אַוועק און איך וועל דאַרפן בלייבן אַ גאַנצן טאָג אין שטוב. מיר ווערט אין גאַנצן קאַלט און איך לויף שנעלער.

אָט איז דער חדר. איך אָטעם אָפּ פרייער: פון אינווייניק טראָגן זיך משונה־ווילדע קולות: דאָס קרייען פון הענער, דאָס מעקען פון שעפּסן, דאָס הירזשען פון פערד, דער ניגון פון הפטורה, און דאָס אַלעס מישט זיך אויס אין עפּעס אַ מיש־מאַש פון קלאַנגען און טראָגט זיך אַרויס אין דרויסן און פּילט אָן די לופט.

פאַר מיר אָבער איז דאָס די שענסטע מוזיק. איך עפן אויף די טיר און וואַרף זיך אַריין אין חדר. פון אַלע זייטן הייבט מען מיך אָן מקבל פּנים זיין מיט פּעטש, שטוסאַקעס, קניפּן און סתם אַזוי זיך מתנות־ידים.

„אַהאַ, האָסט שוין שפּעטער ניט געקאָנט קומען?"

„וואָס קומסטו אַזוי פרי עפּעס, נעבעכל?"

„גיט נאָר אַ קוק אויף דעם מיזיניקל, ניט געקאָנט אַוועקגיין ביז די מאַמע ט'אים ניט אָפּגעווישט דעם נאָז".

„לאָזט אים שוין, דעם ביוניעניו, איר זעט דען ניט אַז ער'ט באַלד אָנהייבן גיסן ביבערס?"

איך וואָלט טאַקע אָנהייבן וויינען פון די קלעפּ און פּעטש, ווען ניט דאָס לעצטע „זאָגעכץ" פון אברהמקען. דער געדאַנק אַז מען וועט מיך אָנהייבן רופן „ביוניעניו" גיט מיר אַזוי פיל כוח, אַז איך זאָל זיך איינהאַלטן און ניט וויינען. איך מיש זיך צוזאַמען מיט די יינגלעך, הייב אויך אָן פּאַטשן און קלאַפּן און זיי פאַרגעסן אָן מיר.

און אין חדר איז אַ טומל, אַ גערודער: דער רבי איז נאָך ניטאָ פון שול. בענקלעך, ספרים, יינגלעך און סתם זאַכן זיינען צוזאַמענגעמישט אַזוי, דאָס דו קאָנסט ניט אָפּטיילן איינע פון די אַנדערע. צוויי יינגלעך האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן ברעטל, וואָס הענגט אַראָפּ פון סופיט אויף פיר שטריקלעך און ווו די רביצין האַלט קעז. זיי האָבן אַריינגעכאַפּט

צווישן זיך די קאַץ און האַלטן זי: איינער פאַרן עק, דער אַנדער פאַר די אויערן. אַלע דריי וויגן זיך און אַלע דריי לאָזן אַרויס אַזעלכע מאָדנע ווילדע יללות, וואָס נאָר מיר אַליין קאָנען עס פאַרטראָגן. נאָך איינער האָט זיך אַרויפגעקליבן מיט אַ קוואָרט וואַסער אויפן ספרים־אַלמער. יעדעס מאָל מאַכט ער אַ ברכה: „שהכל יהיה בדברו", נעמט אַ פולן מויל מיט וואַסער און לאָזט עס אַראָפּ אויף אונדז ווי אַ רעגן, צווינ־גענדיק „טל ומטר". יוסף און עליע זיינען אַרויפגעקראָכן אויף דער ליעזשאַנקע, אַראָפּגעבויגן די קעפּ אַרונטער און שרייען, רעווען סתם אַזוי, וויל עס געפעלט זיי. אַלע איבעריקע טאַנצן אַרום איבער די בענק־לעך, איבערן טיש, שרייען, פּאַטשן און מזיקען זיך. אַלע שרייען און ביי אַלעמען טאַנצן די הערצער פון פרייד! היינט איז דאָך ל״ג בעומר, ל״ג בעומר!

נאָר אָט קומט דער רבי. אַלע ווערן שאַ־שטיל, אַלע זיצן רויִק, ווי־עס־דאַרף־צו־זיין, אויף זייערע ערטער, אַלע וואַרטן אויפן רבין. איבער־געקוקט ביי אַלעמען די שפּייז און די כּלים, הייסט אונדז דער רבי זיך שטעלן אין שורות. מיר ווייסן נאָך פון פאַר־אַ־יאָרן אונדזערע פלעצער און מיר זיינען גרייט צום אָנהייב פון מאַרש. דער רבי שטעלט זיך אין מיטן, און וואַרפנדיק נאָך אַ קוק, הייסט ער גיין.

מיר גייען. פון די הייזער קומען אַלע אַרויס צו זען ווי מיר מאַר־שירן אין וואַלד. אָט שטייט מיין מאַמע, מיין באָבע. אוי, ווי מיר ווילט זיך אויסשרייען: „מאַמע, באָבע!" זיי זאָלן מיך דערזען. איך האָב אָבער מורא מען זאָל פון מיר לאַכן און רופן מיזיניקל. אָט זיינען מיר היני־טערן שטעטל. אויף ביידע זייטן הייבן זיך אויף הויכע, דיקע ביימער און זיי צעוואָרפן זייערע ברייטע, געדיכטע צווייגן דורך וועלכע עס גנבענען זיך דורך די שפּרינגענדיקע שטראַלן. הינטער אָט די ביימער ציִען זיך ברייטע, ווייטע, גרינע פעלדער. זיי שפּרייטן און ברייטן זיך אויס אַזוי שטיל, אַזוי צנועהדיק און דאָרטן, אין ווייטן דאָרטן גיסן זיי זיך צונויף מיטן טיפן, בלויען הימל. פאַר אונדז דרייט זיך אַוועק דער שמאָלער, זאַמדיקער „שליאַך", דרייט זיך, און ווערט פאַרלוירן אין דעם

טונקעלן וועלדל, אין וועלכן מיר׳ן באַלד זיך אָפּשטעלן און מלחמה האַלטן מיט די דרדקי פּיזשיקעס.

די „דרדקי פּיזשיקעס״ זיינען שוין דווקא גאָר קיין פּיזשיקעס. שטאַרקער זיינען זיי, געוויס שטאַרקער פאַר אונדז און גרעסער אויך. נאָר אַזוי ווי זיי לערנען ביי לייבען דעם קליינעם — אַן אַמאָליקער דרדקי מלמד — האָט מען זיי אַ נאָמען געגעבן די פּיזשיקעס, כאָטש איצט לערנען זיי רש״י אַזוי ווי מיר. אַלע יאָר שלאָגן מיר זיך מיט זיי אין וואַלד און אַלע יאָר זאָגן מיר „אַז איבער־אַ־יאָר וועלן מיר שוין געבן ז״. היינטיקס יאָר האָבןביידע רביס אָפּגעמאַכט אַז זיי זאָלן זיך ניט מישן אין דער מלחמה און לאָזן אונדז אַליין זיך שלאָגן אָן זייער הילף. דעריבער האָבן מיר אויסגעקליבן נחומקען, דעם צוועלף־יאָריקן, פאַר אונדזער בר־כוכבא און געשווירן נעמען נקמה פון די דרדקי פּיזשיקעס.

מיר גייען אַריין אין וואַלד שטיל, פּאַמעלעך. מיר ווייסן, אַז די דרדקי פּיזשיקעס זיינען אָדער וועלן באַלד זיין ערגעץ דאָ און מיר ווילן ניט אַז זיי זאָלן וויסן. שטילערהייט צעזעצן מיר זיך אויף דעם געדיכטן, פוכקען גראָז. די זון קוקט אַריין, אַ גאַנצע, אַ ברענענדיקע און באַגיסט אונדזער לאָנקע מיט אַ העלן, געזונטן פרילינגדיקן שיין. די האַרץ ווערט ברייטער, ברייטער, עס ווילט זיך אַריינעסען אין דעם פוכקען, ווייכן גראָז. מיר הייבן זיך אָן קייקלען, מיר הייבן אָן רייסן מיט אונדזערע מיילער דעם גרינלעכן, בשמימדיקן גראָז. עס ווילט זיך שרייען הויך, הויך, אַז דער גאַנצער וואַלד זאָל הערן. אָבער דאָ דערמאָנען מיר זיך אָן די דרדקי פּיזשיקעס און מיר בלייבן שטיל. מיר הייבן אָן עסן אונדזער שפּייז. דער רבי עסט מיט אונדז, און אַרום אונדז איז שטיל. אַ שטילער ווינטל גייט דורך און די ביימער בייגן זיך סודותדיק איינער צום אַנדערן. פון טיפן וואַלד דערטראָגן זיך טויזנטערליי סוויסטשערייען פון פייגל און ווען־ניט־ווען קלינגט אָפּ אַ פאַרבלאָנדזשעטער ווידער־קול.

אָפּגעגעסן אונדזערע מאכלים, באַהאַלטן מיר די רויטע אייער אויף שפּעטער — און פאַרטרינקען, ווער מיט וויין, ווער מיט מילך און ווער מיט פריש־קלאָרינקע וואַסער, הייבט אונדז דער רבי אָן דערציילן די

מעשׂה פון ל״ג בעומר. מיר זיצן ווי אויף הייסע קוילן. וואָס אַרט אונדז פּאַר יענעם בר כוכבא, אַז אָט האָבן מיר אונדזער אייגענעם בר־כוכבא — נחומקען? אויף וואָס דאַרפן מיר די אַמאָליקע רומאים, אַז אָט האָבן מיר לעבעדיקע וועמען צו שלאָגן — די דרדקי פּיזשיקעס! דער רבי זעט אַז אונדזערע געדאַנקען זיינען גאָר איצט ווייט, ווייט ביים שׂונא און ער האָט אויף אונדז רחמנות און הייבט עס אָן מאַכן בקיצור.

נאָר פּלוצלונג... טראַך, טראַך, טראַך... צווייגן הייבן זיך אָן ברעכן און טרעסטשען אויף אַלע זייטן אין וואַלד און איידער מיר האָבן צייט זיך אַרומצוקוקן, באַווייזן זיך אויף אַלע זייטן די דרדקי פּיזשיקעס און קלעפּ הייבן אָן פליען אויף אונדז פון אַלע זייטן. נחומקע — אונדזער בר־כוכבא — שפּרינגט אויף פון זיין אָרט און ניט מיט זיין קול רופט ער צו אונדז — זיין חיל — מיר זאָלן זיך צונויפקלייבן. אָבער גיי שריי, אַז מיר זיינען אַלע צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לאָנקע. אמת, צו איינציקווייז שלאָגן מיר זיך ווי די לייבן, אָבער די דרדקי פּיזשיקעס זיינען צוזאַמען מיט זייער פירער, מיט זייער בר כוכבא, און — מיר פאַלן ווי די פליגן.

איך ווייס ניט ווי ביי די אַנדערע, נאָר איך האָב געוווסט אַז מיר׳ן פאַרלירן, און דערפאַר האָב איך זיך געשלאָגן מיט אַזוי פיל ביטערניש און צאָרן, אַז פאַר מיר זיינען פילע פּיזשיקעס געפאַלן. איך האָב געריסן און געביסן אויף אַלע זייטן. עפּעס אַ מין יִיאוש, אַ מין ביטערע פאַר־צווייפלונג האָט מיך אַרומגעכאַפּט און איך האָב זיך געשלאָגן און... געוויינט. איין געדאַנק האָט ביי מיר געבלישטשעט אין מוח: אַלעס פאַר־לוירן. און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון מיינע אויגן. פּלוצלונג האָב איך דערפילט אַ שטאַרקע האַנט אויף מיין פּלייצע. מיט כּעס האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן אויף הינטן, צו כאַפּן דעם וואָס האַלט מיך. עס איז געווען מיין רבי...

„זע״, זאָגט ער און וויַיזט אויף מיין פּלייצע. איך גיב אַ קוק: מיר ווערט פינצטער אין די אויגן. אין גאַנצן ביזן גאַרטל בין איך אַ הוילער, אַ נאַקעטער, מיין גאַנצער, נייער גאַרניטור הענגט פון מיר אַראָפּ

פאַסנווייז. בלוט רינט פון מיינע פלייצעס און מיין פנים — ווי מען האָט מיר שפּעטער דערציילט — איז פאַרשמירט מיט ערד, באַקלעבט מיט גראָז און באַגאָסן מיט טרערן.

פון די פּיזשיקעס איז שוין קיין סימן ניט געווען. עס איז שוין געוואָרן טונקל. די זון ווי זי וואָלט אויך מלחמה געהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, האָט געוואָרפן שוואַכע, מידע שטראַלן דורך די צווייגן און אַ קילער ווינטל האָט אָנגעהויבן שוועבן איבער דער לאָנקע. לאַנגע שאָטנס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסציִען איבערן גראָז און די ביימער האָבן אָנגעהויבן רוישן און שאָרכן מיט די בלעטער אַזוי געהיימנישפול און מאָדנע.

דער רבי האָט מיר אָנגעטאָן עמעצנס אַ רעקל און מען האָט מיך גענומען פירן אַהיים. גיין האָב איך ניט געקאָנט. די קלעפּ, די פּילפּאַר־גאָסענע טרערן און דער אויסזען פון מיין אָט־ערשט נייעם גאַרניטורל האָבן צוגענומען מיינע אַלע כוחות.

וואָס ווייטער עס איז געווען, געדענק איך ניט. איך געדענק נאָר אַז ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אויף אַ בעטל, מיין מאַמע איז געזעסן נעבן מיר און געוויינט און פון אַ צווייטן צימער האָט זיך געטראָגן דער שטילער, אומעטיקער, בעטנדיקער ניגון פון מיין זיידנס תהלים־זאָגן. אין קאָפּ האָט מיר אָנגעהויבן רוישן און קלינגען און איך בין איינגעשלאָפן.

אין צוויי חדשים אַרום בין איך ווידער געקומען אין חדר. מיין רויט, געזונט פּנים איז געוואָרן בלאַס און איך בין שוין ניט מער געווען דאָס אַמאָליקע שטיפערישע יינגל. און דאָך ליב איך נאָך שטאַרקער מיינע אַמאָליקע ל״ג בעומרס און תמיד, תמיד וועל איך געדענקען מיין אַלטן רבין, מיינע ליבע, ווייטע חברים און אונדזער אַלעמענס ל״ג בעומר.

ב

איינמאָל האָט זיך געטראָפן אַזאַ מעשה וואָס האָט צעשטערט אונדזער גאַנצע שימחה און יום־טוב. ל״ג בעומר האָט געדאַרפט זיין זונטיק און מיר האָבן געהאַט צוויי פרייע טעג: שבת און זונטיק. צוויי טעג! און

אַ גאַנצע וואָך האָבן מיר זיך געגרייט און געלעבט מיט דעם געדאַנק פון דער צוויי־טאָגיקער פרייהייט. און פון גרויס שׂימחה האָבן זיך אַלע מיינע חברים צונויפגעקליבן צו מיר שבת נאָך וואַרעמס אויפן הויף און אָנגעהויבן שפילן אונדזער אַלטן ליבן שפּיל: סאָלדאַטן. פינף ייִנגלעך זענען געווען ייִדן, איינער (געוויינטלעך איך) איז געווען בר כוכבא און די איבעריקע — רויבער. די מלחמה האָט געברענט און די זון פריי־ענדיק זיך מיט אונדזער שׂימחה האָט לאַכנדיק און שטראַלנדיק צוגעזאָגט אונדז אַ שיינעם גליקלעכן ל״ג בעומר. צולעצט האָבן מיר געמאַכט שלום, אַרויס פון שטעטל און אַוועק מיטן גרויסן טראַקט. אַ קיל ווינטל האָט אונדז אַרומגעכאַפּט און אָנגעהויבן גלעטן אונדזערע נאַקנס. אַלץ אַרום אונדז איז געווען אַזוי לעבעדיק און ליכטיק, ווי אַלץ וואָלט געוווּסט פון דעם מאָרגנדיקן יום־טוב. און מיר האָבן גענומען ריידן פון אַמאָל, פון די אַמאָליקע גבורים — אדירים און באַוווּנדערן זיי.

— אוי, ווי איך וואָלט שוין געוואָלט, אַז משיח זאָל קומען — האָקט זיך אַריין אין מיטן כאַטשע, ווען מיר האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן נאַר און גערופן „טיפּש״.

כאַ, כאַ, כאַ — זאָגט נחום — און דאָס ווייסט ניט אַז משיח קאָן ניט קומען ביז וואַנען אַלע וועלן זיין צדיקים?

— איך וואָלט וועלן אַז משיח זאָל איצט קומען, וועל איך ניט דאַרפן קייקלען זיך אונטער דער ערד, און אונטערן ים — זאָגט עליע פאַרטראַכט.

און אַז משיח וועט קומען וועט ער בלאָזן אין שופר און אַלע ייִדן וועלן זיך צונויפקלייבן צו אים און גיין קיין ארץ ישׂראל און די גויים וועלן פּלאַצן פאַר קינאה. זאָג איך עס און מיין האַרץ טאַנצט אין מיר פאַר פרייד.

— דערמאָן זיך, בר כוכבא האָט דאָך מער ניט געהאַט ווי טויזנט סאָלדאַטן ווען ער האָט געהאַלטן מלחמה! — שלאָגט איבער יאַנקעלע מיט זיין פּישטשענדיק קולכל.

— טויזנט! פינף הונדערט האָט ער געהאַט, ניט טויזנט, טוי־ז־נט! — קרימט מיט כעס יהושע.

— וואָס פינף הונדערט, ער'ט געהאַט צוויי הונדערט אויך ניט! הונדערט — ניט מער.

— קינדער, ווו זיינען מיר? — האָט ניט מיט זיין קול אויסגערופן אייזיק — ווו זיינען מיר?

מיר זיינען געבליבן שטיין ווי טויטע. עס איז שוין געווען פאַר־נאַכטלעך. די זון האָט זיך אָנגעהויבן טוליען אין דעם שפּיץ פון ווייטן וועלדל. מיר האָבן זיך אַלע ווי מיט אַ מאָל בייזאַם אַ לאָז געטאָן צוריק צום שטעטל. אַ צרה! מיר האָבן פאַרשפּעטיקט צו קומען אין חדר, זאָגן פּרק מיטן רבין. אונדז איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן. מיר זיינען געלאָפן און קוים געכאַפּט דעם אָטעם. דער וועג איז געווען אַזוי לאַנג. אָבער אָט זיינען מיר געקומען אין שטעטל. וואָס איז דאָס? דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען אויף רעדלעך. אונדזערע מאַמעס זיינען אַרומגע־לאָפן, געוויינט און אונדז געזוכט. מען האָט שוין געוואָלט לויפן אין וואַלד. און דאָ קומען מיר! מען האָט אונדז אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און אָנגעהויבן פאַרוואַרפן מיט שאלות. נאָר אונדז האָט זיך ניט גערעדט. מיר האָבן מיט די אויגן געזוכט דעם רבין, אָבער ער איז ניט געווען. די מאַמע האָט מיך געקושט און מוחל געווען אַלץ, אַבי איך בין געקומען אַ לעבעדיקער. מער ניט די באָבע האָט קרום געקוקט אויף מיר. עס איז געווען פינצטערלעך. די ערד האָט צוגעשטופּט די רויטע זון צום הימל און זי ניט געלאָזט ניט אַרויף ניט אַראָפּ. די זון האָט געוואָרפן שלאָפע, מידע שטראַלן אויף אונדז.

מיט אַ שווערן געמיט בין איך אַוועק יענע נאַכט שלאָפן, אַנזאָגנדיק דער מאַמען זי זאָל מאָרגן אין דער פרי אָנגרייטן ניין רויטע אייער — לויט דער צאָל פון מיינע יאָרן — צו דער סעודה אין וואַלד. גאָט ווייס וואָס דער רבי וועט מאָרגן טאָן אין חדר איידער מיר'ן אַוועק אין וואַלד.

און אַן אומרויקע נאַכט איז דאָס געווען. אָט בין איך געווען ביי די ייִדן אַ פירער אין מלחמה: בר כוכבא. אָט בין איך געלעגן אונטער דער שווערד פון סיוירוס, דעם רוימישן גענעראַל, נאָר דאָס איז גאָר ניט געווען סיוירוס, נאָר דער רבי. מיט אַ גרויסן מעסער. און איך פלעג

זיך אָפּט אויפכאַפּן פון שלאָף מיט שרעק. אין דער פרי האָב איך געעפנט די אויגן און די נעכטיקע זון האָט מיר אָפּגעגעבן „גוט מאָרגן". מיר איז עפּעס געוואָרן אַזוי גרינג און פריילעך אויפן האַרצן, דאָס איך האָב זיך זינגענדיק אָנגעטאָן פאַר אַ מינוט. אָבער באַלד האָב איך זיך דער־מאָנט וועגן דער נעכטיקער פּאַסירונג און אַלץ האָט זיך מיר איבער־געביטן. די גאַנצע שימחה איז מיר נעלם געוואָרן. ווען איך האָב אָפּגע־דאַוונט און אָפּגעגעסן, האָט מיר די מאַמע געגעבן אַ פולן פּעקל שפּייז און נעמענדיק דאָס געווער מיט אַ שווערן געמיט, האָב איך שוין געוואָלט גיין. נאָר אַ מאָדנע זאַך, מיר האָט זיך עפּעס אַזוי געוואָלט ווי וויינען. מיר האָט זיך שוין ניט געוואָלט קיין אייער. אַלץ איז מיר אַזוי ווידער־עסן געוואָרן, אָבער דאָ איז מיר אַ גליקלעכער געדאַנק איינגעפאַלן.

— דבורהלע, קום מיט מיר אין חדר, אָבער אַז מען וועט גיין אין וואַלד וועסטו גיין צוריק אַהיים. יע? — יע? — האָב איך געזאָגט צו מיין קליינער שוועסטערל, וואָס זעענדיק פון מיר אַזוינע גוטסקייטן זייער זעלטן, האָט זי אָנגעהויבן קלאַפּן מיט אירע הענטעלעך.

אין חדר איז עפּעס געווען ניט אַזוי פריילעך ווי אַלע מאָל. מיינע נעכטיקע חברים זיינען אַלע געזעסן אין די ווינקעלעך, ווער מיט אַ קליין ברודערל, ווער מיט אַ קליין שוועסטערל און יעדערנס אויגן האָבן געקוקט צום חדרל, ווו דער רבי איז געווען. די איבעריקע חברים האָבן זיך פריילעך געשפּילט איבערן חדר און כלומרשט ניט באַמערקט אונדז. באַלד איז אַרויס דער רבי פון חדר. אין זיין קעשענע האָבן מיר באַלד באַמערקט די רימענע רצועות. מיר אַלע אומרויק, מיט קלאַפּנדיקע הערצער האָבן געקוקט אויף דעם רבינס יעדער באַוועגונג.

— עה, וואָס איז דאָס?! — האָט דער רבי אַ געשריי געטאָן, אָנ־ווייזנדיק אויף אונדזערע קלענערע ברידערלעך און שוועסטערלעך.

— גייט אַהיים, גייט! — און דאָ זענען מיר געווען זיכער מיט אונדזער סוף: דער רבי קאָן ניט הערן ווי קליינע קינדער וויינען און קליינע קינדער קאָנען ניט צוזען אַ געוויין, ווי מען שמייסט. און באַלד — צו אונדזער חרפה — זיינען מיר געלעגן יעדער באַזונדער אויפן

בענקל און דער רבי האָט אַריבער אונדז געזונגען „ס־ק־ל — יי־ס־ק־ל״.

און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן צו דער ערד און „אבל וחפוי ראש״ האָבן מיר זיך געשלעפּט נאָך די איבעריקע חברים אין וואַלד. דער רבי האָט צוגעזאָגט די קינדער פון אונדז ניט לאַכן, אָבער ווען ער פלעגט ניט הערן, פלעגן זיי זיך גיך אומקערן צו אונדז און זינגען:

גערבאַקט אַן איי
עס טוט, אָה, וויי?
לערנען מוז מען פרק
אַניט קריגט מען אַ חלק.

נו, און וואָס האָבן מיר געקאָנט טאָן? מיר האָבן שוין ניט געשפּילט, נאָר געלעגן איינגעגראָבן מיט די פּנימער אין גראָז. עס איז געווען אַ ניט־היינט־געדאַכטיקער ל״ג בעומר. זאָל מיך גאָט אָפּהיטן פון פאַרשפּילן זיך אַ מאָל און ניט קומען צום פרק.

אַ ייִנגעלע אין חנופה

עס איז שוין דאָס דריטע ליכטל און איך פיל זיך אויפן זיבעטן הימל. אין חדר דאַרף איך ניט גיין. נאָך גאַנצע פינף טעג אויף הוליען און שפּילן! און אַז גאָט וועט געבן און דער לעצטער טאָג וועט אויספאַלן פרייטיק, האָב איך דאָך נאָך אַ טאָג פריי. הייסט עס נאָך זעקס פרייע טעג אויף אַרויסגיין מיט די חברים אויפן שולהויף, אויף מאַכן פון שניי אַ גרויסן אַנטיוכוס מיט אַ שווערד אין האַנט, און מיר חשמונאָים — מיט יהודהן פּאָרויס, מיט רמחים און חרבות, מיט שטעקלעך און קאַט־שעלקעס, גייען מיט שטאָלץ אויפן פּיינד. אַפּרי׳ער גנבענען מיר זיך אונטער שטילערהייט און דערנאָך באַפאַלן מיר מיט אַ שטאַרקן „הידד" דעם שונא, שלאָגן רעכטס און לינקס און אַנטיוכוס פאַלט אַ טויטער...

און איצט זיץ איך אַרום טיש און וואַרט אויפן זיידנס אָנקומען פון שול. איך ווייס אַז דעם זיידנס מינהג איז צו געבן היינט חנוכה־געלט און מיין האַרץ קוועלט אין מיר פון פרייד, דערמאָנענדיק זיך אויף די גוטע חפצים וואָס איך׳ל איינקויפן פאַר דעם געלט. און דערפאַר זע איך צו זיצן שטיל און רויִק און דער זיידע זאָל מיך טרעפן אין דעם צו־שטאַנד. איך בעט גאָט, אַז קיינער זאָל ניט דערציילן פאַר דעם זיידן אויף מיר אַ שלעכטע זאַך, וואָרעם דאָס קאָן פאַרקלענערן די סומע פון מיין חנוכה־געלט...

די באָבע און די מאַמע ענדיקן די אַרבעט, וואָרעם באַלד וועט מען אָנצינדן די ליכטלעך. איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף דעם זיידנס אָנ־קומען. מיר וואָלט זיך שוין זייער וועלן זען זיך מיטן חנוכה־געלט. מיר ווילט זיך זייער אַ שפּרונג טאָן, נאָר דער געדאַנק אַז דער זיידע קאָן

מיר כאַפּן אין מיטן, האַלט מיך אָפּ.

און באַלד עפנט זיך די טיר און דער זיידע גייט אַריין. איך לויף צו צום טיש, נעם דריי דינינקע, וועקסענע ליכטלעך מיטן „שמש" און גיב עס דעם זיידן. אין עטלעכע מינוט אַרום קלינגט איבער דער שטוב אַ „ברוך אתה". דער זיידע זאָגט עס מיט אַ פריילעכן ניגון, די ליכטלעך הייבן אָן ווינקען פריילעך און ווען עס קומט צו „אָמן", זאָג איך עס מיט אַזאַ כּוונה, אַז די באַבע שמייכלט פון נחת. איך גיב אַ קוק אויפן זיידן צי ער האָט באַמערקט מיין „אָמן". ער שטייט אַרום די ליכטלעך אַזוי פאַרטראַכט, דאָס איך פאַרשטיי, אַז זיינע רעיונות זיינען ווייט, ווייט פון דאַנען.

נאָר אָט האָט זיך דער זיידע אויסגעדרייט צו אונדז, אָט זיצן מיר אַלע אַרום טיש און דער זיידע הייבט אָן דערציילן דעם „נס חנוכה". איך ווייס אַז דער זיידע וועט מיך זען צוהערנדיק זיך שטאַרק צו דער מעשׂה, וועט עס אים זייער געפעלן, און איך קאָן קריגן מער מטבעות, און דערפאַר טאַקע שטרענג איך זיך אָן צו פאַרשטיין יעדע זאַך.

„און מיט צען טויזנט מאַן איז יהודה המכבי אַרויס אַנטקעגן פערציק טויזנט יוונים", דערציילט דער זיידע. מיר געפעלט דאָס זייער, נאָר מיר גלייבט זיך דאָס עפּעס ניט, „ווי קאָן דאָס זיין? צען טויזנט אַנטקעגן פערציק טויזנט!" ביי אונדז אין שטעטל וואָלטן צען גויים דערהרגעט פערציק יידן. אָט זיינען מיר אייערנעכטן אַרויס הינטערן שטעטל מיט שליטלעך זיך גליטשן אַראָפּ פון באַרג. מיט אַ מאָל, מיר זעען צוויי שקצים גייען. איך זע די ייִנגלעך ווילן מאַכן פליטה. איך האָב זיי גע־פּרוווט אָפּהאַלטן, נאָר ס׳איז געווען אומזיסט. מיר זיינען אַלע אַנטלאָפן, ניט ווויסנדיק אַפילו צי זיי גייען זיך שלאָגן, צי זיי גייען זיך גלאַט אין שטעטל.

„און דאָ גאָר גייען זיי אַנטקעגן אַזאַ חיל!" מן הסתם זיינען זיי געווען גבורים, קלער איך זיך. „ווען זיי וואָלטן געווען אַזעלכע דאַרע און אויסגעמאַטערטע ווי אונדזערע, וואָלטן זיי טאַקע ניט געקראָכן".

און מיין דמיון מאָלט מיר יהודהן: אַ ריז, אַ גבור, ווען ער טרעט

בייגט זיך די ערד אונטער זיינע פיס, די אויגן וואַרפן פלאַמען, און איך גיב זיך אַזש אַ טרייסל פאַר שרעק. און מיין פאַנטאַזיע מאָלט מיר דאָס יידישע חיל: איינער שטאַרקער פאַרן אַנדערן. די שפּיזן שיינען אַנטקעגן דער זון. יהודה זיצט אויפן פלינקן פערד. פון ווייטן שטייט דער שונא. די מענטשן זיינען כחול הים, אָבער אַזעלכע קליינינקע און ציטערדיקע.

איך הער זיך צו צו דער העלדישקייט פון יהודה המכבי און מיין האַרץ פרייט זיך. „הע, הע, זאָלן זיי גייען, די שקצים זיך שלאָגן מיט זיי, וואָלטן זיי שוין כאַפּן קלעפּ!" נאָר איך ווייס אַז יהודה וועט דאָך פאַלן! און מיין האַרץ טוט מיר אַזוי וויי! און וואָס אַלץ נענטער עס קומט צום סוף ווילט זיך מיר אויסשרייען: „זיידע, הער אויף זיידע!" איך גיב אַ קוק אויפן זיידן. זיין פּנים גלאַנצט ווען ער דערציילט וועגן דער לעצטער שלאַכט. „און יהודה איז געפאַלן", און אַלע בלייבן שטיל, דעם זיידנס פּנים שיינט פון פרייד אויסגעמישט מיט צער. „אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין", זאָגט ער און שטייט אויף. איך זיץ און טראַכט: „וואָס מיינט אַנדערש האָט ניט געקאָנט זיין?" דאָס חנוכה־געלט ליגט מיר שוין ניט אין קאָפּ. דער זיידע גייט אום איבערן שטוב. באַלד גייט ער צו צום טיש־קעסטל, נעמט אַרויס דריי פּינפּערלעך און גיט מיר. די ליכטלעך שמעלצן און לעשן זיך שוין. „און יהודה איז געפאַלן ווי אַ העלד" קלינגט אין מיינע אויערן דעם זיידנס רייד, און מיך מאַטערט דער געדאַנק „פאַר וואָס האָט אַנדערש ניט געקאָנט זיין?"

פורים

„ברוך־ו־ך אתה־הה ד׳ אלקינו מלך העולם שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה־ה״. ר׳ לייזער שטייט אויף דער בימה און לאָזט הערן די ברכות פון דער מגילה. אַלע לאָמפּן אין שול ברענען, דער אָרון קודש איז באַלויכטן און דער גאַנצער עולם שטייט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, גלייך ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל געהערט די מגילה. מיר, יינגלעך, שטייען מיט אָפענע מיילער אויף די בענק, וועלכע ציִען זיך אַרום די זייטן פון שול, די "קאלאקאטקעס" גרייט אין די הענט און וואַרטן אויף „ה־מן בן המדתא האג־גי־י״. מיר אַלע הייבן אָן קלאַפּן און הרגענען אַזוי שטאַרק און לאַנג, דאָס דער שוחט און מורה־הוראה, וועלכע שטייען ביי די זייטן פון דעם בעל־קריאה, דאַרפן קלאַפּן עטלעכע מאָל אין טיש איידער מיר ווערן שטיל. אָבער דערווייל ציט זיך די מגילה אַזוי לאַנג און קיין המן איז ניטאָ. איך הייב אָן פיינט האָבן לייזערן פאַר זיין ציִען און ציקלען זיך אַזוי לאַנג. איך קוק אויף מיין „קאלאקאטקע״ — ווי אַלט עס איז און שיין. אויף איין זייט איז אויסגעמאָלן המן, אויף דער אַנדערער — זרת, און המנס קאָפּ און זרתעס פיס זיינען שוין אָפּגעריבן פון קלעפּ, קוים וואָס מען זעט זיי. מיר געפעלט עס זייער. „אָהאָ, זאָלן זיי וויסן ווי צו טשעפּען זיך מיט יידן״. און אַז עס קומט צו המן בן־המדתא האגגי, קלאַפּ איך מיט אַזאַ התמדה, אַז איך זע ממש מיט מיינע אייגענע אויגן ווי המן בייגט זיך צוזאַמען פאַר ווייטאָג.

מיר גייען אַהיים איבער דער גאַס און קלאַפּן מיט די גראַגערס. אין גאַס איז קעלטלעך, די קליינע בלאָטקעלעך זיינען באַצויגן מיט אַ שוואַכן דינעם אייז און עס איז נאָך כמעט ניטאָ קיין סימן פון פרילינג. אויך אין

שטוב איז פינצטערלעך. די אָט ניט־לאַנג אָנגעבאַקטע און אָנגעהאָניקטע המן־טאַשן בלישטשען אויף דעם טיש און דער טונקעלער פייער שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי.

אָבער מיר גייען גלייך אין זאַל. וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק פון פאַרהויז! אַ גרויסער לאָמפּ שטייט אויפן טיש און וואַרפט אַ העלע שיין אַרום זיך. דאָס גאַנצע הויזגעזינד זיצן אַרום טיש, אויף וועלכן אַ ווייסער טישטעך איז אויפגעשפּרייט, און וואַרטן אויף אונדז, אויפן זיידן, אויפן טאַטן און אויף מיר. די מגילה ליגט אויפן טיש אָן אָנגעגרייטע און אַזוי קונציק פאַנאַנדערגעבלעטערט, דאָס מיך כאַפּט אָן מיין יער־לעכער יצר הרע, צו גנבענען די מגילה און אַליין פּרווון פאַנאַנדער־וויקלען זי.

נאָר אָט גייט דער זיידע צו צום טיש און הייבט אָן לייענען די מגילה פאַר די פרויען. די באָבע און די מאַמע רוקן זיך צו נענטער, שנייצן זיך אויס און גרייטן זיך צו הערן די מגילה אין טייטש־חומש. איך פּרווו די „קאַלאַקאַטקע", מיין שוועסטערל לויפט און כאַפּט אַ גרויסן מעשענעם טאָץ מיט אַ קאַטשעלקע און מיר זענען פאַרטיק פאַר דער אַטאַקע, מוכן ומזומן צו הרגענען המנען. דער זיידע לייענט און נאָר צוויי מאָל שלאָג איך המנען און פאַל אין דער מלחמה אַנטשלאָפן.

אויף מאָרגן כאַפּ איך זיך אויף און מיין אָנטאָן־זיך געדויערט צוויי מינוט. איך צעלייג מיינע שלח־מנות אויף אַ טעלערל און זאָג צו דער מאַמען, אַז טאָמער וועט מען מיר שיקן שלח־מנות אין מיין אָפּוועזנהייט, זאָל זי פון עליעס שלח־מנות אַראָפּנעמען אַ פידעלע און געבן אים אַ פּיסעלע, פון יוספס אַראָפּנעמען ושתין און געבן דאָס שליסעלע, וועלכע איז אַ ביסל אָפּגעביסן, נאָר זי זאָל דאָס אַנידערלייגן אַזוי, אַז מען זאָל דאָס ניט דערזען. און איך זאָג איר צו אַז זי זאָל למען השם ניט אַוועק־געבן מיין „מרדכי פאַרט אויפן פערד". און מיט אַ גרינגן געמיט לאָז איך זיך אין שול וווהין דער זיידע מיטן טאַטן זיינען שוין לאַנג אַוועק.

אין שול איז אַ טומל, אַ טאַראַראַם. די „קאַלאַקאַטקעס" קלאַפּן, דער עולם רעדט און שרייט און דער שמש קלאַפּט אָן עמוד און שרייט מיט

זיין הייזעריקן קול, אַז עס איז שוין צייט דאַווענען. איך לאָז זיך זוכן מיינע חברים. איך געפין זיי און מיר ריידן אָפּ ווי, ווען און מיט וועמען מיר זאָלן שיקן איינער דעם אַנדערן די „שלח־מנות״, וואָס מען זאָל אַראָפּנעמען און וואָס אַרויפלייגן, און מיר צעגייען זיך פריילעך צו אונדזערע עד־טער.

דאַנקען גאָט שוין אָפּגעדאַוונט און איך פון גרויס פרייד און תענוג פאַרגעס דעם יראת הכבוד פאַרן זיידן און טאַטן און לאָז זיך אַהיים מיט אַזאַ הידד, דאָס ביי דער מאַמען פאַלן אַרויס די המן־טאַשן פון די הענט. נאָך דעם זיידנס מגילה, עסן מיר וואַרעמס, אמת ניט אַזאַ רייכן ווי פסח, און סוכות, אָבער דערפאַר האָבן מיר ניט אויף די לעצטע טעג פון די יום־טובים אַזעלכע סעודות ווי היינט ביי נאַכט.

און אָט וואַרט איך אויף די „שלח־מנות״ פון מיינע ייִנגערע חברים. די צייט ציט זיך אַזוי לאַנג, אַז איך הייב אָן צו שלעפערן און חלומען, און מיר דוכט זיך, אַז עס איז שוין באַלד נאַכט. דער טיש איז געגרייט מיט אַ ווייסן טישטעך און מיט שיינע געשיר. דער גרויסער, אויסגעפוצטער לאָמפּ ברענט פריילעכער און ליכטיקער ווי אַלע מאָל. די שטוב איז אַזוי יום־טובדיק, וואַרעם און ליבלעך און אַלע אין שטוב זענען אַזוי פריילעך און גליקלעך, דאָס איך הייב אָן שפּרינגען אויף איין פוס, און איך בין אין געפאַר צו קריגן צוליב דעם אַ פּאַטש פונעם טאַטן. די באָבע, פון גרויס שׂימחה ווייס ניט וואָס צו טאָן און דרייט זיך אויף איין אָרט. „שלח מנות״ טראָגט מען אַריין און מען שיקט אַרויס (ביי נאַכט שיקן די גרויסע) און עס איז טומלדיק. נאָר אָט זעצט מען זיך צום טיש און עס פאַנגט זיך אָן די סעודה. איך ווייס ניט צי עס איז די יום־טובדיקייט, צי דער טעם פון די מאכלים, נאָר מיר מיט מיין שוועסטער איז אַזוי פריילעך, אַז אונטערן טיש קנייפּן מיר זיך און שטויסן זיך מיט די פיס.

פלוצלונג עפנט זיך די טיר און עס קומען אַריין פריילעך די פורים־שפּילער. דער זיידע אָבער לאָזט זיי ניט שפּילן מער ווי „המנס מפּלה״ און „עקידת יצחק״. ער רופט זיי אַלעמען צום טיש ווו פלעצער זיינען שוין אָנגעגרייט פאַר זיי פון פריִער און מען הייבט אָן הוליען, זינגען

און „לחיימען״ אויף וואָס די וועלט שטייט. און אַז עס ווערט שוין גאָר לעבעדיק, פריילעך, „כטוב לב המלך ביין״, ווען דער זיידע איז שוין גאָר אויפגעלייגט, גייט ער אַוועק פון טיש, זיין אָרעם מיט לייבע דעם סטאָליערס פלעכטן זיך צוזאַמען, אַלע לייגן די הענט איינאַנדער אויף זייערע און מען גייט אַוועק אַ „ויחביאנו בצל ידו״. צוגעקלאַפּט מיט די פיס, די קעפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן, די בערד מישן זיך צוזאַמען, די פּאָלעס פון די קאַפּאָטעס פליִען זיך פאַנאַנדער ווי פליגלען, די ציצית וואַרפן זיך, די אויגן בלישטשען און די גאַנצע שטוב איז פול מיט מענטשן פונעם גאַנצן שטעטל. אַלע מענער טאַנצן, די ווייבער האַפּקען צו, און מיר קינדער כאַפּן זיך אויך אָן און אַלע דרייען זיך ווילד „ויח־ ביאנו בצל ידו תחת כנפי השכינה״.

„זע נאָר, זע ווי דאָס יִנגעלע איז אַנטשלאָפן געוואָרן זיצנדיק! מען האָט דאָך דיר שלח־מנות געבראַכט!״ הער איך ווי די מאַמע שרייט און וועקט מיך. איך כאַפּ זיך אויף און עס איז נאָך דערווייל העלער טאָג, ניטאָ קיין סימן פון פאַרנאַכט, נאָר מיר ווערט אַזוי אומעטיק און מיר דוכט זיך, אַז דער טאָג וועט זיך ציִען אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג און די סעודה וועט קיין מאָל ניט קומען, קיין מאָל.

פאַר נאַכט אין חדר

ס׳איז בין השמשות. אין חדר איז טונקל, פינצטערלעך, און נאָר דורכן פענצטער בליאַסקעט אַריין צו אונדז דער פרישער שניי וועלכער האָט זיך אויסגעלייגט אויף דער ערד, אויף די דעכער און אומעטום. אינוויינִיק איז אַזוי וואַרעם, ליבלעך און זיס, דאָס מיר חדר־יינגלעך רוקן זיך צו נעענטער איינער צום אַנדערן און אונדז ווערט אַזוי צירלעך, אַזוי חיותדיק אויפן האַרצן. מיר טוליען זיך נעענטער צום רבין, און זיין האַנט וועלכע גלעט אונדזערע קעפּלעך, איז סאַמעטיק־גלאַט און אַזוי רויק, אַז מיר הערן זיך אויף שרעקן פאַר די מעשהלעך וואָס ער דערציילט אונדז.

דער רבי דערציילט און זיין קול צעגיסט זיך אין דער פינצטערניש, פילט אָן יעדעס ווינקעלע און וועבט זיך אַרום אַרום אונדז און פילט אָן אונדזער נשמה מיט אַזוי פיל פאַרגעניגן, מיט אַזוי פיל נחת, אַז פון שימחה הייבט אונדז אָן אַזש אינווייניק צו שטיקן, עס ווילט זיך אויפשטיין און שרייען, עפעס טאָן, אַז די פרייד זאָל זיך צעפליסן און אַלץ פאַרפלייצן. דער רבי דערציילט און אין דער טונקלקייט שווימען פאַר אונדז אַרויס תנאים, צדיקים — זקנים, און פון זייערע אויגן שפּראָצט אַזוי פיל גוטסקייט און רחמנות, אַזוי פיל ליבע! מיר טוליען זיך אַלץ נעענטער צום רבין.

דער רבי איז אַזוי גוט און ליב און עפעס אַ מין רחמנות נעמט אונדז אַרום פאַר אים. וואָס וואָלטן מיר ניט געטאָן פאַר אונדזער טייערן רבין?! וואָס וואָלטן מיר ניט געקאָנט פאַר אים באַווייזן? אונדזער ליבע און דאַנקבאַרקייט צו אים דערפאַר וואָס מיר קאָנען זאָגן אונדזערע חברים

פון אַנדערע חדרים „אונדזער רבי!", מיט אַזאַ טאָן, דאָס זיי ווילן שוין מער אַ וואָרט ניט זאָגן קעגן אים!! אונדז ווילט זיך אַרומנעמען דעם רבין, קושן זיין לאַנגע, שוואַרצע באָרד, וועלכע איז ווו ניט ווו שוין מיט קוים ווייסע, זילבערנע הערעלעך באַשאָטן.

און ווי זאָלן מיר ניט ליבן אונדזער טייערן רבין?! איינמאָל האָבן מיר „שופטים" געלערנט. מיר זיינען געקומען צום אָרט ווו אַלע יידן זיינען אַרויס אין מלחמה קעגן שבט בנימין דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אַרויסגעבן דעם מערדער פון אַ יידישער פרוי. „רבי, יידן מיט יידן!" האָבן מיר אויסגעשריִען! מיר האָבן דערפילט אַזאַ ווייטאָג, אַזאַ טיפן שניט אין האַרצן: „יידן מיט יידן". דער רבי איז געזעסן שטיל, נאָר אין זיינע אויגן איז געווען אַזוי פיל צער און פאַרדראָס, אַזוי פיל אומבאַוווסטע בענקעניש און אַזאַ טיפער טרויער, דאָס אונדז האָט זיך געוואָלט וויינען צוזאַמען מיט אים. היינט זיינע מעשׂהלעך! וואָס וואָלטן מיר ניט אָפּגעגעבן פאַר זיינע ליבע, שיינע יידישע מעשׂהלעך! עס קומט פאַרנאַכט בין מינחה־למעריב, מיר זיצן מיטן רבין אין ווינקל. דער רבי דערציילט און אונדז ווילט זיך, אַז תמיד זאָלן מיר אַזוי זיצן און הערן דעם רבינס מעשׂהלעך און אגדות. נאָר אָט צינדט די רביצין אָן פייער, אַלעס צעשווימט זיך, אויפן האַרצן ווערט אַזוי אומעטיק און וואָכעדיק און מיר פאַרענדיקן דעם שיעור.

מיר גייען אַהיים. אין דרויסן גיט אונדז אַ קלאַפּ אין די אויגן דער שניי וועלכער בלישטשעט און גלאַנצט מיט טויזנטער פונקען. דער וועג אין מיטן גאַס איז גלאַנצנדיק פון די צוריקגעפאָרענע שליטנס. די לופט איז קאַלט און קרעפטיק און אונדז אָטעמט זיך אַזוי פריי און לוסטיק. דאָס האַרץ ווערט ברייטער און עס ווילט זיך לויפן, שרייען, וואַרפן זיך אין דעם ווייכן, ריינעם שניי. עס ווילט זיך איינעסן אין אַלץ אַרום, עס ווילט זיך צופאַלן צום שטראַלנדיקן שניי, אים קושן און דריקן צום האַרצן.

„קינדער", שרייט עליע מזיק „נו, מיר'ן זיך פליִען גליטשן! מיר'ן גנבענען ליוקע גויס שליטן, אַוועק אויפן באַרג און גליטשן זיך".

„און דער רבי מאַרגן ? וואָס׳ט מאָרגן זאָגן דער רבי ?״ זאָג איך, אום צו פּרווון אָפּהאַלטן זיי, נאָר אין האַרצן וויל איך נאָך מער פון זיי אַוועק אויפן באַרג — אַריינפּאַקן זיך אין שליטן און פליִען אַרונטער...

„רבי, רבי״ מאַכט עליע מזיק״, דער רבי ט׳זיך באַלד שלאָפן לייגן און ט׳גאָר ניט ניט וויסן״.

שטילערהייט זיינען צוויי פון דער חברה אַריבער איבערן פאַרקאַן צו ליוקע — דער איינציקער גוי וואָס האָט געוווינט אין שטעטל. אויף זיין הויף האָבן מיר אויפגעשלאָסן פון אינווייניק דעם טויער און שטילער־הייט האָבן מיר אַראָפּגעפירט פון הויף זיין גרויסן שליטן. אַראָפּפירנדיק דעם שליטן עטלעכע טריט פון ליוקעס הויז, האָבן מיר זיך מיט הויכע אויסגעשרייען אַ לאָז געטאָן אַרויפצו. אָט זיינען מיר אויפן באַרג הינ־טערן שטעטל. אויף ביידע זייטן שטייען הויכע, ווייסע ביימער. הינטער זיי שפּרייטן זיך אויס ברייטע, גלאַטע, פינקלדיקע שניי־פעלדער און אין פאָרנט שלענגלט זיך אַוועק דער וועג, שלענגלט זיך און ווערט פאַרלוירן אין דעם ווייס־שוואַרצלעכן וועלדל, ביים ראַנד פון קאַלטן, אויסגעשטערנטן הימל.

מיר וואַרפן זיך אַריין איינער אויף דעם אַנדערן אין שליטן, וועלכער איז פאָרנט שמאָל און הויך און צום לעצט ברייט און פלאַך. ביי איינעם בלייבט אַרויסשטעקן אַ פוס פון שליטן און שלעפּט זיך נאָך אויפן שניי. דער אַנדערער ליגט אין שליטן, נאָר ביידע הענט האָט ער, אַפנים, ניט געהאַט קיין צייט אַריינצוכאַפּן און זיי זיינען געבליבן הענגען אין דער לופטן, איך ווייס ניט ווי עס איז אויסגעקומען, נאָר איך האָב זיך געפונען ליגנדיק מיט די פיס צום פאָרנט און מיטן קאָפּ — אַרונטער צום הינ־טערשטן טייל פון שליטן. אויף אַרום און אונטער מיר זיינען געלעגן ייִנגלעך. אַלע האָבן זיך גערוקט, געשטופּט און געשריִען. אַלע האָבן זיך געוואָלט בעסער איינאָרדענען. עליע מזיק און נחום בולדיר זעצן זיך אין פאָרנט פון ביידע זייטן, מיט צוויי לאַנגע קרומע שטעקנס, אָנצו־פירן, זען אַז דער שליטן זאָל גיין גלייך, ניט אָפּקערן זיך רעכטס אָדער לינקס. עמעצער פון הינטן הייבט אָן שטופּן דעם שליטן, אַלע הייבן אָן

לאַכן און איך פּיל אַז מיר הייבן זיך אָן רוקן, רוקן, פריִער פּאַמעלעך, שטיל און דערנאָך אַלץ גיכער און גיכער. אין האַרצן ווערט עפּעס קאַלט פאַר שרעק. עמעצנס פוס וועלכע ליגט גלייך אונטער מיר הייבט מיר אָן קלאַפּן אין בויך און די געשרייען וואַקסן אַלץ העכער און העכער, איך גיב אַ קוק אָן אַ זייט. פאַרביי אונדז פליִען פאַרשנייִיקטעביימער און די ערד דרייט זיך. אויפן האַרצן ווערט אַזוי מונטער, דער שליטן פליט און עס איז אַזוי וואַרעם צווישן אַלעמען. איינער הייבט אָן זינגען, אַלע העלפן און דאָס געזאַנג צעטראָגט זיך, וויקלט זיך איין איבער דעם שטראַלנדיקן פעלד און פאַרלירט זיך ערגעץ אין ים פון ריינעם שניי. פּלוצלונג אַ צרה! דער שליטן איז אויף אונדז און מיר אַלע צוזאַמענגעוואָרפן ליגן טיף אינעם שניי. אַלע הייבן מיר אָן שרייען. עפּעס טוט אונדז דאָס אַ ווילדע הנאה. מיר הייבן זיך אויף, אין גאַנצן ווייסע און צום ערשטן קלאַפּן מיר גוט אָן אונדזערע „אַנפירערס". מיר לויפן ווייטער מיטן שליטן אַרויף, לעבעדיק, גיך, דער שניי סקריפּעט צום טאַקט און יעדער איינער שרייט: „ליבסט זיך גליטשן — ליב אויך דאָס שליטעלע פירן". און די צייט פליט אַזוי גיך און פריילעך.

אַט שטייען מיר שוין אַוודאי צום צענטן מאָל ווייטער אויפן שפּיץ באַרג, ווילן זיך שוין נעמען וואַרפן אין שליטן, נאָר פּלוצלונג שרייט יעקב אויס:

— „קינדער, זעט, דער רבי, אַלע..." — מיר גיבן אַלע אַ קוק אונטן און אונדז ווערט פינצטער אין די אויגן. אונדזערע מאַמעס מיטן רבין און ליוקען, להבדיל, בראש גייען צו אונדז. איצט דערמאָנען מיר זיך וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן: פון חדר זיינען מיר אַהיים ניט געגאַנגען. די מאַמעס ניט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן אויף אונדז, זיינען, מסתמא, אַוועק אין חדר. און אַט זיינען זיי שוין דאָ.

וואָס מיט אונדז האָט זיך געטראָפן דאַמאָלסט ביי נאַכט וועל איך בעסער דורכלאָזן. דער רבי, אָבער, האָט אונדז גאָרניט געזאָגט. און אַט דאָס שווייגן פון דעם רבין איז געווען פאַר אונדז ערגער פון אַלץ. מיט שווערע הערצער זיינען מיר אַוועק שלאָפן. אויף מאָרגן אין דער פרי,

ווען מיר זיינען געקומען אין חדר, איז אונדז געווען עפּעס אַזוי אומעטיק, אויפן האַרצן איז עפּעס שווערעס געלעגן און מיט שרעק און אויך אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן רבין. דער רבי איז אַרויס. איין גאָט ווייס וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אין דער מינוט וואָס דער רבי איז געשטאַנען און געקוקט אויף אונדז. מיר האָבן ניט געזען נאָר געפילט, אַז ער קוקט אויף אונדז.

„זעצט זיך, עפנט די חומשים" — אָט דאָס האָט ער געזאָגט און מער גאָרניט.

פרילינג אין שטעטל

ס'אַראַ שיין בילד מיטן אָנקום פון פרילינג! די זון גייט אַרויף אויפן מיטן הימל און צעפליסט איר וואַרעם ליכט אויף דער וועלט. דער הימל איז ריין און בלוי, נאָר קליינינקע, ווייסע בעלמעלעך, וועלכע שוועבן איבער אים, באַווייזן און דערמאָנען, אַז אויך מיט גרויסע, שוואַרצע וואָלקנס איז ער געווען באַדעקט...

די פעלדער האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די ווינטער־קליידער און האָבן אָפּגעאָטעמט פרייער. זיי זיינען נאָך נאַס פון דעם צעגאַנגענעם שניי. קליינינקע גרעזעלעך הייבן זיך שוין אָן באַווייזן אויף זיי און קוקן אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט אומפאַרשעמט, זיי שלינגען די פייכט־קייט דורשטיק און אָן אויפהער.

אויך דער טייך, ווען ער האָט דערפילט דעם אָנקום פון פרילינג, האָט אָנגעהויבן מיִען צו באַפרייען זיך פונעם שווערן, דריקנדן אייז. ער האָט זיך מיט כוח אַ הייב געטאָן און אַראָפּגעוואָרפן דעם אייז. אַ שטראָם פון קוועלנדיק, שטאַרק וואַסער האָט זיך אַ שפּאַר און אַ גאָס געטאָן און פאַרפלייצט די שטיקער אייז, און זיי פאַ־שלונגען. אויך די קליינע בלאָטקעס אין שטעטל, קוקנדיק אויף זייער עלטערן ברודער, דעם טייך, האָבן זיך אָנגעקליבן מיט מוט און ענערגיע, אַראָפּגעוואָרפן דעם פאַנצער און זיך געלאָזט לויפן צום שטורעמדיקן טייך מיט גערויש און געפילדער.

און אויפן אַנדערן עק שטעטל שטייט שטאָלץ דער אַלטער וואַלד. דערפילנדיק דעם פרילינג, האָט ער אויסגעטאָן דעם ווייסן קיטל, אָפּגעאָטעמט פרייער און אַ הייב געטאָן זיך צום הימל. די צווייגן האָבן זיך

שוין אָנגעהויבן באַגרינען, דיביימער בוקן זיך אין אַלע זייטן, שושקען זיך און דערציילן איינער דעם אַנדערן אַלטע סודות.

און אויפן בלויען האָריזאָנט זעען זיך מחנות פייגל, וועלכע פליִען צוריק צו זייער אַלטער היים פון די וואַרעמע לענדער. מיט קולות און מיט פרייד־געזאַנג באַגריסן זיי זייער היים. יעדערער איילט זיך צו זיין אַלטער נעסט. אַ סך פייגעלעך געפינען זייערע פריִערדיקע נעסטן און פלאַטערן אַרום זיי מיט אַ פריילעך געזאַנג. די וואָס געפינען ניט זייערע נעסטן זיינען אויך ניט אומעטיק. זיי נעמען זיך מיט באַגייסטערונג בויען נייע, אָן פאַרצווייפלונג. אַלע זיינען פאַרנומען. אַלע איילן און אַר־בעטן מיט געזאַנג. דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך, דער גערויש פון טייך און די קלאַפערייען פון די פויערישע וועגענער פאַראייניקן זיך אין איין קול, אין איין האַרמאָניע, און דאָס אַלץ צוזאַמען זינגט דאָס ליד פון פרילינג, דאָס ליד פון פרייהייט און דערוואַכונג.

אויך צווישן די פיר־פיסיקע, די חיות זעט מען די טריט פון פרילינג. די בהמות גייען אַרויס פון די שטאַלן צום פרייען פעלד. זיי קוקן זיך אַרום אין אַלע זייטן, זיך וווּנדערנדיק אויף דער איבערקערעניש וואָס איז פאָרגעקומען. זיי הייבן אָן שמעקן די קליינע גרעזעלעך און ווו ניט ווו כאַפּן זיי אַרויס אַ גראָז. זיי הייבן אויף די קעפּ, דרייען מיט די עקן און פאַרגייען זיך, אין נחת, מיט אַ לאַנגן, שטאַרקן „מו״. די קעלבעלעך לויפן נאָך די מוטערס און מיט פאַרוווּנדערטע, תמע אויגן קוקן זיי אויפן בלויען הימל, אויף דער שמייכלענדיקער זון, אויף דער גאַנצער נאַטור. די הינט ליגן אונטער דער זון און וואַרעמען זיך, די קעפּ אויף די פאָדערשטע פיס, די אויגן האַלב פאַרמאַכט, ווי פוילנדיק זיך זיי צו פאַרמאַכן, און מיט די עקן טרייבן זיי אַראָפּ די עזות־פּנימדיקע פליגן. די קעץ בלייבן ליגן אויף די פריזבעס און דרעמלען.

אויך צווישן מענטשן פילט זיך די ענדערונג. זייענדיק פאַרשוואַרצט פון דעם גאַנצן ווינטער, אויסגעטרייסלט פון קעלט, איז דאָס אָנקומען פון פרילינג אַ נס מן השמים. דערזעענדיק די ליכטיקע זון, וואָס זאָגט צו אַזוי פיל גוטס מיט איר שמייכלענדיק פּנים, האָבן זיך אויך געענדערט

די פאַראומערטע בליקן. די פאַרקנייטשטע פנימער האָבן זיך פאַרביטן אויף פריילעכע, לעבעדיקע. אויך די קינדער זיינען אַרויס אויף דער פרייער לופט. די יינגלעך שפּילן זיך אויפןברייטן פעלד אין „לאפּטור", די מיידלעך שפּילן זיך אין „הארעלען", און די ווייבלעך זיצן אויף די גאַניקעס, שטריקן זאָקן און פירן ליבלעכע געשפּרעכן. די עלטערע מענער שטייען אויפן בערגל און פירן אַ שמועס וועגן די שווערע ווינטערדיקע פרעסט, וועגן גוטן פרילינג און וועגן אַנדערע זיבן זאַכן. די יונגע בחורים און מיידלעך לאָזן זיך אַוועק שפּאַצירן איבערן שטעטל און אויסערן שטעטל.

און דאָס אַלץ שטעלט פאָר אַ נייע, העלע פּאַנאָראַמע. די זון שיינט. די פייגעלעך לאָזן הערן זייערע שיינע, נייע לידער, וועלכע זיי האָבן מיט זיך געברענגט פון די ווייטע לענדער. די פליגן, די בינען און אַנדערע באַשעפענישן לאָזן הערן זייער געזשום. די הינער קוואָקען, די גענדז גאַגעצן, די מענטשן טומלען זיך, דיביימער שושקען און שאָרכן. און אַלע בייזאַמען זינגען איין געזאַנג „שטיי אויף! עס איז געקומען דער פרילינג! פרילינג איז געקומען!"

מיין אמתע ווילנע

איך בין אין ווילנע קיין מאָל ניט געווען, און דאָך קען איך זי. איך האָב זי קיין מאָל ניט געזען, און דאָך זיינען מיר ליב אירע גאַסן און געסעלעך, אירע מויערן און אירע קראָמען.

ווען איך בין נאָך אַ קליין ייִנגל געווען, איז זי מיר שוין נאָענט געווען צוליב די גלאַנציקע סידורימלעך מיט וועלכע מיין טאַטע פלעגט מיך מכבד זיין יעדן יום־טוב, ווען ער פלעגט קומען פון דער ווייטנס אַהיים. אַזעלכע גלאַטע טאָוועלעך, אַזעלכע העלדישע יום־טובדיקע לייבן אויפן שער־בלאַט!

איבערהויפט איז מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ קלייניקער, דיקלעכער „כל־בו"ניקל וואָס מיין טאַטע האָט מיר איין מאָל אַ מתנה געבראַכט אויף ימים נוראים. אַזוי קליין איז דער ספרל געווען, אַז איך וואָלט אים גע־קאָנט באַהאַלטן צווישן די דלאָניעס פון מיינע קינדערשע הענטלעך. איז ער אָבער געווען דיק און האָט אויסגעזען ווי אַ קאַרליקל מיט אַ גרויסן אָנגעשטאָפּטן בייכל. ער איז ענלעך געווען צו מיין דריי־יאָריקן שוועסטערקינד כאַטשקע, וועלכע האָט מיט זיין קיילעכדיקן בייכל אויף די קרומלעכע פיסלעך זיך געקאַטשעט ווי אַ קאַטשקעלע.

האָב איך דעם „כל־בו"ניקל אַזוי ליב באַקומען אַז איך האָב אים פון האַנט ניט אַרויסגעלאָזן און געשפּילט זיך מיט די ברכות, וואָס זיינען אין אים געווען געדרוקט, ווי אַן אַמעריקאַניש ייִנגל שפּילט זיך, להבדיל, מיט אַ באַל. און אָט דער „כל־בו"ניק איז געווען געדרוקט אין ווילנע. אַזוי איז געשטאַנען אויף דער ערשטער זייט דאָס וואָרט „ווילנא" אין גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבן.

און יום־טוב צייט, אין די זוניקע נאָכמיטאָגס, זיצנדיק אויפן גאַניק, פלעגט דער טאַטע אויסדערציילן זאַכן פון דער ווייטער וועלט און דערביי פלעגט ער אָפט דערמאָנען ווילנע. און דערמאָנענדיק פלעגט ער זי מיט אַזאַ יום־טובדיקייט, מיט אַזאַ דרך ארץ און ליבע, אַז אין מיין קינדער־שער פאַנטאַזיע איז ווילנע געוואָרן די „שטאָט פון שטעט". פאַרשטייט זיך, אַז די קדשי קדשים איז ביי אונדז קינדער ירושלים, די הויפּטשטאָט פון דוד המלך. ווילנע איז ביי אונדז געווען אַ מין פאַרצימער, אַ מין יום־טובדיקער קאָרידאָר צום קדשי קדשים. טאַקע אַ „ירושלים דליטא".

האָט דאָך דער טאַטע גערעדט מיט אַזאַ אָפּשיי, מיט אַזאַ יום־טובדיקן טאָן וועגן ווילנע. און דער טאַטע איז דאָך אויסגעוועזן אַ וועלט, אַנגעזען זיך אַ וועלט. און אין מיין קינדערשן מוח איז ווילנע געוואָרן אַ שטאָט פון שיינע, הייליקע „כל־בו"ניקעס, פון מיט־זון־באַגאָסענע גאַסן, פון לייטישע יידן מיט שבתדיק פאַרקעמטע בערד. די גאַסן אין ווילנע זיינען ברייט און ריין און געפלאַסטערט; די פענצטער תמיד אָפן צו דער ליכטיקער זון, די פריזבעס באַדעקט מיט מאַרגאַריטקעס און קוקורוזעס.

און אָט אַזוי איז מיר ווילנע פאַרבליבן עד היום אין מיין פאַנטאַזיע. איך האָב זינט יענע ווייטער קינדער־יאָרן אַ סך געלייענט וועגן ווילנע, אַ סך זיך אָנגעהערט פון איר, פאַראַן אין איר געגנוג וואָכעדיקייט און דלות און אָפּגעריסנקייט, איך ווייס אָבער אַז די אמתע ווילנע איז די ווילנע, וואָס איז פאַר מיר באַשאַפן געוואָרן אין יענע ליכטיקע סוף־זומערדיקע שבת־נאָכמיטאָגס, ווען מיין טאַטע האָט דערציילט מעשיות פון איר מיט זיין ליבן, בנעימותדיקן קול, מיט זיין זיסן, רויִקן שמייכל. יענע ווילנע איז מיין אמתע ווילנע.

כ'האָף אַ מאָל נאָך צו זיין אין ווילנע. איך ווייס, אַז זי וועט זיין אַנדערש ווי איך שטעל זיך פאָר. איך ווייס עס פון די באַשרייבונגען וואָס איך האָב געלעזן פון איר. דאָך וועל איך ניט אַנטוישט זיין. ווייל איך וועל אין איר אויך געפינען יענע יום־טובדיקייט און רויִקייט מיט וועלכער מיין טאַטע האָט פון איר גערעדט. איך וועל אין איר געפינען יענע תמימותדיקע ריינקייט וואָס האָט אַרויסגעאָטעמט פון די טאָוולען פון דעם

„כל־בו"ניקל וואָס מיין טאַטע האָט מיר אַ מתנה געבראַכט.

שטאַרק איז דער כוח פון די קינדער־יאָרן. און אָט דער כוח וועט אויפלעבן די אמתע ווילנע פאַר מיר. די ווילנע פון קינדערשע חלומות, די ווילנע פון כולו יום־טוב און כולו שיינקייט. יענע ווילנע וועל איך אַ מאָל נאָך זען מיט מיינע אייגענע אויגן, מיט די אויגן פון מיין טאַטן, וועלכער האָט פון איר מיט אַזאַ התפעלות גערעדט.

יוכבד און לייב
די עלטערן פון חיים עהרענרייך

פיר דערציילונגען

אויס שכן

„וועל, מאָריס, כ׳גיי", האָט עדנאַ געזאָגט באַווייזנדיק זיך אין טיר פון „ליווינג־רום".

ער האָט דערפילט דעם פאַרלאַנג, וואָס איז געווען פאַרבאָרגן אין איר שטימע, איר שטילן באַגער, אַז ער זאָל איר אַרויסווייזן די וואַרעמקייט און צערטלעכקייט וואָס אַ חתן ווייזט אַרויס זיין כלה, וועלכע האַלט ביים אָפּפאָרן אויף אַ לענגערער צייט, און אַלע זיינע פריערדיקע באַשלוסן זיינען, אַזוי ווי תמיד, צערונען געוואָרן אין דעם רחמנות געפיל, וואָס האָט אים אַ פּליס געטאָן אין האַרצן.

ווי קאָן ער איר ווייַ־טאָן איצט, ווען זי פאָרט אַוועק? פאַר וואָס זאָל ער איר פאַרביטערן די עטלעכע וואָכן, וואָס זי וועט זיין אין וועג?... טיף אין אים האָט אַ צווייטע שטימע מיט פאַראַכטונג זיך געררייצט — „ביסט אַ לעקיש, מאָריס, ביסט אַ שלימזל... פאַר וואָס זאָגסטו איר ניט דעם אמת? פאַר וואָס נאַרסטו זיך און איר? מאַך אַ סוף... האָסט דאָך זי ניט ליב... איצט איז די געלעגנהייט..."

ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון זיין שטול, אַוועקגעלייגט דעם בוך אָן אַ זייט און איז צוגעגאַנגען צו עדנאַן. זי האָט אויף זיך געהאַט אַ ברוינעם מאַנטל, אַ דריי־עקיק היטעלע אויפן קאָפּ, און איר רונדיק־תמעוואַטער פּנים האָט זיך פאַררויטלט מיט דער אויפרעגונג פון דער דערוואַרטעטער רייזע. „וואָס האָב איך קעגן איר?" — איז אים דורכ־געלאָפן אַ געדאַנק — „זי איז דאָך גאָרניט אַזאַ מיאוסע". ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, אַ ווײַלע געקוקט אויף איר אומאַנטשלאָסן און דאַן זיך אָנגעבויגן צו איר באַק. עדנאַ האָט אים אונטערגעשטעלט די ליפּן —

וואַרעמע, באַוועגלעכע, רופנדיקע ליפּן... ער האָט דערפילט אַ ווידערווילן צו איר, צו זיך. ער האָט זיך אָבער קאָנטראָלירט.

„ניין! ניין! ניין!" — האָט טיף אין אים זיך אַ ריס געטאָן אַ פּראָטעסט.

די ליידנשאַפט פון אירע באַוועגלעכע ליפּן האָט ניט דערוועקט קיין אָפּקלאַנג אין אים, נאָר אַ פריקרען ווידער־טעם, אַן אומאָנגענעמלעכקייט. איצט, נאָך קלאָרער ווי שטענדיק, האָט ער דערפילט ווי פרעמד זי איז אים, עדנאַ, פרעמד און ניט צום האַרצן. ניין, ניין, ניט זי איז זיין באַשערטע; ניט מיט איר וועט ער אָפּלעבן זיינע יאָרן...

„וועסט פאַרשפּעטיקן, טאָכטער", האָט פון קאָרידאָר זיך דערהערט מרס. סילווערס בורטשענדיקע שטימע.

„כ'וועל דיר שרייבן, מאָריס", האָט עדנאַ אינטים־פאַרטרוילעך גע־זאָגט, אַריינקוקנדיק אים אין די אויגן.

„אפשר זאָל איך דיך יאָ באַגלייטן אַרונטערצו?" — האָט מאָריס געזאָגט, כדי אָפּצווענדן אירע לעצטע ווערטער פון זיך און איר.

ניין, מיין באָס קען דיך ניט, און ער איז אַ קרענק — וועררי עקסענ־טריק — ער וועט באַלד וועלן דערגיין צי איך האָב איר דערציילט וועגן זיינע ביזנעס, וועגן דעם צוועק פון מיין רייזע, און ער וועט זיך ניט אויפהערן בייסן די נעגל... דאָס איז דאָך דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך פאָר אַלס סעקרעטאַרין..."

„נו, עדנאַ?" — האָט דער מאַמעס שטימע זיך ווידער דערהערט.

„גוד־באַי, מאָריס, בי גוד" — זי האָט אַ פאָך געטאָן מיט דער האַנט און איז פאַרשוווּנדן.

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, געזען ווי עדנאַ איז אַרויס פון הויז, ווי די טיר פון דער טעקסי־קעב האָט זיך געעפנט.

„וואָס טוט מען? ווי פּלאָנטערט מען זיך אַרויס?" — האָט מאָריס געטראַכט.

ער האָט ניט געטאָרט לאָזן די זאַך צו ווייט זיך פאַרשלעפּן. זי איז אַ פיינע מיידל, עדנאַ, אַ גוטע מיידל, אַ העכסט אָרנטלעכע. ער האָט

גאָרניט קעגן איר. פאַרקערט, ער האָט די בעסטע, די פריינדלעכסטע געפילן צו איר. ער האָט זי אָבער ניט ליב. מיטן גאַנצן האַרצן וואָלט ער געוואָלט פילן אַנדערש צו איר. זיצט זי דאָך אָפּ שעהען לאַנג און הערט זיך צו אַזוי אויפמערקזאַם צו זיינע רייד וועגן מוזיק און ליטע־ראַטור און פּאָליטיק. צוערשט האָט ער געמיינט, אַז זי ווייזט אים אַרויס העפלעכקייט, ווייל ער איז אַ באָרדער. מיט דער צייט האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז ניט דאָס.

עדנאַ האָט זיך פאַרהאַלטן צו אים מיט אַ צוטרוילעכקייט און איבער־געגעבנקייט, וואָס האָבן אים מאָדנע גערירט. זי איז געווען שוין ניט קיין יונגע, עדנאַ, און זי האָט קיין מאָל קיין געלעגנהייט ניט געהאַט דורכ־צולעבן דעם טיפן גליק, וואָס אַ פרוי פילט, ווען זי ווייסט, אַז עמעצער ליבט זי; געליבט צו ווערן פון אַ מאַן, אַפילו ווען זי ליבט ניט דעם מאַן — ס׳איז אַ „טהריל" פאַר אַ פרוי.

וואָלט ער ניט געווען אַזאַ שוואַכלינג, אַזאַ צעיאַכמערטער, האָט מאָריס זיך אַליין פאַרגעוואָרפן, וואָלט ער ביים סאַמע אָנהייב איבער־געריסן די ווילדע סיטואַציע, אַרויסגעקליבן זיך פון דאָרט און — אַ סוף... איצט — איצט וועט עס איר אַזוי פיל ווייטאָג פאַרשאַפן...

ער האָט דערהערט ווי די טיר האָט זיך פאַרמאַכט. דאָס איז עדנאַס מאַמע אַריין צוריק אין שטוב. מאָריס האָט דערפילט אירע שאַרפע אויגן אויף זיך און אַ ווילדער כעס האָט אים אַרומגענומען. ניין, ער האָט גאָרניט קעגן עדנאַן... אויף עדנאַן האָט ער רחמנות... אָבער איר מאַמע!... אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט ניט געקאָנט בייז זיין אויף דער טאָכטער, האָט זיין גאַנצער צאָרן זיך קאָנצענטרירט אויף איר מאַמען.

ווען ניט זי, די אַלטע, האָט מאָריס צערייצט געטראַכט, וואָלט ער איצט ניט געווען אַ פאַרפלאָנטערטער אין דעם נעץ. גלייך פון אָנהייב האָט זי אים גענומען באַהאַנדלען ווי אַן איידעם, ווי אַ צוקונפטיקן איידעם. און באַלד פון אָנהייב האָט זי גענומען אויף אים קוקן מיט דעם אומצוטרוי פון אַ שוויגער... די אַלטע האָט פאַרשטאַנען בעסער די לאַגע ווי די טאָכטער, און מאָריס האָט עס געוווּסט.

„זי ווייסט דעם אמת, די אַלטע. כ׳קען שווערן, אַז זי ווייסט, אַז כ׳האָב ניט ליב איר טאָכטער״, האָט מאָריס ווייטער געטראַכט, „זי היט מיך אַזוי... לאָזט מיך פון אויג ניט אַרויס... וואָס היט זי מיך?!...״

„אפשר ווילסטו אַ גלעזעל טיי, מאָריסל?״ — האָט מרס. סילווער פון קאָרידאָר געפרעגט.

„ניין, אַ דאַנק״, האָט ער קורץ געגענטפערט.

„אפשר אַ ביסל פרוכט? האָסט דאָך ליב אַן עפל פאַרן שלאָפן?״

„כ׳לייג זיך נאָך ניט שלאָפן. כ׳וועל נאָך אַרויסגיין אַ ביסל״.

„גייסט אַוועק?״ — מאָריס האָט דערפילט דעם ציטער פון פאַרדאַכט אין איר שטימע — „אַזוי שפעט? ווען עדנאַ איז דאָ, וואָלסטו ניט געגאַנגען״.

ס׳איז אים אַזש הייס געוואָרן אונטערן קאָלנער פון אויפרעגונג.

„ווען איך דאַרף גיין, גיי איך, מרס. סילווער״, האָט ער זיך אָפּגערופן אונטערשטרייכנדיק דעם מרס. סילווער, „דאַרף איך אייך געבן דין וחשבון?״

און אין קאָפּ איז אים דורכגעלאָפן: ווען איך רייד אַזוי צו עדנאַן וואָלט איך שוין לאַנג געווען פטור פון מיינע צרות...

ער האָט דורכגעשפרייזט דעם צימער, אַ כאַפּ געטאָן זיין הוט און איז דעמאָנסטראַטיוו אַרויס פון הויז, אַ זעץ טוענדיק מיט דער טיר. ער האָט געוווּסט אַז מרס. סילווער שטייט ביים זעלבן פענצטער ווו ער איז געשטאַנען און קוקט אים נאָך. „קוק, קוק, אַלטע״, האָט ער אין האַרצן געזאָגט, „קריכסט מיר שוין פון האַלדז מיט דיינע קוקעלעך״.

ניט איין מאָל האָט ער אויפגעכאַפּט אירע בליקן, בליקן פול מיט חשד. ער קאָן זי ניט פאַרטראָגן. די אַלטע... אפשר — ווער ווייסט? — וואָלט ער זיך פאַרוויגט אין אַ ליבע צו עדנאַן; אפשר וואָלט ער זיך איינגערעדט אַז זי איז זיין באַשערטע, איז זי דאָך פאָרט אַ שטילע, אַ פיינע מיידל, און זי הערט זיך צו מיט אַזאַ אינטערעס צו זיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור און פאָליטיק... ניט קיין נאַרישע מיידל. אָבער איר מאַמעס שפּיאָנעווען... דערפילט ער נאָר אויף זיך איר פאַרשנדיקן בליק, אַזוי וואַכט

אין אים אויף אַ ווילדער כּעס... און ער הייבט זיך אָן יאַדן און עסן: ביסט אַ לעמעשקע, מאָריס, האָסט עדנאַן ניט ליב ... ווילסט זיך פאַרנאַרן, בלויז פאַרנאַרן...

ווען זי הערט אויף צו שפּיאַנעווען, די אַלטע! זי מיינט אַוודאי אַז זי העלפט איר טאָכטער...

ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, געקויכערט איין ציגאַ־רעטל נאָכן צווייטן, אַריינגעקוקט אין שוי־פענצטער. ביסלעכווייז האָט ער זיך גענומען באַרויקן. ער איז שוין גרייט געווען זיך אומקערן צוריק אַהיים, ווען פּלוצלונג, אַריינקוקנדיק אין דעם גרויסן געשעפט פון פרויען־שיך, האָט ער אין שפּיגל באַמערקט מרס. סילווערס דיקע פיגור. זי האָט אַ שווינדל געטאָן אין שפּיגל און איז פאַרשוווּנדן. אַ שטראָם פון רויטן צאָרן האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אין די שלייפן. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון פענצטער און זיך אַ לאָז געטאָן הינטערן אויטאָמאָביל ווו מרס. סיל־ווער איז געשטאַנען און זיך געוואָלט באַהאַלטן.

„באַהאַלט זיך ניט, באַהאַלט זיך ניט, טייערע מרס. סילווער", האָט מאָריס קוים קאָנטראָלירט זיין שטימע. „קומט, שפּיאָנירט מיר נאָך גאַנץ אָפן. וואָס באַהאַלט איר זיך?!"

„כ'דאַרף אַריבערגיין די גאַס... דער... דער טרעפיק" — האָט זי געשטאַמלט.

„ניט ביייטיק, ניט ביייטיק, כ'האָב געפילט די גאַנצע צייט אַז איר גייט מיר נאָך", האָט מאָריס אַריינגעמישט אַ ליגן, „אָבער מער וועט איר שוין ניט דאַרפן נאָכגיין... כ'וועל אייך פאַרשפּאָרן די מי. היינט בין איך אויס באָרדער..."

„מאָריסל, וואָס רעדסטו? וואָס האָסטו זיך איינגערעדט?..."

„כ'בין מיד פון אייער שפּיאָנעווען. איר קריכט מיר שוין פון האַלדז. און, באַי דהי ווער, כ'בין אייך ניט קיין איידעם. אויס באָרדער און אויס איידעם, מרס. סילווער... כ'מוז היינט אַרויס!"

ער איז אַריינגעשפּרונגען אין קעב און איז אַוועק אַהיים. ער האָט שנעל איינגעפּאַקט די דריי סוטס, די עטלעכע ביכער איבער מוזיק און

ליטעראַטור, אַוועקגעלייגט דעם שליסל אויפן טיש און איז אַרויסגעלאָפן פון הויז. און אַריינשפּרינגענדיק ווידער אין אַ טעקסי, האָט ער טיף און פריידיק אָפּגעאָטעמט: פּ־פּיו! ענדלעך פריי!

אויס באָרדער און אויס איידעם! און ס׳איז געקומען אַזוי אומדער־וואַרטעט און אַזוי גרינג, אַט דער סוף...

ער האָט זיך דערמאָנט אָן עדנאַן, און דאָס אַלטע רחמנות־געפיל צו דער שטילער מיידל האָט אים אַ ברי געטאָן אין האַרצן. ער האָט זיך אָבער געגומען אין די הענט, דערשטיקט אין זיך מיט געוואַלד דאָס אַלטע באַקאַנטע געפיל. „כ׳וועל אָנשרייבן עדנאַן, איר אַלץ דערקלערן״ האָט ער געטראַכט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן הענטל פון דער טעקסי.

ער האָט אָבער ניט געשריבן...

דייווס אַ מאַנטיק

זיינע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער טונקעלער, שטילער גאַס. אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן אין פּנים און געצווונגען אים איינצונורען דעם קאָפּ אין זיין „ספּאָרטישן" אויבעררעקל.

שוין פינף אַזייגער פּאַר טאָג. אויף דער גאַס איז שטיל. ווען־ניט־ווען נאָר פלעגט ערגעץ־ווו אויפגרילצן אַ פאַרנדיקער וואָגן, ווי דאָס געגעצן פון אַ מידער חיה, וואָס כאַפּט זיך אַ הונגעריקע אויף פון שלאָף.

נאָך איין בלאָק פאַרבליבן ביז צום הויז. אויסגעמאַטערט און שוואַך האָט ער געשלעפּט זיינע בלייענע פיס, און אין קאָפּ האָבן אַ טויזנט העמערלעך אָן די ווענטלעך געקלאַפּט און געדריקט די אָדערן. ערגעץ אין הינטערגרונט פון מוח האָבן נאָך געפלאַטערט דער ערשטער „האַ־דו־יו־יו", דער לעצטער „גוד־באַי!", נאָכקלאַנגען פון די טענץ און פון פּויקנדיקן ברעס־בענד, געלעכטערס, פּאַ־שייטע קוויטשערייען — אַלעס אויסגעמישט אין איין קנויל.

אָנהאַלטנדיק זיך אָן דער פּאַרענטשע פון די טרעפּ, איז ער קוים אַרויפגעקראָכן אויף דעם דריטן שטאָק, מיט ציטערנדיקע הענט געזוכט אַ שליסל, געעפנט מיט מאַטערניש די טיר, און אַ האַלב אויסגעטאָענער גלייך אַריינגעקראָכן אונטער דער קאָלדרע.

מיד האָט ער פּאַנאַנדערגעריסן די וויִעס. דאָס איז זיין מאַמעס האַנט געווען.

„דייוו, ס'איז שוין אַכט. דו'סט ווידער צייט ניט האָבן אָפּצועסן, ניין אַזייגער דאַרפסטו זיין אין סקול".

„אָל־רייט".

קוים וואָס זיינע פּאַרטריקנטע ליפּן האָבן זיך באַוועגט. די מאַמע איז אַרויס. ער איז באַוועגלאָז געבליבן ליגן אויפן רוקן מיט צוגע־שלאָסענע אויגן. דורך אַלע אבֿרים האָט זיך געגאָסן אַזאַ אומאָנגענעמע סמענדיקע אויסגעמאַטערטקייט, פּוילקייט, דער קאָפּ איז אַזוי ווי פון אַן אייזערנער רייף אַרומגעקלאַמערט געווען און דאָס האַרץ האָט אַזוי אומרויִק געקלאַפּט.

ווידער פּלאָנטערט זיך אים דער נעכטיקער באַל, נאָר אַלץ אַזוי אומ־קלאָר, נאָר אָט האָט זיך פון דעם טיפן קנויל ווי אַ לאַנג פּאַסיקל אָפּגע־טיילט, ווייט, ערגעץ אין הינטערגרונט, און לייכטנדיק זיך אַלץ דערנענטערט צו אים. דאַן נאָך איינער און נאָך איינער. און ווי לייכטנדיקע לאַמטערנס פון שנעל־לויפנדיקע אויטאָמאָבילן אין אַ פינצטערער נאַכט, האָבן גע־דאַנקען אויפגעוואַכט אין חושך פון זיין מוח, זיך שנעל צוגעטראָגן צום פּאָרנט און זיינען ווידער פאַרזונקען אין דעם תּהום.

היינט איז מאָנטיק... ער דאַרף אויפשטיין, גיין אין היי־סקול... נעכטן אָוונט איז ער געווען ביים „סיניאָר דענס". ער האָט זיך אַזוי גוט אַמוזירט"...

און אין זיין מידן, ניט אויסגעשלאָפענעם זכרון האָט ציטירנדיק אויפגעליכטן די לעצטע נאַכט. דער הויכער, ברייטער, ווייס־געקאַלכטער זאַל, בלענדנד באַשפּריצט מיט עלעקטרישן ליכט און אָנגעפּילט מיט אַ שוואַרץ־ווייסער באַוועגנדיקער מאַסע, זוכנדיקע אויגן, זיסע שמייכלען האָבן זיך ביי אים אין מוח אַזוי ווי דורך אַ לייכטן נעפּל פאַרצויגן. נאָר דאָס אָנשטרענגען זיך פון זיין זכרון האָט דאָס אַלץ ליכטיקער און קלאָ־רער געמאַכט:

„אָה, ווי ער האָט זיך אַמוזירט! דאָס ערשטע מאָל ווי ער איז שוין פאַר אַ דערוואַקסענעם פאַררעכנט געווען. מיט וואָס פאַר אַ קינאה האָבן די אַנדערע יונגען געקוקט אויף אים, ווען ער האָט מיט דער לערערין פון פּאָבליק־סקול געטאַנצט דעם „פּענסי טראָט"! ער האָט געוואַגט זי איינלאַדן, ער — אַ סטודענט פון דעם זיבעטן זמן הויך־שולע. נאָר, ווען ער זאָל אַ ביסעלע זיין רייכער אָנגעטאָן! ער וואָלט שוין!... צום טאַנץ

ווי נעכטן דאַרף מען זען קריגן אָונט־קליידער ווי דזשעק ווינערס. דזשעק ווינער... ביי גאָט, מאַנכע באָיס ווייסן ניט ווי גליקלעך זיי זיינען... עך, ווען זיין טאַטע וואָלט געווען כאָטש העלפט אַזוי רייך ווי דזשעקס... ערשטנס, וואָלט ער זיך געקליידעט מיט אַ ביסל מער געשמאַק ווי דזשעק דער „סנאָב״. צווייטנס, וואָלט די מאַמע אים אויפגעהערט טאָג און נאַכט שטעכן און אויפוואָרפן אַז ער צערייבט זיינע טעג און יאָרן, אַז דער טאַטע איז שוין אַלט און וועט באַלד פאַלן אין די האָלאָבליעס, אַז ער, דייוו, וועט חרטה האָבן אויף די נעכט, וועלכע ער האָט פאַרשווענדט אויף הוליאַנקעס און בעלער, און אויף די פרימאָרגנס, וועלכע ער האָט פאַרשלאָפן דערנאָך...

יאָ, די מאַמע איז גערעכט... ער איז טאַקע אַ לומפּ... שוין אַזוי פיל מאָל האָט ער באַשלאָסן פאַרברענגען די אָוונטן אין דער היים איבער אַ בוך, ערנסט שטודירן, ווי נאָר עס קומט אָבער דער בין־השמשות ציט עס אים אַזוי ווי אַ טייוול אַרויס־צו, ספּעציעל אין די שבת־און זונטיק־נעכט... נאָר אייגנטלעך וואָס זאָל ער טאָן אַז ער ליבט אַזוי צו טאַנצן? די גלאַטע מיידלשע פּנימער, די שפּילנדיקע אויגן, די פאַרנייגונגען, די העפלעכע מאַנירן. דער אָנגעפּילטער זאַל מיטן גערויש פון געלעכטערס, וויצן, קאָמפּלימענטן באַרוישן און פאַרשיכּורן אים, פּונקט אַזוי ווי בורינסעס באַרוישן זיין לערער פון ענגליש, ווי אַ מאַטעמאַטישע פּראָבלעם — זיין אויסגעטריקנטן אַלגעברע־פּראָפעסאָר. אַך, ווען ער וואָגט אין גאַנצן וואַרפן די שולע, די טרוקענע ביכער און אָפּגעבן זיך נאָר די טענץ, דער געזעלשאַפט! נאָר ניין, ניין... דאָס וואָלט ער ניט געוואָלט. זיין איינער פון דער פּלעבישער מאַסע, איינער פון די אויבערפלעכלעכע, פּוסטע, גאָס־קייענדע שמעטערלינגען, אָן וויסן און אינטעליגענץ! ניין, דאָס ניט, נאָר ווען דאָס לערנען זיך וואָלט כאָטש געווען גרינג, אָן היים־אַרבעט און אָנשטרענגונגען, ווען דער היי־סקול־קורס וואָלט שוין געווען אַריבער!״...

זיינע נערוון האָבן זיך אָבער ניט געוואָלט באַרויקן און צו זיין האַלב־דרעמלענדיקן מאַרך האָבן זיך נאָך אַלץ דערטראָגן בילדער, גע־

זיכטער, שמייכלען — פון באַל... פּלוצלונג דערפילט ער ווי אַ קאַלטע זאַך האָט זיין שטערן באַרירט.

ער האָט דערהערט דער מאַמעס טריט אין קיך און האָט זיך אומ־רוּיק אויפגעכאַפּט. „אָה, די מאַמע... סקול... אוי, ווי אים ווילט זיך ניט אויפשטיין!"... דאָס וואַרעמע בעט, די אָנגענעמע, וואַרעמע מידקייט ציט זיין חיות אַרויס. „וואָס פאַר אַ תירוץ גיט מען דער מאַמען? זאָגן אַז אים טוט וואָס וויי? אָבער פאַר די לעצטע פינף מאָנטיקס האָט ער שוין אויף אַלע אברים דורכגעקרענקט. וואָס זאָגט מען?!... אַ לערער פעלט היינט? ניין, דאָס איז צו שוואַך".

עס האָט זיך דערהערט דער מוטערס אָנקומען. דייוו האָט שווער אָנגעהויבן צו שנאָרכן. די מוטער איז אַריין. ער האָט געוווּסט, אַז זי קוקט אויף אים, און דער טרויער און פאָרוווּרף פון אירע בליקן האָבן אים געבּרענט דורך דער קאָלדרע.

„דייוו, שטיי אויף, ס'איז שוין ניין. דער טאַטע האָט דאָ געדאַרפט זיין און נחת קלייבן... אוי... שטיי אויף!" האָט זי אים געטרייסלט מיט דער האַנט.

„האַ, וואָס?" האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, „אָה, היינט דאַרף איך ניט אויפשטיין, היינט איז דער ליבערטי באַנד מאַרטש פון די לערער. איך האָב דיר פאַרגעסן אָנזאָגן נעכטן".

די מוטער איז אַ מינוט געשטאַנען איבער אים, אַ טיפן זיפץ געטאָן און פאַרלאָזן דעם צימער. דייוו האָט זיך טיפער איינגעוואָרעט אין קאָלדרע און זיך ווידער פאַרלאָרן אין עולם התוהו.

צוליב אַ פאַרהאַנג איבערן פענצטער

מענטשן זיינען געווען נייגעריק. פריינד האָבן געוואָלט וויסן: פאַר וואָס זיינען אוירווינג און הילדאַ זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען? זעקס יאָר געווען חתן־כלה, און צוויי יאָר נאָך דער חתונה זיך צעשיידט.

ניט איין מאָל זיינען נאָענטע פריינד צוגעשטאַנען צו אוירווינגען, ער זאָל זיי אויפקלערן. האָט ער הילדען מער ניט ליב? איז עפּעס זיך פאַרלאָפן צווישן זיי? אויב אַ מיספאַרשטענדעניש, קען מען דאָך אויס־גלייכן. וואָס פאַרט איז געשען?

אוירווינג האָט זיי קיין באַשטימטן ענטפער ניט געגעבן. ער האָט זיי קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן, וואָס האָט ער זיי געקאָנט זאָגן? האָט ער דען הילדען ניט ליב? נאָך שטאַרקער ווי ווען עס איז פריִער, און זי אים אויך. טרעפן זיי זיך אַ מאָל אין גאַס אָדער אין טעאַטער ווינט ביי זיי ביידן די בענקשאַפט אַרויס פון די אויגן.

„טייערער, זאָג ווי פילסטו?"

„ליבינקע, דו זעסט אויס בלאַס" — ריידן ביי ביידן שטום די הער־צער. מען באַגריסט זיך, אָבער מיט געצוווּנגענער גלייכגילטיקייט, מיט געמאַכטער העפלעכקייט און די הערצער בלייבן צעווייטאָגט.

פריינד ווילן וויסן פאַר וואָס.

טאַקע פאַר וואָס?

און ווען ער זאָגט זיי, וואָלטן זיי אים געגלייבט? און ווען זיי גלייבן, וואָלטן זיי פון אים ניט געלאַכט אין די הויפנס? מען וואָלט די געשיכטע צעפּויקט איבער דער שטאָט און די שטאָט וואָלט געלאַכט.

זיי וואָלטן גערעכט געווען אויך. און ווי זאָל מען ניט לאַכן?

צוליב אַ „ווינדאָ־שעיד”, צוליב שטאָרן אויפן פענצטער זיינען זיך מאַן און ווייב צעגאַנגען. עס איז טאָקע צום לאַכן. אַזאַ זעלטענע ליבע — זעקס יאָר געוואָרט, ענדלעך חתונה געהאַט און צום סוף צעשיידט זיך צוליב אַ „ווינדאָ־שעיד”.

אַ „ווינדאָ־שעיד”...

*

זי האָט אַ טבע געהאַט אַרויסצושפּרינגען פון בעט, אַרונטערוואַרפן פון זיך דאָס נאַכט־העמד און אָנטאָן זיך שטייענדיק אין מיטן צימער. פון דאָרט האָט זי אין שפּיגל געקאָנט זען איר דינע פּרווישע פיגור אין דער גאַנצער לענג. אַ בויגיקע, אַ גליִענדע קאָמפּאָזיציע פון רונדע און לאַנגע ליניעס, וואָס האָבן ביים לייכטסטן ריר געגלאַנצט און געציטערט ווי שטראַלן ליכט, איז הילדאַ געשטאַנען ביים שפּיגל און ניט מיד געוואָרן זעטיקן אירע אויגן מיט איר אייגענער ליכטיקייט, מיט איר אייגענעם רייץ. און אירווינג, קיין מאָל ניט געזעטיקט, מיט יינגלשער בייגעריקייט, וואָלט ניט מיד געוואָרן קוקן אויף זיין ווייבס העלער נאַקעטקייט, ווען ניט די פענצטער.

דער שפּיגל איז געשטאַנען צווישן צוויי ברייט־צעעפנטע פענצטער דורך וועלכע דער דרויסן האָט זיך האַסטיק און חוצפּהדיק געריסן איבער־ווייניק. און מיט דעם דרויסן האָבן זיך אינווייניק אויך געקאָנט אַריינ־רייסן פרעמדע בליקן פון יענער זייט גאַס, מאַנסבילישע בליקן, וואָס האָבן געזוכט און געגלעט.

אירווינג פלעגט אַ פּאַרציטערטער בלייבן. טיף אין אים האָט גע־וואַכט דער אור־אַלטער אָדם, וואָס האָט זיינס מיט קיינעם זיך טיילן ניט געוואָלט. זאָגאַר אַ קוק אויף זיין ווייבס נאַקעטקייט האָט ער קיינעם ניט פאַרגינען.

ער האָט אַפילו פּרובירט זיך אַליין פאַרענטפערן: עס איז ניט דער פרעמדער קוק וואָס אַרט אים. נאָר די געדאַנקען, די תאוות, וואָס דער קוק דערוועקט. דער געדאַנק אַליין, אַז אַן אַנדער מאַן וועט טראַכטן זינדיקע

מחשבות וועגן זיין הילדען, האָט אוירווינג שיִער ניט ווילד געמאַכט פון צאָרן און אייפערזוכט.

אייפערזוכט...

גאָרניט עפּעס מעשׂה מאָדערנער, אינטעליגענטער מענטש. ווי פּאַסט עפּעס פאַר אַ קינסטלער, פאַר אַ מוזיקער, אַן אָנהענגער פון סאַמע מאָדערנסטע פאָרמען אין דער מוזיק צו זיין אייפערזיכטיק?

„עס איז אָבער ניט קיין פראַגע פון אייפערזוכט", האָט אוירווינג מיט געצוווּנגענער רויִקייט געזוכט צו דערקלערן הילדען. „עס שטייט מיר פּשוט ניט אָן, אַז פרעמדע מענשען זאָלן מיינען, אַז מיין פרוי איז... איז..."

„איז וואָס?" האָט הילדאַ לאַכנדיק אים איבערגעקרימט, „אַ צעבאַ־לעוועטע, אַ צעלאָזענע? זאָג, אַ צעלאָזענע?"

און זי איז צו אים צוגעגאַנגען נאָענט און אים אַריינגעקוקט טיף אין די אויגן. עס האָט פון איר נאַקעטער נאָענטקייט אויף אים שטענדיק געווייט מיט דער היץ פון זומערדיקע פעלדער, מיט היי, וואָס איז געלעגן אָפּגעשניטן אויף דער זון.

אוירווינג האָט געפילט די לעכערלעכקייט פון זיינע טענות. און וואָס אַרט אים טאַקע וואָס פרעמדע מענער טראַכטן? וואָס גייט עס אים און הילדען אָן וואָס זיי וועלן זאָגן?

„דו פאַרשטייסט, האָני" — זיי האָבן גערעדט צווישן זיך ענגליש און האָבן, ווי מיט יאָרן צוריק, ווען זיי זיינען כמעט קינדער געווען, זיך גערופן „האָני", „סוויטהאַרט", „דאַרלינג" — „דו פאַרשטייסט, עס טוט מיר וויי ווען עמעצער טראַכט שלעכט וועגן דיר".

„ביסט אַ דאָמבעל, און דו רעדסט נאַרישקייטן", איז הילדאַ שוין ערנסטער געוואָרן. און ווען הילדאַ איז ערנסט געוואָרן איז זי אַרויפגע־קראָכן צו איר מאַן אויפן שויס און האָט מיט ערנסטער כּוונה געצופּט זיין נאָז, געפלאָכטן זיינע לאַנגע אויערן, געריסן פּאַסן האָר פון זיין קאָפּ.

„אָבער פאַר וואָס קאָנסטו פאָרט ניט אַרונטערלאָזן די „שעידס" ווען

דו טוסט זיך אָן?״ — האָט אוירווינג זיינס ניט אָפּגעלאָזן, „מוזסטו זיך אָנטאָן אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען?״

„אָבער, האָני, אַז איכ׳ל אַרונטערלאָזן די „שעידס״ וועל איך זיך אין שפּיגל ניט זען. איך דאַרף האָבן ליכט״.

„צינדט מען אָן די עלעקטריק״, האָט ער איר נייגעריק אָן עצה געגעבן, „איך זשאַלעווע דיר עלעקטריקט?״

„אָה, איך בין מיד פון דער קינסטלעכער ליכט״, האָט הילדאַ פאַר־דרייט איר נאָז, „איך דאַרף האָבן פרייע ווינטן, אמתע זון־ליכט, איך וויל פילן גאָטס דרויסן אַרום מיין גוף. מיר ווערן אַזוי פאַרשימלט און פאַרוויאַנעט אין די שטיינערנע תפיסות, אונטער דעם מענטשן־געשאַפענעם עלעקטרישן ליכט״.

זי האָט גערעדט דראַמאַטיש און איר ריידן האָט אים געגרילצט אין די אויערן. ער פאָדערט פון איר, אַז זי זאָל זיך ניט ווייזן נאַקעט פאַר פרעמדע, און זי דעקלאַמירט וועגן „פרייע ווינטן״.

„ביסט אַ דאַמבעל, דאַרלינג״, האָט הילדאַ ווידער גערעדט מיט איר אייגענער ווייכער שטימע און געשפּילט זיך מיט זיינע האָר.

ער איז טאַקע געווען אַ „דאַמבעל״. וואָס אַרט אים, אַז זי שפּיגלט זיך אין גלאָז? און פון דער אַנדער זייט קאָן מען געוויס ניט זען וואָס עס טוט זיך ביי אים אין צימער. אָט פּרובירט ער אַריינקוקן פון זיין צימער אין אַ פענצטער אויף יענער זייט גאַס און ער זעט גאָר ניט.

באַלד אָבער גיט אים אַ פּיק אַ געדאַנק, אַז אין דער פרי קוקט די זון אַריין צו אים אין פענצטער און דאַן מסתמא איז יאָ מעגלעך צו זען וואָס ביי אים אין צימער טוט זיך. אין האַרצן עפּנט זיך ביי אים אַ פינצטערער אָפּגרונט...

ווען זי וואָלט פאַרשטאַנען ווי ערליידט, וואָלט זי דאָס אפשר ניט געטאָן, ניין, זיכער ניט.

הילדאַ האָט אָבער ניט פאַרשטאַנען. אַ פרייע, ניט געצאַמטע נאַטור, איז איר קיין מאָל אין זין ניט געלעגן וואָס אַנדערע וועלן זאָגן און טראַכטן. זי האָט פון איר אייגענעם קערפּער הנאה געהאַט אַזוי ווי אַ

סקולפּטאָר פון זיין אייגן־געשאַפענער סטאַטוע. זי האָט ליב געהאַט צו פילן דעם ציטער פון איר אייגענעם לייב, דעם סאַמעט פון אירע אייגענע גלידער.

אויף אוירווינגס זאָרגן זיך וועגן די אָפענע פענצטער, האָט זי געקוקט ווי אויף אַן איבערבלייבעכץ פון זיין „יידישער" קינדהייט. זי געדענקט נאָך ווי שעמעוודיק ער איז געווען אין די ערשטע יאָרן פון זייער ליבע, אַזוי ווי אַ... ווי אַ ישיבה־בחור. זי איז געווען דאַן דער „מאַן", דער יעגער און ער דער געיאָגטער, דער „פאַרפאָלגטער", כאַ, כאַ, כאַ...

„סמאַט אוירווינג", ער איז אַזוי קינדיש, אַזוי איינפאַך קינדיש אין זיין צניעות...

עס איז איר גאָרניט איינגעפאַלן אַז אוירווינג ליידט, אַז זיין געמיט קלייבט אין זיך פאַרביטערטקייט, פאָרווורפן, באַשולדיקונגען.

אין זיינע „קלאָרע" מינוטן, ווי ער אַליין האָט זיי אָנגערופן, האָט אוירווינג זיך אַליין פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז לעכערלעך, אַז ער אַליין שאַפט ביי זיך אין פאַנטאַזיע זיינע טענות און קריוודעס. די קלאָרע מינוטן זיינען אָבער געוואָרן זעלטענער און זעלטענער. ווי נאָר ער האָט זי דערזען אַ נאַקעטע ביי די אָפענע פענצטער, האָבן זיך אַלע פאָר־ווורפן און קריוודעס, אַזוי ווי כוואַליעס געשמיסן פון אַ שטורעם, אָנ־געטראָגן אויף אים און ער איז פאַרכליניעט געוואָרן פון זיי.

„ווען זי וואָלט מיך געליבט, וואָלט זי מיר צוליב געטאָן", האָט ער מיט פאַרשטיקטן ווייטאָג געטראַכט. „זאָל זיין, אַז איך בין ניט גערעכט. זאָל טאַקע זיין, אַז איך בין לעכערלעך. און עס איז טאַקע לעכערלעך. אַזוי איז עס אָבער. איך לייד פאָרט, און זי האָט געמעגט מיר צוליב טאָן, אַרונטערציִען די ווינדאָ־שעידס"...

האָט אוירווינג דערשטיקט אין זיך זיין מענערשן שטאָלץ און האָט אַליין אַרונטערגעצויגן די שטאָרן איידער זיי האָבן זיך געלייגט שלאָפן. וועט זי אויפשטיין אין דער פרי און פלאַטערן פאַרן שפּיגל, וועט ער

קאָנען הנאה האָבן פון איר נאַקעטקייט ניט ווייניקער פון איר. די פענצטער וועלן זיין פאַרצויגן.

הילדאַ האָט, אָבער, ניט טראַכטנדיק קיין רגע, אויפגעריסן די שטאָרן אין דער פרי און ווי אַ זון־גאָט באַגאָסן געוואָרן מיטן גאָלד פון דעם פרימאָרגן. ווי אַ יונגער אָפּגאָט פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, האָט זי אויסגעזען אין דעם ליכט וואָס האָט אַ שפּאַר געטאָן אויף אירע רונדיקייטן, באַשטראַלט מיט ציטערדיקן גאָלד. אוירווינג איז אויפגעציטערט געוואָרן ביז זיינע טיפסטע טיפענישן, אויפגעציטערט געוואָרן פון זיין ווייבס נייער פרעמדקייט און פון די אָפענע פענצטער...

די האַנט, מיט וועלכער זי האָט אויפגעריסן די שטאָרן, איז נאָך געהאַנגען אין דער לופטן, און אַזוי איז זי געבליבן שטיין ביים סאַמע פענצטער, אַ נאַקעטע פרויען־סטאַטוע אין גאָלדענעם פרימאָרגן־ליכט. דאָס לייב אויף דער סטאַטוע האָט אָבער געציטערט און וויברירט מיט לעבן, מיט גלוסטעניש, מיט נאָך ניט אויסגעברענטער ליידנשאַפט פון יוגנט־לעכע נעכט.

קעגנאיבער האָבן מענערשע קעפּ זיך באַוויזן אין פענצטער, מע־נערשע אויגן, ווייט צעעפנט מיט פאַרווּנדערונג און אויפלייכטנדע פייערלעך...

„מעגסט דאָך אָבער האָבן כאָטש אַ פונק פון שאַנדע אין זיך. האָסט ניט קיין דרך ארץ פאַר זיך אַליין, טאָ, פליז, שאַנעווע מיינע געפילן. מענטשן שפּאָטן דאָך פון דיר ווי פון אַ גאַסן־פרוי", האָט אוירווינג, פאַר־לירנדיק די קאָנטראָל איבער זיך, געגומען שרייען אויף זיין ווייב.

זי איז געשטאַנען אַ בלאַסע, אַ פאַרלוירענע פון דעם אומדערוואַר־טעטן אָנפאַל. דאָס בלוט האָט איר באַלד אַ שטראָם געטאָן אין פנים.

„האָסט קיין רעכט ניט צו ריידן אַזוי צו מיר", האָט זי שטיל און שאַרף געענטפערט, „איך בין ניט קיין דינסט־מיידל. ביסט אַ חוצפּהניק". „און דו ביסט אַ..."

ער האָט אָבער זיין ענטפער ניט פאַרענדיקט. דאָס איז געווען זייער ערשטער אָפענער קריג און אויך זייער לעצטער. וואָלטן זיי ווייטער

געקריגט זיך, וואָלטן זיי, אפשר, זיך אויסגעקריגט, אויסגערעדט זיך און פֿאַרשטאַנען זיך. זיי האָבן זיך, אָבער, ביידע פֿאַרשעמט פֿאַר די האַסטיקע רייד פֿון דער קריגערײַ און האָבן מער ניט געקריגט זיך...

*

שטילערהייט איז געוואַקסן צווישן זיי אַ פֿרעמדקייט, וואָס איז שווער־רער געוואָרן צו באַזיגן, ווײַל זיי האָבן זיך געליבט.

ניט איין מאָל האָט ער געוואָלט צוגיין צו איר און זאָגן:

„הילדאַ, לאָמיר זיך ניט נאַריש מאַכן. איך האָב דאָך דיך ליב און דו מיך אויך. דאָס זײַנען דאָך אַלץ נאַרישקייטן; עס לוינט זיך ניט צוליב זיי פֿאַרביטערן טײַערע, ליכטיקע טעג".

ער האָט אָבער דאָס ניט געטאָן. עפּעס אין אים האָט אים אָפּגע־האַלטן. אַזוי ווי פֿון אַ פֿינצטערן קוואַל זײַנען אויפֿגעשווומען פֿאַרבי־טערטע דערינערונגען פֿון די פּרימאַרגנס ביים פֿענצטער, און די ביטערקייט האָט זיך ווי אַ גיפֿט אין אים געשפּרייט.

דאַן איז געשען דאָס וואָס עס האָט ניט געטאָרט געשען. ער האָט זי מיטן מיאוסטן וואָרט, מיט וועלכן אַ מאַן קאָן אָנרופֿן אַ פֿרוי, באַליידיקט. דאָס איז געשען אין אַ זונטיק אין דער פֿרי, ווען זי האָט זיך פֿון פֿענצטער אַרויסגעבויגן אָנקוקן עפּעס אונטן אויף דער גאַס. ער האָט פֿון צאָרן אַזוי ווי זײַן שכל פֿאַרלוירן און דאָס זידלוואָרט האָט זיך פֿון מויל אַרויסגעכאַפּט.

יענעם טאָג איז הילדאַ פֿון הויז ניט אַרויס. מיטן פּנים צו דער וואַנט איז זי אָפּגעלעגן דעם גאַנצן נאָכמיטאָג. אין הויז איז געווען שטיל אַזוי ווי נאָך אַ לוויה. אוירוווינג האָט יאָ געמאַכט אַ פּאַרזוך עפּעס צו זאָגן, זי האָט אָבער ניט געענטפֿערט, און זײַן האַלדז איז ווי פֿאַרטריקנט געוואָרן. די נאַכט האָט זי פֿאַרבראַכט אויף דער קושעטקע און האָט זיך אַפֿילו ניט אויסגעטאָן. אויף מאָרגן האָט זי אײַנגעפּאַקט אירע קליידער און איז אַוועק. זי האָט אוירווינגען אַ קאַלטן, אומעטיקן „גוד־באַי" גע־זאָגט. ער האָט געוואָלט ריידן, בעטן זיך ביי איר, אַז זי זאָל בלייבן. זי

האָט אים אָבער ריידן ניט געלאָזט, באַמערקנדיק שטיל:

„מען דאַרף ניט; אפשר אַ מאָל, שפּעטער, ניט איצט".

ביי ביידן האָבן די הערצער געוויינט, און ביי ביידן זיינען די צינגער שטום געבליבן. און אַזוי איז מען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, צע־ווייטאָגטע און פאַרליבטע.

וואָלט אוירווינג אַ מאָל זיך אַרויפגעכאַפּט צו הילדען, וואָלט ער געזען מיט וואָס פאַראַ שווערע שטאָרן אירע פענצטער זיינען איצט פאַר־האַנגען. וואָלט הילדאַ געקומען צו אוירווינגען, וואָלט זי געזען ווי ער כאַפּט אַ זון־באָד ביים אָפענעם פענצטער יעדן פרימאָרגן. מיט אַ מאָדנער פאַרביסנקייט שטייט ער אַ נאַקעטער ביים פענצטער, אַזוי ווי ער וואָלט אין זיך וועלן איבערברעכן זיין „יידישן" ווידערווילן צו אָפענער נאַ־קעטקייט.

קומט אָבער הילדאַ ניט צו אוירווינגען און אוירווינג גייט ניט צו הילדען.

„אפשר אַ מאָל, שפּעטער"... קלינגען אים אירע לעצטע ווערטער אין די אויערן. ניט איין מאָל איז ער אַ פאַרציטערטער אויפגעשפּרונגען פון בעט מיינענדיק, אַז ער האָט געהערט טריט אין קאָרידאָר, און נאָך יעדע אַנטוישונג איז זיין בענקשאַפט געוואַקסן ביז צו פאַרצווייפלונג, — ווען וועט זי שוין קומען?

ווירדזשיניאַ

אויף וועיווערלי פּלייס און יוניווערסיטי עוועניו, ווו די קדחתדיקע ניו־יאָרק נעמט אָן אויף אַ ווײַלע דאָס אויסזען פון דער רויִקער ווין — שטייט קעגנאיבער דעם אויסגעצויגענעם וואַשינגטאָן סקווער אַ מאַסיווער עלף־פּלאָריקע, ברודיק־ברוינע געביידע מיט צענדליקער פענצטער וואָס גלאַנצן ווי קלאָרע וואַסערן קעגן דער אויפגייענדער און פאַרגייענדער זון. אין דער פרי, ווען די זון שטייגט איבער די אָפּיס געביידעס פון בראָדוויי, שימערירן די פענצטער אויף וועיווערלי פּלייס. פאַר נאַכט, ווען זי זינקט הינטער די גאַסן פון גריניווידזש ווילעדזש, פאַלן אירע שטאַרבנדיקע שטראַלן אין די שויבן אויף יוניווערסיטי פּלייס און צעשווי־מען זיך איבער זיי אין אַ געמיש פון אָראַנזש־פּורפּור, וואָס פאַרכאַפּט דאָס אויג און רעדט צום האַרץ מיט אַן אָפּשפּיגלונג פון ווייטקייטן אויף יענער זייט האָריזאָנט.

יעדן טאָג גייען טויזנטער מענטשן פאַרביי דער געביידע. עס גייען פאַרביי ביזנעסלייט וועמענס אָפיסעס געפינען זיך אויף וועיווערלי סטריט. עס גייען פאַרביי יונגע, פריילעכע סטענאָגראַפיסטקעס מיט צוגעפּאַרבטע בעקעלעך, פאַרכמורעטע פּראָלעטאַריער, קעפּמייקערס, וועלכע אַרבעטן אין די פעקטאָריס אויף גרין און בליקער סטריטס, אויסגעמאָגערטע אינטעליגענטן וואָס וווינען אין גריניווידזש ווילעדזש צוליב „אַטמאָס־פערע", עמאַנציפּירטע מיידלעך פון דער וועסט און מיד־וועסט, וועלכע זיינען געקומען קיין ניו־יאָרק זיך שאַפן אַ קאַריערע און וווינען אין די פּוירנישד רומס פון וואַשינגטאָן סקווער „פריי" און זעלבשטענדיק. עס ציט זיך פאַרביי דעם אויסגעלומפּערטן ברודיק־ברוינעם בנין אַ

שטראָם פון וועלטן און וועלטעלעך, פרעמדע, ווייטע, האָפנונגספולע, פאַר־ביטערטע, צינישע, האַסנדיקע, מיט גאָט און אָן גאָט אין האַרצן. זיי ציִען זיך יעדן פרימאָרגן און פאַרנאַכט אונטער דעם ריזיקן מויער וואָס לויערט ווי מיט חוזק איבער זיי; און בלויז אַ קליינע צאָל פון זיי ווייסן, אַז ניט אַ פעקטאָרי, ניט אַן אָפיס געביידע איז דער ריז, נאָר אַ גרויסער מאָדערנער אַמעריקאַנער קאַלעדזש, אַ צווייג פון דעם ניו־יאָרקער אוני־ווערסיטעט. אַזוי הייסט ער טאַקע — דער וואַשינגטאָן סקווער קאַלעדזש.

אַלץ, כמעט אַלץ, לערנט מען אין דעם קאַלעדזש. ער איז אַ מין גייסטיקער דעפּאַרטמענט סטאָר ווו קונים קאָנען זיך איינהאַנדלען וואָס זייער האַרץ גלוסט — כעמיע איז כעמיע; איר ווילט אַ ביסל געשיכטע פון מיטלאַלטער, מיט גרויס פאַרגעניגן; ד־אַמע; מוזיק, געאָמעטריע, בוכקיפּינג, סיילסמענשיפּ, קולטור געשיכטע, פּעדאַגאָגיע — קומט, קויפט. בלויז אַכט און אַ האַלב דאָלער אַ שטונדע.

און עס קומען אַהין קינדער פון אָרעמע עלטערן, פון סטאָרקיפּערס, פון פּראָלעטאַריער, כאַפּן אַ בליק דורך אַ שפּאַרונקע אין אַ גרויסער, ליכטיקער, וווּנדער־שיינער וועלט און דערביי ווערן זיי פול מיט פאַר־אַכטונג צום לעבן פון די עלטערן און מיט אַ ווונטש צו דערגרייכן אַן אומדערגרייכבאַרע וועלט. די אַפּעטיטן ווערן צערייצט און די אַרבעטער־קינדער ווערן פאַרוואַנדלט אין שונאים צו זייער שטאַם, שטעלן זיך ווי משרתים צו דינסט דעם הערשער־קלאַס, און העלפן אים פאַרשקלאַפן זייער אייגן בלוט און פלייש.

*

פאַרשטאַנען האָב איך עס ערשט שפּעטער. דאַן אָבער בין איך געווען אַליין אַ סטודענט אין דעם קאַלעדזש, שטודירט און געאַרבעט און געט־ייסט זיך מיטן בלויזן געדאַנק, אַז אַלע קרבנות, אַלע שווערע אָנשטרענגונגען טראָגן מיט זיך אַ לוין אין דער צוקונפט, אַ לוין וואָס וועט פאַרגיטיקן די ניט דערשלאָפענע שעהען, די מידע ביינער, דעם אויסגעהונגערטן, אויסגעמאַטערטן גוף. שטודירט אין קאַלעדזש האָב איך

פון 9 אין דער פרי ביז איינס ביי טאָג. פון האַלב נאָך איינס ביז זעקס האָב איך געאַרבעט אין אַ בליי פעקטאָרי אויף קראָסבי סטריט. אויפן וועג, לויפנדיק אין פעקטאָרי, האָב איך צייט געהאַט אויפצועסן אַ טרור־קענעם סענדוויטש; און אַ מאָל, אויב דער פּראָפעסאָר האָט פאַרענדיקט די לעקציע אַ ביסל פריִער, האָב איך ביי אַ סטענד אויך איינגעהאַנדלט אַ הייסע קאַפע. מיין אַרבעט אין פעקטאָרי איז געווען אַן „איינפּאַכע״. מיט אַ גרויסן לעפל האָב איך געשעפּט צעשמאָלצענעם בליי פון אַ ריי־זיקן קעסל און עס געגאָסן אין פורעמס. ווען מען האָט די פורעמס געעפנט איז דער פאַרקילטער בליי געלעגן אַ גלאַנציקער, אַ יום־טובדיקער, אַ פאַרטיקער קאָלפאַק פאַר אַ לאָמפּ. ווי געזאָגט, איז די אַרבעט געווען אַן „איינפּאַכע״. דאָס מאָנאָטאָנע גיסן פון דעם בליי פיר און אַ האַלבע שטונדן נאָכאַנאַנד איז אָבער געווען אַ מוראדיקע אָנשטרענגונג פאַר די מוסקלען און פאַרן קערפּער. נאָך ערגער איז געווען דאָס וואָס מען האָט די געדאַנקען געמוזט האַלטן קאָנצענטרירט אויף דער אַרבעט. צוליב דער קלענסטער אומפאָרזיכטיקייט האָט דער בליי זיך פאַרגאָסן, און הגם קיין שאָדן האָט עס ניט אָנגעטאָן, האָט עס דאָך געמיינט אַ פאַר פאַר־לוירענע מינוטן, און דער פאַרמאַן האָט עס ליידן ניט געוואָלט. דערצו האָט דער הייסער בליי אַ מאָל אַ ברי געטאָן אַ פוס, אַ האַנט און פאַרשאַפט אומדערטרעגלעכע ווייטאָגן. עס האָבן אַפילו ניט געהאָלפן די דיקע וואָלענע הענטשקעס און דער לייוונטענער פאַרטעך מיט וועלכן איך האָב זיך אַרומגעוויקלט. איך האָב גאַנצע נעכט ניט געקאָנט אַן אויג צומאַכן פון אַזאַ ברי.

אַמערגסטן האָב איך אָבער געליטן פון דעם גערוך פון צעשמאָל־צענעם בליי. דער זיסלעך זויערער ריח האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין מיינע נאָזלעכער, אַז נאָך די ערשטע פאַר וואָכן אַרבעט, האָב איך צו מיין גרויסן שרעק דערפילט, אַז מיר הייבט אָן איבלען אַזוי שנעל ווי איך גיי צו צו דער פעקטאָרי. ביי דער אַרבעט האָט מיר געשווינדלט אין קאָפּ פון דעם סמיקן גערוך און יעדן טאָג האָב איך נאָך דער ערשטער שעה ביים זודיקן קעסל געמוזט אַרויסלויפן און אויסברעכן וואָס איך האָב

געגעסן. עס איז געווען, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, „איי העל אָף
עי לייף״.

אַהיים פון דער אַרבעט פלעג איך קומען אַרום האַלב נאָך זעקס.
געוווינט האָב איך אין אַ גאַנץ געראַמיקן צימער אין טשאַרלס סטריט,
אין האַרץ פון גרינווידזש, ביי אַ גוטמוטיקער יידישער אלמנה, וואָס
האָט געהאַט אַ הויז מיט צימערן אויף צו פאַרדינגען. די גוטע פרוי האָט
אָפט פאַרזען מיט די רענט אויף עטלעכע טעג צייט. ניט זעלטן האָט זי
מיך אַזוי ווי אומגערן געטראָפן אויף די שטיגן אין קאָרידאָר און מיר
גענומען דערציילן וווּנדער פון איר קאָכן און באַקן. איך האָב געמוזט
ניט אַנדערש ווי אַריינגיין צו איר און „פאַרזוכן״ דאָס געבעקס. ביים
פאַרזוכן האָב איך שוין געמוזט אויסטרינקען אַ פּאָר קאָפּעס קאַווע, פאַר־
קייען מיט פארינא פודינג און „אַראָפּשלינגען״, ווי זי פלעגט זאָגן, אַן
עפּל. דערביי האָט זי אַזוי האַרציק, אַזוי איינפאַך גערעדט אַז איינמאָל,
נאָך אַ ביטערן טאָג אין שאַפּ, האָב איך זיצנדיק אין איר וואַרעמער קיך
זיך דערמיט איבערגענומען און האָב זיך קינדיש צעוויינט.

מרס. מעקנאַלטי האָט מיט אַ טאַקט וואָס איז געווען מער מענעריש
ווי ווייבעריש ניט פּרובירט מיך טרייסטן. זי האָט זיך אָנגעבייזערט אויף
מיר פאַר מיין „יינגלשקייט״, און האָט פאַרענדיקט מיט:

„דאָנ׳ט בי איי קראַי בייבי, לאַיק עוורי דזשו״!

זי איז חלילה ניט געווען קיין אַנטיסעמיטקע. זי איז בלויז געווען
קלוג גענוג צו פאַרשטיין, אַז אַנרירנדיק דעם „פּינטעלע ייד״, וועט זי
זיכער אויפוועקן מיין ווידערשטאַנד צום שווערן לעבן, און זי איז
גערעכט געווען.

דאָס צימער מיינס, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז געווען גאַנץ
געראַם. אַ בעטל, אַ טיש, שטענדיק פאַרלייגט מיט ביכער, אַ שטול און
אַ ווייכער וויגשטול זענען געווען דאָס גאַנצע מעבל. הינטער אַ גרינעם
פאָרהאַנג וואָס איז געווען פאַרצויגן איבער אַ ווינקל פון דעם צימער
זיינען געהאַנגען די פּאָר סוטס וואָס איך און מיין פריינד, וועלכער האָט
געוווינט מיט מיר, האָבן פאַרמאָגט. די איינציקע סימנים פון דעם וואָס

מען קאָן אָנרופן „לוקסוס” אין צימער זיינען געווען אַן אויסגעריבענער שטיקל ראָג וואָס איז געלעגן לעבן בעטל און וואָס איז געווען אַזוי אַלט, אַז אַפילו מרס. מעקנאַלטי האָט שוין ניט געקאָנט דערקענען זיין קאָליר, און אַן אַלטער זייגער מיט אַן אויסגעשניצטן קוקו אויף אים, וואָס אַ פריי־הערציקער באָרדער האָט דאָ איבערגעלאָזט. דער זייגער, האָט מרס. מעקנאַלטי אונדז דערציילט איז קיין מאָל ניט געגאַנגען. אַזעלכע זייגערס ווערן ניט געמאַכט אויף צו גיין, נאָר אויף צו באַשיינען אַ „מענטעל־פּיס”.

דערפאַר אַז מיר האָבן אַרויסגעקוקט דורך דעם איין און איינציקן פענצטער אין דעם גרויסן יאַרד, האָבן אונדזערע אויגן צוזאַמען מיט די ליינס וועש באַגעגנט דריי אַלטע מייפּל־ביימער. פון ענדע אַפּריל ביז ענדע סעפּטעמבער האָבן די דריי פריינד אונז געגלעט די אויגן מיט זייער גרינעם סאַמעט. זיי האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט די ווייטע וועלדער, די פעלדער, די גאָט־געבענטשטע נאַטור וואָס ניו־יאָרק האָט אָפּגע־צאַמט פון אונדז. ווינטער זיינען זיי געשטאַנען אויסגעצויגן אין ווייסן ווי די גייסטער פון פאַרשטאָרבענע עלטערן, וועלכע טרייסטן און היטן אַפילו נאָכן פאַרגיין...

שעהען לאַנג פלעג איך אָפּזיצן מיט בליקן איינגעגראָבן אין די דריי אַלטע פריינד. זיי האָבן מיך געשטאַרקט נאָך מער ווי מרס. מעק־נאַלטיס געשמאַקע פּודינגס און זיסע עפּל. זיי האָבן געגאָסן דעם זאַפט פון לעבן אין מיין נשמה, די דריי אַלטע, ליבע פריינד.

גליקליכערווייז, איז מיין פריינד מעקס אָפּט געווען אָפּוועזנד פון שטאָט. ער האָט געאַרבעט אַלס סיילסמאַן אין אַ קליינער האַרדווער סטאָר אויף ריווינגטאָן סטריט און איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך פון ניו־דזשוירזי און קאָנעטיקוט און האָט פאַרקויפט וואַרע. ער פלעגט קומען אַהיים איין מאָל אין צוויי וואָכן און אַ מאָל אַ ביסל אָפּטער.

קיין גליקן האָט ער ניט געמאַכט. פון דעם וואָס ער האָט פאַרדינט האָט ער געמוזט שיקן צוויי דריטל אַהיים קיין דעטראָיט דער מאַמען, אַן אלמנה מיט פינף קליינע יתומים. אַזוי שפּאָרעוודיק האָבן מיר געמוזט

זיין, אַז מיר האָבן זיך באַטיילט מיט איין שליסל. מיר האָבן צוליב דעם צוגעטראַכט אַן אייגענעם „פּעטענט". דער שליסל איז שטענדיק געלעגן אין אַ לאָך וואָס מיר האָבן אַנטדעקט אונטער אַ בריקל לעבן די טרעפּלעך וואָס האָבן געפירט אין בייסמענט. אמת, איך האָב צוליב דעם געמוזט לויפן אַן איבעריקן מאָל פון טאָפּ־פלאָר, נאָך דעם ווי איך האָב געעפנט די גאָסטיר און די טיר פון אונדזער צימער, כדי מעקס זאָל קאָנען אַריין אין פאַל ער קערט זיך אום אַהיים. דערפאַר אָבער האָבן מיר פאַרשפּאָרט דעם קוואָדער וואָס אַ טאָפּעלער שליסל וואָלט געקאָסט. דאָס לויפן האָט אונדז געגעבן „עקסערסייז". אַן עקסערסייז, האָט מעקס, וועלכער איז צו אַלע מעלות נאָך געווען אַ וויצלינג, געזאָגט, טאָר אַ מענטש ניט לעבן.

אַדאַנק זיין אַרומפּאָרן, האָב איך דעם צימער געהאַט כמעט אין גאַנצן פאַר זיך און האָב געקאָנט אומגעשטערט זיך אָפּגעבן מיין שטודירן. שטודירט האָב איך אַן גוזמא זייער שווער. דער „דין" פון קאָלעדזש האָט מיר דערלויבט נעמען גאַנצע זעכצן „פּאָינטס", דאָס הייסט אַ פולן קורס, אַזעלכן וואָס בלויז סטודענטן וועלכע האָבן ניט געאַרבעט האָבן געמוזט אויפנעמען. איך האָב דעריבער געמוזט שווער, זייער שווער אַ־בעטן, און דער גאַז האָט געברענט ביז צוויי און דריי פאַר טאָג. איך געדענק נאָך גוט דעם קורס וואָס איך האָב געהאַט אויף מיין פּראָגראַם יענעם ווינטער, ווען איך האָב ווירדזשיניען צום ערשטן מאָל באַגעגנט. דאָס זיינען געווען אַזעלכע לימודים וואָס האָבן געפאָדערט די אָנשטרענגונגען פון יעדן נערוו, פון יעדן צעל אין מאָרך, לימודים וואָס האָבן געקאָנט אויסמאַטערן דעם פעיקסטן סטודענט.

העכערע פּאָליטישע עקאָנאָמיע, צוויי שטונדן אַ וואָך; העכערע ביאָלאָגיע, דריי שטונדן; געשיכטע פון אייראָפּע פון נײַנצנטן יאָרהונדערט, צוויי שטונדן; געשיכטע פון דער ענגלישער קריטיק, צוויי שטונדן; די פילאָסאָפיע פון עטיק, צוויי שטונדן; די אינטעלעקטועלע געשיכטע פון אייראָפּע אין 17טן און 18טן יאָרהונדערט, דריי שטונדן.

אַ פּאָינט האָט געמיינט אַ שטונדע אין קלאַס. עס פאַרשטייט זיך אַז

צו דער שטונדע וואָס מען האָט פאַרבראַכט מיטן פּראָפעסאָר אין קלאַס האָבן זיך געפאָדערט שעהען און שעהען שווערע אַרבעט אין דער היים, וואָס האָט אויסגעשעפּט די ענערגיע, געטריקנט דעם מאַרך. ווען צו דעם דאַרף מען נאָך אָפּאַרבעטן פיר און אַ האַלבע שעה אין אַ בליי־פּעק־טאָרי, לעבן אַ זודיקן קעסל בליי, שעפּן מיט אַ גרויסן לעפל צעשמאָלצענע זײַערלעך־זיסע פליסיקייט און גיסן פּאָרציכטיק אין גרויסע פורעמס — פאַרשטייט זיך אַז עס איז געווען אַן אָפּקומעניש וואָס בלויז מײַן אײַנגע־בוירענע אַמביציע צו קומען צו אַ תכלית האָט מיר געהאָלפן לײַדן.

ווײַל צו יענער צײַט — איך בין שוין געווען אין מײַן דריטן יאָר קאָלעדזש — האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די לײַדן און דאָס שטודירן זײַנען ניט דער שליסל צום גן־עדן פון וויסן און אמתער בילדונג, נאָר די שבעה מדורי גהינום אין וועלכער איך מוז זיך לײַטערן כדי צו דער־גרייכן אַ קאַריערע — צו קאָנען ווערן אַ לערער פון ליטעראַטור ערגעץ אין אַ הײַ־סקול. איך האָב געוווּסט, אַז אויך נאָך די פיר יאָר קאָלעדזש וועל איך מוזן געוווּג זיך מאַטערן ביז מען וועט מיר דערלויבן ערגעץ אַזאַ שטעלע צו פאַרנעמען, אָבער איך וועל שוין האָבן דעם דיפּלאָם. עס וועט פאָרט זײַן גרינגער. איך וועל דאָך זײַן אַ „קאָלעדזש מען".

הנאה געהאַט האָב איך פון דעם לימוד וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער אינטעלעקטועלער געשיכטע פון אייראָפּע פון 17טן און 18טן יאָרהונדערט, מער ווי פון אַלע אַנדערע לימודים. דער לערער, פּראָפעסאָר סלער האָט געהאַט אַ שם אין דער קולטורעל־וויסנשאַפטלעכער וועלט. כאָטש ער איז שוין געווען אַ מאַן אין די זעכציקער, האָט ער נאָך ניט געהאַט פאַרלוירן זײַן ליבע צום מאַטעריאַל וואָס ער האָט געלערנט און האָט פאַרגעבראַכט זײַנע לעקציעס מיטן ענטוזיאַזם און מיט דער באַגײַס־טערנדער שפּראַך פון אַ ליבהאָבער. די סטודענטן האָבן אים באמת ליב געהאַט און האָבן זײַן לימוד ניט געזוכט צו „בלאָפן". מען האָט די היים־אַרבעט געוויסנהאַפט צוגעגרייט. אויף זײַנע לעקציעס האָבן מיר געוואַרט מיט פאַרגעניגן.

מעגלעך אַז זײַן פּאָפּולאַריטעט האָט דער פּראָפעסאָר אין אַ געוויסער

מאָס זיך דערוואָרבן מיט זיין אויבנאויפיקער נאַכלעסיקייט בנוגע עק־זאַמענס. בלויז איין מאָל אַ מאָנאַט האָט ער אונדז געגעבן אַ „קוויז", וואָס אויף דער סטודענטן שפּראַך האָט עס געהייסן אַן עקזאַמען. די פראַגעס וואָס ער האָט געשטעלט זיינען ניט געווען קיין טעכנישע, האָבן ניט געהאַט קיין שייכות מיט דאַטן און ציפערן, און האָבן ניט באַלעסטיקט דעם סטודענטישן זכרון. די ענטפערס האָבן געזאָלט זיין עדות אויף דער אַלגעמיינער אויפפאַסונג וואָס דער סטודענט האָט געהאַט איבער דעם לימוד. פּראָפעסאָר סלער האָט געוואָלט וויסן צום ביישפּיל די ווירקונג וואָס רוסאָס ליטעראַרישע שאַפונגען האָבן געהאַט אויף די ליטעראַרישע שולן פון זיין צייט. ער האָט געוואָלט אַז דער סטודענט זאָל דערקלערן פאַר וואָס רוסאָס שילדערונגען פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן און פון די שיינקייטן פון דער נאַטור און די ווירקונגען וואָס איינע האָט אויסגעאיבט אויף דער אַנדערער האָבן אים אַוועקגעשטעלט אין איין ריי מיט די אומ־שטערבלעכע גייסטער פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור.

לויט די ענטפערס האָט מען ניט נאָר געקאָנט מעסטן זייערע ידיעות, נאָר מען האָט אויך געקאָנט אורטיילן וועגן זייער שרייבן, מוסטער פון זייער ליטעראַרישן סטיל, פון דעם אינטערעס מיט וועלכן זיי האָבן באַנומען דעם גאַנצן ברייטן לימוד.

דעם לערער האָט ניט געאַרט צי די תלמידים האָבן געוווּסט אין וועלכן יאָר רוסאָ האָט אָנגעשריבן זיין „קאָנטראַ סאָציאַ", אָדער ווי דער נאָמען פון זיין ערשטער מעטרעסע איז געווען. אים האָט יאָ אינטערעסירט צו וויסן צי די סטודענטן באַגרייפן די פאַרשיידענע כוחות וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אייראָפּע אין דעם זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט. און דאָס האָט ער געזוכט צו דערגיין אין די מאָנאַטלעכע עקזאַמענס.

אַליין פאַרטאָן אין זיין לימוד און אַבסאָלוט ערלעך אין זיין באַנעמונג צו די סטודענטן, האָט פּראָפעסאָר סלער צו אונדז זיך פאַרהאַלטן ווי צו זיין גלייכן. ער האָט אונדז ניט געהיט אין צייט פון אַ עקזאַמען. מיט זיין צוטרוי האָט ער מער געוווּנען אונדזער איבערגעגעבנהייט, און

זעלטן האָט אַ סטודענט שטילערהייט געכאַפּט אַ קוק אין זיינע פאַר־שריבענע נאָטיצן אָדער אין זיין טעקס־בוך. מיר האָבן אויף אַזאַ געקוקט מיט פאַראַכטונג און געהאַלטן אים אָפּגעטיילט פון אונדז ווי אַן אומ־ריינעם.

*

מיין פאַרווונדערונג איז, דעריבער, געווען גרויס ווען איך האָב איינמאָל, אין צייט פון אַן עקזאַמען דערהערט פון רעכטס:

„ווער האָט געשריבן די אָפּהאַנדלונג איבערן מענטשלעכן ווילן?

די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אין אַ וויספּער. איך האָב אויסגע־דרייט מיין קאָפּ צום פרעגער און זי שאַרף אָנגעקוקט.

אַ בורשטין־בלאָנדע, מיט אַ זוניק־לויטערן בליק, האָט זי ערנסט און אָנגעשטרענגט באַגעגנט מיין אויג און געוואַרט אויף אַן ענטפער.

מיין ווידערווילן איז אַזוי ווי צערונען אונטער אירע ברייט פאַר־נאַנדערגעעפנטע, איינזויגנדיקע אויגן. איר קורץ־געשוירענער קאָפּ איז געווען נאָענט צו מיינעם און פון אירע פולע שולטערן האָט זיך געררוי־כערט דער אומזעבאַרער מיידלשער רייץ, וואָס איז אַדאַנק דעם טיי־ראָז־קאָליר פון איר קלייד איינגעקריצט געוואָרן אין מיין זכרון עד היום. די ווייסקייט פון איר אַנטבלויזטן לייב וואָס האָט זיך אין פאַרנט געגומען טיילן אין רונדע בערגלעך, וואָס זיינען פאַרהילט געוואָרן גלייך ביים אָנהייב אונטער אַ ווייכקייט פון טיי־ראָז און האָט זיך געגאָסן אין מיינע אברים דורך מיין חוש הראיה. ערשט שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען ווי מיידלשע נאָענטקייט, ווי די נאַקעטע ווייסקייט פון אַ מיידלשן האַלדז קאָנען אַריינגיסן אומרו אין אַ מענערשן גוף.

די פראַגע אירע איז געווען געווענדט אויף נומער פינף פון דעם עק־זאַמען: באַשרייב די פאַרבינדונגען צווישן דער אָפּהאַנדלונג איבערן מענטשלעכן ווילן מיט לאָקס עמפּירישער פּסיכאָלאָגיע.

זי האָט געוואָלט וויסן ווער דער פּראָפעסער פון דער „אָפּהאַנדלונג

איבערן מענטשלעכן ווילן" איז געווען. אַפילו אַן אָנפאַנגער, אַ „פרעש־מען", דאַכט זיך, האָט געדאַרפט וויסן זיין נאָמען.

„דייוויד יום", האָב איך איר שטילערהייט איינגערוימט אין אויער.

זי האָט מיך אַפילו ניט באַדאַנקט און האָט אָנגעבויגן איר קאָפּ איבערן פּאַפּיר. אַ רגע שפּעטער האָט זי מיך ווידער מיט אַ וויספּער געפרעגט:

„און ווער איז געווען דער אַנדער גאַי (חברה־מאַן), „דער לאָק?"

איך האָב פאַרקרימט די ליפּן ניט צו לאַכן און האָב אין עטלעכע ווערטער פּרובירט איר לאָזן וויסן ווער דער „גאַי" איז געווען. זי האָט לאַנגזאַם, ניט מיט קיין איבעריקן חשק געפירט איר פּען איבערן פּאַפּיר און מיך יעדע רגע געשטערט מיט אַ פראַגע. איך האָב מורא געהאַט אַז איך וועל ניט קאָנען איבער אירע נאַיִווע שאלות ענדיקן דעם עקזאַמען צו דער צייט.

„פאַר וואָס קוקסטו אַ מאָל ניט אַריין אין בוך? איך קאָן דאָך דיר איצט די גאַנצע תורה ניט איבערגעבן", האָב איך ענדלעך נערוועז צוריק געשושקעט אין איר רויזיק־ווייסן אויער וואָס האָט אַרויסגעסטאַרטשעט פון צווישן די האָר.

„דאָנט פּריטש", האָט זי קוקנדיק אויף איר פּאַפּיר מיט אַ בייזן צוק פון די פולע געפּאַרבטע ליפּן געענטפערט. און אַ בליץ געבנדיק אויף מיר מיט אויגן פון צעשמאָלצענעם לאַזור־שטיין האָט זי קורץ געענדיקט:

„אויב דיר טוט וויי מיר צו ענטפערן, קאָנסטו שטומען, גוטער מלאך".

מער האָט זי מיר קיינע קשיות ניט געשטעלט.

ווען פּראָפעסאָר סלער האָט מיט אַ וואָך שפּעטער פאַרגעלעזן די נעמען פון די וועלכע זיינען דורכגעפאַלן ביים עקזאַמען, איז איר נאָמען געווען צווישן זיי. זי האָט קאַלטבלוטיק אויפגענומען די בשורה, האָט אַפילו מיט אַן אויג ניט אַ פינטל געטאָן.

זי האָט, אייגנטלעך, קיין בעסערס ניט געקאָנט דערוואַרטן. איר באַזוך אין קלאַס איז געווען דער ערגסטער. פון די דריי שטונדן אַ וואָך

האָט זי איינעם און אַ מאָל צוויי פאַרפעלט, און, הגם, איר קליידונג איז געווען תמיד ציכטיק, נעט, און „פּלעפּעריש״, זיינען אירע וווּנדערבאַרע אויגן ניט שטענדיק געווען קלאָר און אויסגעשלאָפן. די איידעלע ווײַעס, וועלכע האָבן, אַזוי ווי זיידענע שמעטערלינגען איבער בלומען, געציטערט איבער זיי, זיינען אָפט געווען רויטלעך, געשוואָלן און האָבן אין פאַרלויף פון דער שטונדע געהאַלטן אין איין שליסן זיך, מיד, לעכצנדיק נאָך רגעס שלאָף. געהאַט האָב איך דעם איינדרוק אַז זי קומט אין קלאַס ניט צוליבן לימוד, נאָר צוליב דער שטילקייט און רויִקייט וואָס דעם פּראָפעסאָרס אָנוועזנהייט האָט מיט זיך פאַרשפּרייט. אָט אַזוי דערגייט אָפט אָן אָפּ־קורס אין אַ קירכע, זיצט אין אַ ווינקל מיט פאַרמאַכטע אויגן, טרוימט און רוט. דער קלאַס איז פאַר איר געווען אַן עיר־מיקלט פון דעם טומל־דיקן אַמעריקאַנישן גאַסן־לעבן, וואָס זי האָט וואַרשיינלעך געפירט. אַזאַ איינדרוק האָט איר אויפפירונג אויף מיר געמאַכט.

*

נאָך יענער צעווערטלונג אונדזערער האָט זי מער צו מיר ניט גע־רעדט, הגם מיר זיינען געזעסן האַרט איינער לעבן אַנדערן און האָבן זיך אָפט אָנגערירט מיט די עלנבויגנס. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב די באַרירונגען קיין מאָל ניט געזוכט. איר אָנריר האָט מיר צעטומלט די גע־דאַנקען און אָפּגעשטעלט מיין אָטעם. ווירדזשיניעס באַרירונג האָט מיין בלוט האַסטיק געטריבן, זי האָט מיך געצויגן און איך האָב קעגן דעם כּישוף פון איר קערפּער געקעמפט; ניט אויס צניעות, נאָר ווייל איך האָב אינסטינקטיוו געפילט אַז קיין רו קאָן זי מיר ניט ברענגען.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער בין איך פאַר נאַכט געגאַנגען פון דער אַרבעט אַהיים. איך האָב אויסגעקליבן אַ לענגערן וועג כּדי צו קאָנען דורכ־שניידן דעם קליינעם, ריינעם פּאַרק אויף וואַשינגטאָן סקווער. ס'איז געווען ענדע מערץ און אין דער טונקעלער לופט האָט זיך שוין געטראָגן דער אָנזאָג פון פרילינג. די דאַרע ביימער פון דעם פּאַרק זיינען נאָך געווען נאַקעט, אָבער אויף זייערע דינע צווייגן האָבן זיך שוין געמערקט

סימנים פון שפּראָצנדיקע קנאָספּן. דער אומרו פון אויפגאַנג און אויפלע־בונג האָט גערעגט דעם באַוווּסטזיין. עס האָט געאָטעמט מיט אָנקומענדן פרילינג, מיט לינדע ווינטלעך און ניי־דערוואַרטע פאַרלאַנגען. אַפילו דער שטיין וואָס האָט באַפּלאַסטערט די ערד און דער ציגל און שטאָל פון די מויערן אַרום דעם סקווער, האָבן ניט געקאָנט דערשטיקן דאָס אויפ־טשוכן פון דער געפאַנגענער נאַטור וואָס האָט פון ערגעץ ווו גערופן צום מענטשן, צו זיינע פּרימיטיווע אינסטינקטן. די צייט פון פּאָרן זיך, די צייט פון באַפרוכפּערונג איז געווען נאָענט, און די לופט פון ניו־יאָרק האָט געטראָגן דעם פריידיקן אָנזאָג דורך די פאַרשטיינערטע גאַסן און הינטערגעסלעך פון דער ריזיקער שטאָט.

אויף די בענקלעך אין פּאַרק זיינען געזעסן מענער און פרויען אָנ־געטאָן אין וואַרעמע ווינטערדיקע בגדים און האָבן זיך געקוויקט מיט דעם קילן פּאַרנאַכט. יונגע פּאָרלעך זיינען געזעסן צוגעטוליעט און האָבן זיך אין די אויגן געקוקט, גלעטנדיק סודות פון שטילן אומבאַהאָלפענעם באַגער. די זון איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן הינטער די ווענט אין מערב, איבער־לאָזנדיק הינטער זיך בולטע, פיר־עקיקע סילועטן וועלכע זיינען געווען דורכגעזיפּט מיט קלענערע ליכטיקע פיר־עקן־פענצטער פון ניו־יאָרקער אַפּאַרטמענט־הייזער ביי נאַכט. עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געגאָסן בלאַסן ליכט איבערן פּאַרק, שאַפנדיק שאַרפע שאָטנס, איבער וועלכע זיי האָבן קיין שליטה ניט געהאַט.

פאַרזונקען אין זיך, בין איך לאַנגזאַם געגאַנגען דורך דער אַלעע וואָס האָט געפירט צו דער פינפטער עוועניו און צום מאַסיוון טריומף טויער — אַ זכרון נאָך דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, „דער פאָטער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע". מעגלעך, אַז איך האָב נאָך לאַנגזאַמער שפּאַ־צירט ווי תמיד, כדי וואָס ווייטער אָפּצושטופּן די שווערע שטונדן וואָס האָבן מיך דערוואַרט, אין צימער איבער די ביכער. פון מיין שוועסטער אין פּאָסעיק האָב איך יענעם טאָג אַן אומעטיקן בריוו באַקומען. איר מיזיניקל איז געווען ערנסט קראַנק, און דער מאַן אירער — שוין אַ לענגערע צייט אָן אַרבעט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זי נייטיקט זיך, אַז

עטלעכע דאָלער וואָלטן איר געראַטעוועט. עס איז מיר געווען ביטער אויפן האַרצן; נאָר די פרייד פון דעם אָנקומענדן פרילינג, האָט די ביטערקייט אין אַ שוואַרצן סאַמעט פאַרוואַנדלט און מיט אים מיין געמיט אַרומגעוויקלט.

„העלאָ, טייערער מלאך", האָט זיך אַ שטימע, איר שטימע דערטראָגן פון אַ בענקל, און מיין האַרץ האָט אויפגעציטערט נאָך איידער איך האָב אויף קלאָר געוווּסט אַז דאָס איז זי.

זי איז געזעסן אויפן בענקל אין איר גרויען פוטערל, איר רונדער קאָפּ איינגעוויקלט אין אַ קליינעם, שוואַרצן בערעט וואָס האָט די ווייס־קייט פון איר גראַדן פנים אַקצענטירט, און די ריי גלייכע ציין וואָס האָבן געפינקלט אין דעם שאָטן, האָבן געוויזן אַז זי שמייכלט.

„העלאָ, מיס פרענקלין", בין איך שטיין געבליבן לעבן איר, און באַשיצט פון דער טונקלקייט האָב איך מיינע בליקן הונגעריק געגראָבן אין דער מיידלשקייט פון איר פנים.

אין דעם הינטערגרונט פון מיין מוח האָט זיך געוואַקלט נייגעריקייט: ווער איז זי, וואָס טוט זי דאָ איצט? וועל איך מיט איר קאָנען אַ ביסל פאַרברענגען, באַקענען זיך מיט איר?

„קאָנסט מיך רופן ווירדזשיניאַ", האָט זי קורץ געזאָגט, „ווהין איילסטו זיך?"

דער טאָן איז געווען אַ גלייכגילטיקער טאָן פון אַ מענטשן וואָס האָט פיינט צו פטרן צייט אויף הקדמות און נאַרישע העפלעכקייטן — איך פרעג אַ פראַגע און דו ענטפער, און, צוריק, ווילסטו עפּעס פרעגן, פרעג, צוליב וואָס אַרומיקע שטעגלעך און זייטיקע גענג?

„אָט, איך גיי אַהיים פון דער אַרבעט, טאָן מיין היים־אַרבעט, האָב איך איר דערציילט.

„פון דער אַרבעט?"

זי איז, קענטיק, געווען פאַראינטערעסירט. „איילסטו זיך?"

„ניין, ניט זייער", האָב איך איר פאַרזיכערט, מורא האָבנדיק, אַז זי וועט מיר זאָגן „גוד־נאַיט", „דאָס הייסט, איך וויל וואָס וייטער אָפּ־

שטופן דאָס קומען אַהיים, דעם טיש ביכער, דעם ברענענדן גאַז״.

„קום, מיר׳ן שפּאַצירן״, האָט זי זיך אויפגעשטעלט און גענומען גיין.

זי איז געווען פּרעכטיק געבויט. איר קערפּער איז געווען ווייבלעך, ווייך, צוזאָגנדיק, דין און בויגיק ווי אַ יונגע בעריאָזע. און דאָך איז איר פּנים געווען פול, רונד, „בלוט און מילך״, גאָר „ניט אין איינקלאַנג״ — מיט דעם געבוי פון איר קערפּער. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ דיכטער האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ סאָנעט און האָבנדיק אָנגעשריבן די ערשטע אַכט שורות, האָט ער געענדע־ט זיין באַשלוס און פאַרענדיקט מיט אַן אויסגעצויגענער דיטיראַמבע. זי איז געגאַנגען לייכט, וויגנדיק זיך עטוואָס, ווי אַ שיפל וואָס ווערט אויפגעהויבן פון אַ גרינגער כוואַליע, איר בוזעם פאָרויס, ווי אַ טענצערין וואָס שפּאַרט זיך אָן אַן איר קאַוואַליר.

איך בין געגאַנגען ביי איר זייט מיט יום־טוב אין האַרצן, דער פריִערדיקער אומעט אין שוימיקער פרייד פאַרוואַנדלט.

דירעקט און אָן וועלכן עס איז אָנשטעל פון העפלעכקייט, האָט זי ביי מיר אויסגעפרעגט וואָס איך טו, ווי אַזוי איך דעק מיינע אויסגאַבן אין קאַלעדזש און ענלעכע פּרטים פון מיין לעבן. איך האָב זיך נאַרן ניט געקאָנט. זי איז ניט געווען פאַראינטערעסירט אין מיר אָדער אין מיין אַרט לעבן. זי איז נייגעריק געווען צו וויסן ווי אַזוי מענטשן מאַטערן זיך כדי „אָוועקצוהרגענען עטלעכע יאָר פון זייער לעבן״.

„אויב דו רעכנסט אַז די עטלעכע יאָר קאַלעדזש זיינען ניט ווערט די מי״, האָב איך איר געפרעגט, פאַר וואָס זשע פּטרסטו עטלעכע שטונדן יעדע וואָך דאָרט?״

„אָה, מיט איר איז עפּעס אַנדערש, ערשטנס, האָסטו דאָך באַמערקט אַז צו אָפט אין קלאַס קום איך ניט, און ווייטער, האָב איך שוין אַזוי פיל שעהען פאַרשווענדט אויף יעדן שוואַרץ יאָר, אַז עס מאַכט ניט אויס אויב איך וועל אויך דאָס אויספּ־ובירן. אגב, און איך זאָג טאַקע דעם אמת, אינטערעסירט מיך די קולטורעלע געשיכטע פון אייראָפּע מער ניט. עס איז אַן אָנשיקעניש, (עי ניוסענס) צו שטודירן אין דער היים. ווער האָט געדולד פאַר דעם?״

מיר זיינען געשטאַנען לעבן מיין היים.

„אָט דאָ וווינסטו?"

זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און באַקוקט דעם רויטלעך־ברוינעם מויער. אירע פולע, געפּאַרבטע ליפּן זיינען געווען אַ ביסל צעעפנט, און די ווונדערלעכע בלויע אויגן מיטן פרעך־שפּילעוודיקן פייערל אין זיי האָבן זיך לייכט געזשמירעט קעגן די באַלויכטענע פענצטער.

„וועל, ניטאָ וואָס צו באַרימען זיך (נאָט מאָטש אָף עי דאָמפּ). קיין עושר, זע איך, ביסטו ניט".

מיר האָבןביידע געלאַכט. ווען זי האָט געלאַכט, איז דאָס פרעכע רייצן זיך פאַרשווונדן פון אונטער אירע וויִעס, און די אויגן האָבן אַזוי גוט און צערטלעך געלאַשטשעט. זי האָט געלאַכט מיטן פולן מויל, ליידנשאַפטלעך, און די ווייסקייט פון איר האַלדז האָט לייכט געציטערט. זי איז דאַן געווען דורכויס פרוי, און האָט גערעדט צו מיר מיט דעם אייביק ווייבלעכן, מיט דעם יצר־הרע וואָס פליסט אין די בלוטן פון מאַן און פרוי, וואָס צינדט אָן מוסקלען און מאַכט אַ תל פון דעם ווילן פון גרעסטן בר דעת.

„איילסט זיך, מסתמא, צו די לעסאָנס", האָט זי, קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן, געזאָגט, „אָל־רייט. פאַר וואָס לאַדסטו מיך ניט איין אויף עטלעכע מינוט? קאָנסט דאָך אַ ביסל העפלעך זיין".

„ווערי וועל"... האָב איך יינגליש געשטאַמלט און בין טאַקע געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, „אַוודאי, הגם איך גלייב ניט אַז דיר וועט שטאַרק געפעלן ווערן".

און איך בין געווען אין כעס אויף זיך אַליין פאַר מיין פאַרלוירנקייט, פאַר מיין קינדערישער אויפפירונג.

„איז דען נייטיק העפלעכקייט? — האָב איך געזאָגט, מאַכנדיק אַן אָנשטרענגונג, „אויב דו ווילסט אַרויף צו מיר, אין מיין פּאַלאַץ, איז בכבוד גדול. קיין גרעסערן פאַרגעניגן שטויסטו זיך דאָך שוין אָן אַליין, וואָלסטו מיר פאַרשאַפן ניט געקאָנט".

נאָר רעדנדיק די לעצטע ווערטער בין איך שוין געווען דערשראָקן,

טאָמער וועט זי זיך באַליידיקן מיט דעם זייער צו־דרייסטן טאָן. זי האָט אָבער ווידער געלאַכט מיטן פולן מויל. די ווייסע ציין האָבן אַזוי ווי פאַרטונקלט דאָס ליכט פון די פענצטער און געבריט מיין קערפּער, פאַר־האַלטן דעם אָטעם אין מיין ברוסט. אין יענער מינוט האָט מיר שרעקלעך באַנג געטאָן וואָס איך האָב זי ווען געטראָפן, וואָס אונדזערע וועגן האָבן זיך באַגעגנט.

„מיינסטו דאָך, אייגנטלעך, אַז איך וועל מיין אייגענע איינלאַדונג ניט אָננעמען. מאַכסטו אַ טעות, חבר, (באַדי). איך דאַנק דיר פאַר דער איינ־לאַדונג. איך קאָן אָבער קיין סך ביי דיר ניט פאַרברענגען״.

און זי האָט זיך געלאָזט גיין אַרויף אויף די טרעפּ.

איך האָב זיך שנעל איינגעבויגן און שאַרנדיק מיט דער האַנט, געפונען דעם שליסל אונטער די טרעפּ. דאַכט זיך אַז זי האָט באַמערקט מיין באַוועגונג. איך בין אַרויפגעלאָפן אויף די טרעפּ, אויפגעשלאָסן די טיר און האָב זי אַריינגעלאָזט אין קאָרידאָר. איך בין געוועזן געוווינט צום טוכלען גערוך פון דעם האָל, צו דעם שטענדיקן גאַז וואָס האָט באַלויכטן די אויסגעריבענע, קאָלירלאָזע „טעפּעכער״, צו די עטלעכע נאַרישע ביל־דער וואָס זיינען געהאַנגען אויף די גרוי־געפאַרבטע ווענט. פון דעסט־וועגן, האָט מיך די אָרעמקייט און גרויע וואָכעדיקייט פון דעם הויז איצט, ווען איך האָב געקוקט מיט אירע אויגן, אויף דאָס ניי שאָקירט. אויף טייערע, ווייכע טעפּעכער, האָט זי געדאַרפט טרעטן.

זי איז אַריין אין צימער און האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אַלטן ווייכן ווינגשטול, עטעמענדיק כלומרשט שווער און אָנגעשטרענגט ווי אַ וואָדעוויל־קאָמיקער. זי האָט אָבער טאַקע אין דער אמתן ניט געקאָנט דעם אָטעם כאַפּן.

„שוין לאַנג אַזוי פיל שטיגן ניט געקלעטערט״, האָט זי דערקלערט, פאַרוואָרפנדיק דעם קאָפּ אָן ווינקל פון דעם שטול.

זי איז באַלד אויפגעשטאַנען, אויסגעטאָן דאָס פוטערל און דאָס היטל און זיי אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט. איר יונגער קערפּער איז געווען איינ־געצויגן אין אַ שמאָלן, שאָקאָלאַד־ברוינעם קלייד, רונד אויסגעשניטן

אַרום האַלדז, מיט לאַנגע אויסגעשניטענע פאַסן אין די אַרבל וואָס האָבן געלאָזט אַרויסוויַיזן אירע אָרעמס פון דער טונקעלער קרעפּ־דע־שין. די רונדקייט פון אירע קליינע בריסט האָט זיך דייטלעך אָפּגעחותמט און פּאַרפירעריש געטוליעט אונטער דעם סאַמעט.

נאַכלעסיק און אַזוי ווי מיט פאַראַכטונג האָט זי געוואָרפן די ביכער איבערן טיש, געלעזן מיט די אויגן די אויפשריפטן אויף די רוקנס, און מיר אָנגעמאַכט אַ חורבן צווישן די פּאַפּירן.

„און ווער איז דאָס?״ — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט ביים איינציקן „יידישן״ בילד וואָס איז געהאַנגען איבערן טיש.

„מיין זיידע און באָבע״, האָב איך געענטפערט און זיך איינגעקוקט אין איר קלאָרן געזיכט צו זען דעם איינדרוק וואָס די אַלטמאָדישע פאָטאָגראַפיע וועט אויף איר מאַכן.

צו מיין איבערראַשונג האָבן אירע ליפּן זיך ערנסט געשלאָסן און אירע בליקן זיינען פאַרבליבן רוען אויפן אַלטן מאַן מיט דער גרויער באָרד און אויף דער יידענע מיטן שייטל און מיטן הייבל אויפן קאָפּ.

„דו ווייסט, איך בין דאָך אַ שיקסל, האָט זי זיך אומגעקערט צו מיר מיטן פנים, „און דאָך איז זייער מעגלעך אַז איך בין בלויז האַלב שיקסע, אָדער דריי פערטל. אויב איך מאַך קיין טעות ניט, בין איך אַ ביסל אָנגעשטעקט מיט יידיש בלוט״.

דאָס וואָרט „שיקסל״ האָט זי אַרויסגערעדט אין יידיש. אין קורצן האָט זי מיר דערציילט, אַז דער באַרימטער אַמעריקאַנער אַקטיאָר און טעאַטער דירעקטאָר, פיליפּ פרענקלין איז איר פאָטער. איר מוטער איז געשטאָרבן ווען זי איז נאָך אַ קינד פון אַ יאָר פיר־פינף געווען און קוים וואָס זי געדענקט איר פנים. פון בילדער און פון דעם וואָס איר פאָטער האָט איר דערציילט פאַרשטייט זי אַז איר מוטער איז געווען אַ זעלטענע שיינהייט. פרענקלין האָט זיך מיט איר באַקענט אין אַ שטאָט אין מיטל־וועסט וווּ זיין קאָמפּאַני האָט געשפּילט, און ער האָט איר געגעבן אַ ראָלע אין דער פּיעסע. אַזוי ווי זי האָט ביז דאַן אויף דער בינע קיין מאָל ניט געשפּילט, האָבן אירע עלטערן ערנסט געקעמפט קעגן איר נייער קאַריע־

רע. דער סם פון דער בינע איז אָבער אַריין אין דעם יונגן מיידלס בלוט און קעגן דעם ווונטש פון די עלטערן איז זי מיט מר. פרענקלינס טרופּע פאַרבליבן. ער האָט זי געבראַכט קיין ניו־יאָרק און האָט מיט איר חתונה געהאַט. פינף מאָנאַטן נאָך דער חתונה איז ווירדזשיניאַ געבוירן געוואָרן.

„פון וואַנען... פון וואַנען ווייסטו?...״

„פון וואַנען ווייס איך אַז פינף מאָנאַטן נאָך דער חתונה?״ האָט ווירדזשיניאַ אַ ביסל אומגעדולדיק איבערגעפרעגט, „מיין טאַטע האָט עס מיר איינמאָל אַליין דערציילט ווען ער איז געווען היפּש בגילופינדיק״.

נאָך איר טאַכטערס געבורט האָט מרס. פרענקלין גענומען אָפּט קרענקען. די אורזאַכע איז, אַן צווייפל געווען דעם מאַנס אָפּטע שיכורן. וועגן פרענקלינס באַזויפנקייט האָט געוווסט יעדער איינער אויף בראָדוויי. ווען ניט די חולאת זיינע, וואָלט ער זיכער געווען „דער קעניג פון דעם וויסן וועג״. די יונגע פרוי האָט גייסטיק און פיזיש געליטן פון איר מאַנס שיכורן, פון זיינע ווילדע פאַרלאַנגען און אומנאַטירלעכע גענג. קומענדיק פון אַן ערלעכער, בכבודיקער פאַמיליע פון מיטל־קלאַס, האָט זי ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אויסגעלאַסנקייט און דאָס הולטייסקע לעבן פון איר באַגאַבטן מאַן, און זי האָט שנעל גענומען קרענקען און אויסגיין.

דעם לעצטן האַלבן יאָר פון איר לעבן האָט ווירדזשיניאַס מוטער — אַ שאָטן פון דער פריערדיקער בליענדער יונגער פרוי — פאַרבראַכט אין אַ פּריוואַטער סאַנאַטאָריע. ווי דורך אַ וויטן חלום געדענקט ווירדזשיניאַ ווי אַ יונגע גוווערנאַנטקע האָט זי געבראַכט צו איר מוטער אין סאַנאַטאָריע, אין קענטאָקי. די קראַנקע מאַמע איז געזעסן אויפן פאָרשט איינגעדעקט אין וואַרעמע בלענקעטס. דאָס קינד האָט זיך געוווּנדערט ווי די מאַמע קאָן זיך איינדעקן אין אַזאַ הייסן טאָג. די איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך מיט אַ רויטלעכקייט באַדעקט און די מידע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווען דאָס קינד האָט זיך באַוויזן. די קראַנקע מאַמע האָט זי געגלעט, געקוקט מיט מוטערשער גוטסקייט און געבעטן אין דעם קינדס אויגן, און האָט ניט געוואַגט איר בת־יחידה אַ קוש צו געבן.

„וועסט מיך געדענקען, ווירדזשיניאַ ? — האָט זי יעדע ווײַלע איר קינד געפרעגט.

דאָס קינד האָט געענטפערט : יאָ, און געוווּנדערט זיך פאַר וואָס די מאַמע פרעגט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז די מאַמע איז קראַנק, פאַר איר האָט נאָך אָבער ניט עקזיסטירט אַזאַ דערשײַנונג ווי טויט. ערשט מיט פילע יאָרן שפּעטער האָט זי באַגריפן איר גרויסן פאַרלוסט, און דאָס איז געווען אין עלטער פון צוועלף־דרײַצן, ווען די יאָרן פון רײַף ווערן זײַנען געווען פאַר איר.

געהאַדעוועט האָט זיך ווירדזשיניאַ אונטער דער אויפזיכט פון גוווער־נאַנטקעס אין דעם גרויסן הויז פון איר טאַטן אויף דער פינפטער עוועניו. זי פלעגט אים זעלטן זען, בלויז אין זײַנע ניכטערע מינוטן. דאַן איז ער געווען גוט צו איר און האָט איר ניט אויפגעהערט קושן. די גוווערנאַנט־קעס האָט ער אָנגעזאָגט, זי מיט אַ פינגער ניט צו באַרירן, מען זאָל דעם קינד נאָכגעבן וואָס עס פאַרלאַנגט. פאַרשטייט זיך אַז דאָס האָט די פליכט פון די לערערינס אין אַ לאַסט פאַרוואַנדלט און האָט דער דער־ציִונג פון דעם קינד קיין גוטס ניט געטאָן. און ווירדזשיניאַ איז געווען אַ קאַפּריזנע, אַ שטימונגספול, צעבאַלעוועט קינד.

צוויי פּאַסירונגען אין איר דאַמאָלסדיקן לעבן האָבן אויפן אײַנדרוקס־פולן קינד איבערגעלאָזט אַן אומגעהויערן רושם, וואָס זי האָט ביזן טויט ניט פאַרגעסן. זי איז געזעסן אײנמאָל אויפן פלאָר אין קינדער־צימער און האָט מיט אינטערעס געקוקט אין אַן אַלבום בילדער וואָס האָבן איל'וס־טרירט קינדער־מעשהלעך. די גוווערנאַנטקע איז ערגעץ אַרויס און זי איז געווען איינע אַליין אויפן גאַנצן שטאָק צימערן.

די טיר פון צימער האָט זיך געעפנט און ווען דאָס קינד האָט אויפ־געהויבן דעם קאָפּ, האָט זי צו איר איבערראַשונג דערזען איר פאָטע־ וועלכער האָט, ווי די לערערין האָט איר פאַרזיכערט, יענעם טאָג און יענע וואָך, גאָר געדאַרפט זײַן ערגעץ ווייט פון ניו־יאָרק. ער האָט זיך געוואַקלט ווי אַ קראַנקער. זײַן פּנים איז געווען באַוואָקסן און די קליידער ניט זויבער און צעקנייטשט. ער איז צוגעגאַנגען צום קינד, זי אויפגע־

הויבן און אַוועקגעזעצט ביי זיך אויף די קני. דאָס דערשטוינטע קינד האָט אַ וואָרט ניט געקאָנט אַרויסרעדן. פון טאַטנס מויל האָט זיך געטראָגן אַזאַ שרעקלעכער, אָפּשטויסנדער גערוך.

„טייערע מיינע, שפּילסט זיך, נעבעך, עלנט־אַליין, וויסטע יתומהלע מיינע... אומגליקלעכע יתומהלע... האָט ער גערעדט מיט אַ פאַרקרומטן מויל און, צום קינדס שרעק, האָבן זיך גרויסע טרערן געקייקלט פון זיינע רויטע אויגן, „קוק אויף מיר... דאָס זיינען דאָך דיינע אויגן מערי... מערי, מיין אומפאַרגעסלעכע, מיין איינציקע... מיין מערי"...

און ער איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ שיכּורען אָפּשטויסנדן געוויין.

די סלינע איז גערונען פון זיין מויל און ער האָט עס מיט דער שמור־ציקער האַנט צעשמירט איבער זיין פּנים. דעם קינד האָט געעקלט, זי האָט אָבער פון דערשטוינונג און שרעק שרייען ניט געקאָנט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין איר מוחל ניט געקאָנט פאָטופּען פאַר וואָס איר פאָטער רופט זי מיט איר מוטערס נאָמען, מערי, ווען ער ווייסט אַז איר נאָמען איז גאָר ווירדזשיניאַ.

„טייערע מיינע, פריצייטיק ביסטו פון דער וועלט אַוועק איבער מיר, איבער מיר... אַ מערדער בין איך... אַ האַרצלאָזער מערדער... זיי מיר מוחל, מערי, זיי מיר מוחל".

דאָס איבערגעשראָקענע קינד האָט זיך פון טאַטנס קני אַראָפּגע־גליטשט. אַ בלאַסע איז זי געשטאַנען אין אַ ווינקל און האָט געציטערט מיטן גאַנצן קערפּערל. דער שיכּורער מאַן האָט זיך אויף די קני אַראָפּ־געלאָזט און האָט אויפן קול געוויינט. ער האָט זיך גענומען צלמען און האָט זיך אַליין איבער דער האַנט אַ זעץ געטאָן:

„ניין, ניט צלמען זיך. דו האָסט ניט געגלייבט אין דעם, מערי. זאָל זשע מיר דיין גאָט מוחל זיין". און בוקנדיק זיך מיטן קאָפּ צום דיל, האָט ער דראַמאַטיש גערעדט אַזוי ווי אויף דער בינע:

„אָ, גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב, זיי מיר מוחל פאַרן מאָרד פון מיין מרים. ווי אַ יונגע פאַלמע איז זי פאַרשניטן געוואָרן פון

מיין אומברחמנותדיקער, בעסטיאַלישער האַנט. אַ, מערי, קוק אויף מיר ווי אַ מאָל דורך דײַנע לאַנגע וויִעס״...

דער שיכּורער מאַן האָט אויף די קני געגומען פּויזען צום קינד. זי וואָלט זיכער אין חלשות געפֿאַלן, ווען די גוווערנאַנטקע לויפֿט ניט אַריין. עס איז אויך אָנגעקומען דער באַטלער און צוזאַמען האָבן זיי דעם היס־טערישן טאַטן אַרויסגעפּירט פֿון צימער.

נאָך יענער פּאַסירונג איז די זעקס־יעריקע ווירדזשיניאַ געווען עט־לעכע טעג קראַנק. ביי נאַכט האָט זי מורא געהאַט אַליין צו שלאָפֿן, און די חלומות אירע זײַנען געווען שרעקלעכע. זי האָט זיך פֿאַרגעשטעלט איר טאַטן ווי אַ מערדער מיט אַ לאַנגן מעסער, אַזוי ווי דער מערדער אין איר בוך מיט די בילדער, און זי האָט געציטערט מיטן גאַנצן גוף.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז איר פֿאָטער, אַ בלאַסער און אַ מער ערנסטער ווי תמיד, געקומען זי באַזוכן. ער איז געווען ראַזירט און נעט געקליידעט, און דאָס קינד האָט געגומען צוויפֿלען צי דער אָפּשײַלעכער מאַן וואָס איז דאַן געקומען צו איר אין צימער איז טאַקע געווען איר פּאַפּאַ. ער האָט איר געבראַכט אַ גרויסע ליאַלקע, וואָס האָט געלאַכט ווען מען האָט זי געקיצלט אונטערן רעכטן אָרעם און האָט געוויינט ווען מען האָט איר געשנעלט אין נאָז. ווירדזשיניאַ האָט הילכיק געלאַכט קוקנדיק אויף דער אומגעלומפּערטער פּופּע, און זי איז געזונט געוואָרן.

די צווייטע פּאַסירונג איז פֿאָרגעקומען מיט אַנדערהאַלבן צי צוויי יאָר שפּעטער.

ווירדזשיניאַ האָט זיך יענעם אָוונט געלייגט שלאָפֿן מיט אַ בויכ־ווייטאָג. האָט אָבער ניט געוואָלט אויסזאָגן אירע אויפֿזעערינס, ווייל זי האָט ביי טאָג געגעסן, קעגן דער וואָרענונג, צו פֿיל באָן־באָנס. זי האָט שלאָפֿן ניט געקאָנט און האָט זיך געדרייט און געוואָרפֿן פֿון זײַט צו זײַט. זי האָט, דאַכט זיך, שוין געהאַלטן ביים אײַנשלאָפֿן ווען זי האָט דער־הערט אַ לײַכטן טומל, מענטשלעכע שטימען, געלעכטער, מוזיק. אַ פֿאַר־וווּנדערטע האָט זי אין איר ווייסן נאַכטהעמד זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון בעטל און איז אויף די שפּיץ־פֿינגער אַרויס פֿון צימער. זי איז דורכגע־

לאַפּן דעם פינצטערן קאָרידאָר, און איז צוגעקומען צו די טרעפּ. איצט האָט זי קלאָר געהערט דעם געלעכטער פון פרויען, מענערשע שטימען, דאָס אָפּקלינגען פון גלעזער, דאָס שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. צוגנבענענדיק זיך צו די אויבערשטע טרעפּלעך האָט דאָס קינד פּאָרזיכטיק זיך אַראָפּ־געלאָזט אויף זיי און האָט איינגעבויגן דאָס בלאָנדע קעפּעלע. וואָס זי האָט געזען אין גרויסן העל־באַלויכטענעם זאַל איז איר אַזוי ווי איינגעברענט געוואָרן אין זכרון.

אַ סך, אַ סך מענער און פרויען אין אונט־קליידער האָבן אָנגעפּילט דעם גרויסן צימער. מאַנכע האָבן געטאַנצט, אַנדערע האָבן געטרונקען, און אַלע האָבן געלאַכט און זיך געפרייט, מיט וואָס זיי האָבן זיך געפרייט האָט דאָס קינד ניט פאַרשטאַנען.

אין מיטן זאַל האָבן די מענער געמאַכט אַ גרויסן קרייז, און עטלעכע האָבן אַהין אויף די הענט אַריינגעטראָגן אַ יונגע שיינהייט, מיט אַ געדיכטן קופּער־רויטן קאָפּ האָר. זי האָט געוואָרפן מיט די פיס, געקעמפּט מיט די מענער, און, צום קינדס שרעק, האָט איר קורצע קלייד זיך פאַררייסן ביזן גאַרטל און געוויזן איר נאַקעטן לייב. די מענער האָבן זי אַריינגע־וואָרפן אין מיטן זאַל, די פּיאַנאָ האָט אָנגעהויבן לוסטיק צו שפּילן. אימיצער האָט אויף אַ האַרמאָניקע ווילד געפּייפט צום טאַקט און די רויט־האָריקע מויד האָט גענומען שטעלן פיס. דיליידנשאַפטלעכע געשרייען פון די מענער און פרויען האָבן זיך געטראָגן ווי פונקען צו דער סטעליע.

טאַנצנדיק האָט זי פון זיך געוואָרפן שטיקלעך פון איר קליידונג, ביז זי איז געבליבן בלויז אין אירע זאָקן. צוויי חברה־לייט האָבן זי אַ כאַפּ געטאָן צו זיך אויף די פּלייצעס און אַנדערע צוויי האָבן מיט שיכּורע ציטערנדיקע הענט געשלעפּט פון אירע פיס די זאָקן. דערביי האָט די מויד ניט אויפגעהערט צו טרייסלען מיט די פּלייצעס, מיט די היפּטן, מיטן בויך, מיט יעדן גליד.

איינער פון די צוויי שיכּורע מענער וואָס האָבן זיך מתעסק געווען אַרום דער מוידס זאָקן איז געווען ווירדזשיניאַס טאַטע.

ווען די זאָקן זיינען געווען אַראָפּגעצויגן, איז די מויד אַראָפּגע־

שפּרונגען, אַ מוטער־נאַקעטע אויפן גליטשיקן דיל און אין זאַל האָט זיך אָנגעהויבן אַ מיאוסע אָרגיע, פּרויען־קליידער זיינען געפלויגן אין אַלע זייטן, שיכּורע מענטשן האָבן ווי חיות געגרעוועט, מענטשנקינדער האָבן אויסגעלאָסן זיך געוואַלגערט אויף דער גליטשיקער פּאָדלאָגע...

ווירדזשיניאַ איז אַרויפגעלאָפן אויבן, זיך פאַרשלאָסן אין איר צימערל, איינגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרעטשקע, פעסט פאַרמאַכט די אויגן, און געוואָלט פאַרגעסן וואָס זי האָט געזען און געהערט...

„ווען ניט די סצענע וואָלט איך געווען גאָ־ אַן אַנדערע", האָט זי מיר שטיל געזאָגט.

איר פּנים איז געווען בלאַס, די אויגן ערנסט, דאָס מיידל האָט איר דערציילונג ערנסט דורכגעלעבט.

„ווילנסטו נאָך איצט אויך מיט דיין טאַטן?" — האָב איך זי געפרעגט.

„אָ, יעס, איך האָב אַ שליסל צום הויז, און כ'קאָן אַריין ווען איך וויל, כ'קום אָבער ניט אָפט", האָט זי דערציילט ווען עס קומט צום הוליען קאָן איך בעסער הוליען ווי מיין טאַטע, ער איז אַן אָלד־טאַימער".

אַ ביטערער שמייכל האָט זיך געשנורעוועט אַרום ווירדזשיניאַס פולע, ליידנשאַפטלעכע ליפּן. אירע אויגן האָבן זיך געזשמורעט.

„מיין מאַמע איז, אַפּנים, געווען אַ יידישע", האָט זי מיט אינטערעס געזאָגט, אַזוי ווי זי וואָלט וועלן ריידן וועגן עפּעס פריילעכערס: יידן האָבן פיינט צו הולטייעווען, ניט אַזוי?"

*

נאָך יענער נאַכט האָב איך ווירדזשיניען אַ לענגערע צייט ניט געזען. ניט אין קלאַס, ניט אין פּאַרק, ניט אַרום איר פּאַטערס רייכן הויז, וואָס איז געשטאַנען פאַרריגלט, האָב איך געקאָנט כאַפּן אַ בליק פון איר ליבן געשטאַלט. זי איז אַזוי ווי פאַרשוווּנדן. און איצט האָב איך ניט געוואָלט, אַז זי זאָל פאַרשווינדן. דאָס גיפט פון סוירסי האָט זיך איינגעזאַפּט אין מיין בלוט און איך האָב ווי אַ ניט־דאָיִקער, ווי אַן איבערגעבי־

טענער געטאָן מיין אַרבעט, מעכאַניש, ניט פאַרשטייענדיק דעם זין.

ביז דאָן האָב איך פרויען ניט געקענט. אַזוי ווי די מיינסטע אויף ביכער דערצויגענע יונגעלייט, האָב איך די פרוי פאַראידעאַליזירט, געקוקט אויף איר ווי אויף אַן איידעלער, בעסערער, נאָבעלער שאַפונג פון דער נאַטור. אויב איך האָב אַפילו אין די לעצטע יאָרן פאַר מיין באַגעגעניש מיט ווירדזשיניען זיך דערלויבט אונטער דעם איינפלוס פון אַנדערע פון מיין געשלעכט צו דערציילן אַ צווייידייטיקן וויץ וועגן פרויען, איז עס געוועזן מער אויס בראַוואַדאַ, צו צייגן אַז איך בין ניט קיין כניאָק. אויב איך האָב גערעדט אַ מאָל אין דער גזעלשאַפט פון מענער וועגן פרויען מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האָט שוין „פאַרזוכט״, איז עס געוועזן בלויז צוליב דעם, אַז מיינע חברים זאָלן זיך ניט לצעוועזן איבער מיין אומשולד. עס איז אַזוי ווי איינער וואָס רימט זיך מיט קאָנען טרינקען אַ סך און דאָך ניט שיכּור ווערן אין דער ווירקלעכקייט. האָב איך דאָך אין מיינע דריי און צוואַנציק יאָר קיין פרוי פיזיש ניט געקענט.

אין מיין פאַרהייליקונג פון דער פרוי האָב איך אויף דער געשלעכט־לעכער ליבע געקוקט ווי אויף אַ דערשיינונג וואָס פאַרוואַנדלט די פרוי אין אַ מאַרטירער, אַ קרבן פון מענערשער אכזריות. אַז פרויען זאָלן אַליין זיין ליידנשאַפטלעך, האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט, הגם איך וואָלט געוועזן גרייט, אַלס איינער וואָס האָט שטאָלצירט מיט זיין ליבע־ראַליזם, צוצוגעבן אַז זי האָט דאָס רעכט צו גלוסטן פונקט אַזוי ווי דער מאַן. אין יענע יונגע יאָרן האָט זיך מיר אָבער אין קאָפּ ניט געקענט פאָר־טופען דער געדאַנק אַז אויך די פרוי קאָן געניסן און הנאה האָבן פון פיזישע באַציִונגען, הגם איך האָב פון מיינע חברים זיך אָנגעהערט גענוג מעשׂיות וועגן דעם. איך האָב די מעשׂיות אָבער אין האַרצן צוגעשריבן דער וווּלגאַריטעט, דער אומדערפינדלעכקייט פון מיינע חברים, און ניט גע־וואָלט גלייבן אַז עס קאָן אין זיי שטעקן אַ טראָפּן אמת.

ווירדזשיניאַס דערציילונג פון אירע קינדער־יאָרן האָט אויף מיר, דעם פרויען־פאַרגעטערער, איבערגעלאָזט אַן איינדרוק וואָס האָט מיך אַ געבונדענעם, אַ געפאַנגענעם געוואָרפן צו אירע פיס. אין מיינע אויגן

איז זי איצט שוין ניט אַ הייליקע געווען. אַ יתומה, וואָס האָט איר אומ־גליקלעכע מוטער פאַרלוירן נאָך אַלס קליין קינד, מיט אַ טאַטן אַ גזלן, אַ שיכור — אַלע רעאַליעס פון מיטגעפיל, רחמנות און ליבע האָבן אַזוי ווי אַ שטראָם געטאָן דורך אויפגעפראַלטע שליוזן, אַוועקטראָגנדיק מיט זיך יעדן סימן פון ווידערשטאַנד, פון קאַלטן שׂכל, פון פּראַקטישער אויס־רעכענונג. איך בין געווען אין גאַנצן ווירדזשיניאַס; האָפענונגסלאָז, רע־טונגסלאָז — אירער.

איך האָב פאַרדעכטיקט אַז זי פּירט אַ ווילד אומנאָרמאַל לעבן. איך האָב פאַר־שטאַנען אַז דאָס לייכטזיניקע יאָגן זיך נאָך פוסטער פרייד, אַז דער שוים פון די ניו־יאָרקער נעכט, דער טומל פון דעם דזשעז זיינען די הויפּט־שפּייזער פון איר נשמה. איך האָב אָבער די שולד געוואָרפן אויף דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון איר פאָטער. אמת, מיין פאַרשטאַנד האָט אויך אויף איר געוואָלט וואַרפן אַ ביסל „קריטיק". ווער האָט אָבער געקאָנט, ווער האָט געוואָלט זיך צוהערן צום פאַרשטאַנד? מיין נשמה, מיין קערפּער, מיין גאַנצער וועזן האָט געלעכצט נאָך איר. איך האָב געפיבערט מיט איר, געטראַכט דורך איר, געקוקט אויף אַלץ אַרום נאָר צוליב איר. איך בין ניט געווען. עס איז געווען בלויז איין איינציקע, בלויז זי אַליין, בלויז ווירדזשיניאַ.

אין די עטלעכע וואָכן וואָס איך האָב זי ניט געזען, האָב איך אויף אַזוי פיל פאַרנאַכלעסיקט מיין אַרבעט אין קאַלעדזש, אַז מען האָט מיר צוגעשיקט אַ צעטל פון הויפּט־אָפּיס דאָס איך מוז זיך מעלדן צום „דין". דער „דין", אַ לאַנגער, טרוקענער גוי מיט קאַלטע גרויע, דורכזיכטיקע אויגן, האָט מיר מיט אַ פרעמדער שטימע מודיע געווען, אַז אויב איך וועל ניט ווייזן בעסערע רעזולטאַטן ביז ענדע קומענדן מאָנאַט, וועט מען מיך באַזייטיקן פון די קורסן. בעת ער האָט גערעדט, געדענק איך, האָב איך אים געקוקט גלייך אין מויל און באַאָבאַכטעט די צוויי קלאָר־ווייסע פאַדערשטע ציין, וועלכע האָבן זיך צוגעדריקט מיט די שאַרפע שפּיצן איינער איבערן אַנדערן און צוגעגעבן זיין געזיכט אַ ביסל ענלעכקייט צו אַ מאָגערן וואָלף.

ווען איך האָב שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, האָט ער מיך אָפּ־געשטעלט:

„איז עניטינג די מעטער וויט יו, יאַנג מען? יו דאָנט לוק סאָ וועל".

אַזאַ אומדערוואַרטעטער אינטערעס מצד דעם תמיד קאַלטן, ניט־צוגעלאָזענעם אָנפירער פון דעם קאַלעדזש, וואָלט אונטער אַנדערע אומ־שטענדן געקלונגען פאַר מיר אַזוי נאַטירלעך ווי דער לשון פון בלעמס אייזל. איך בין אָבער דעמאָלט געווען אַ ניט־דאַזיקער.

„איך פיל זיך ניט אַמבעסטן, פּראָפעסאָר, איך בין עפּעס ניט מיט אַלעמען", האָב איך אים געענטפערט און האָב זיך צוגעהערט צו מיין אייגענער שטימע, אַזוי ווי ניט איך נאָר אַן אַנדערער וואָלט גערעדט.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר נעענטער און קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן האָט ער זיך אָפּגערופן:

„כאַפּ זיך אַריין צו ד"ר סטימסאָן, זאָל ער דיך עקזאַמינירן".

איך האָב אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט; זי איז געווען שווער און מיד.

„צוליב וואָס? ס'וועט, מסתמא, פאַריבער".

אויפן אויסגעצויגענעם פּנים פון דעם „דין" האָט באַשיימפּערלעך זיך צעלייגט אַ שאָטן פון מענטשלעכער וואַרעמקייט. ער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין פּלייצע און געזאָגט:

„אפשר לעבסטו איצט דורך אַ גייסטיק שווערע צייט? איכ'ל דיר אָט וואָס זאָגן, נעם אַ וואָך וואַקיישן און קום ניט אַריין. עס וועט דיר מער גוטס טאָן, סיי דיר און סיי דיין אַרבעט, אַז דו וועסט אין גאַנצן ניט אַריינטרעטן אַהער עטלעכע טעג. דיין רעקאָרד צייגט אַז דו ביסט אַ פלייסיקער סטודענט. איך וועל דיר דערלויבן נעמען אַ וואָך פרייהייט".

איך האָב אים באַדאַנקט און בין אַוועק.

דער קאָפּ האָט מיר געוויגן מער ווי שטענדיק. שטאָלענע פאָסן האָבן איינגעקלאַמערט מיינע שלייפן און געוואָלט צעדריקן מיין מאַרך. די פיס האָבן אָן ווילן זיך געשלעפּט אונטער מיר. איך האָב קוים אַרויפגעקלעטערט צו זיך אין צימער און זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט. אומזיסט האָב איך

געמאַכט אַ שוואַכן פאַרזוך זיך ניט אונטערצוגעבן. דע־ פיבער האָט איינגענומען מיין באַוווסטזיין.

איך האָב געזען ווי מרס. מעקנאַלטי האָט זיך באַוויזן אין דעם נעפל. עס איז פאַרביי אַ יאָר — אַן אייביקייט — אפשר אַ מינוט — מען האָט מיך אויסגעטאָן. עמעצער האָט געגלעט מיין שטערן... מרס. מעקנאַלטי האָט געשאָלטן די ביכער...

הייסער בליי האָט זיך געגאָסן און דער רויך האָט געשטיקט מיין האַלדז...

ענדלעך האָב איך זיך אַראָפּגעקייקלט און גענומען זינקען אין אַ תהום פון חושך, אַרונטער, אַרונטער...

*

צוויי וואָכן האָט מיך די אינפלוענציע געהאַלטן אין בעט. מרס. מעק־נאַלטי איז אַרום מיר אַרומגעגאַנגען ווי אַ מאַמע. עד היום ווייס איך ניט צי איך וואָלט אַרויס אַ לעבעדיקער פון דער קרענק, ווען ניט זי. ד״ר סטימסאָן איז געקומען עטלעכע מאָל און האָט געלערנט דער גוטער מרס. מעקנאַלטי ווי אַכטונג צו געבן אויף מיר. די אינפלוענציע, האָט ער דערקלערט, איז זייער ניט „געוווינטשן״ פרילינג־צייט. דערצו איז מיין אָרגאַניזם זייער אָפּגעשוואַכט פון דער אָנגעשטרענגטער אַ־בעט אין קאַלעדזש און אין שאַפּ, קורץ — מרס. מעקנאַלטי האָט מיט איר ענערגיע געראַטעוועט אַ ייִדיש לעבן.

מיין שוועסטער פון פּאַסעיק האָט זיך דערוווסט פון מיין קרענק און איז געקומען צופאָרן. איך האָב זיך שוין געבעסערט, בין געזעסן אויפן וויגשטול ביים אָפענעם פענצטער. זי האָט ניט אויפגעהערט וויינען קוקנ־דיק אויף מיין אויסגעצערטן פנים און איך האָב זיך געשעמט פאַר מיין אירלענדישער לענדליידי. איך בין אָבע־ געווען צו שוואַך זי בעטן ניט צו וויינען, אגב ווער ווייסט, אפשר האָט זי געוויינט אויף איר אייגענעם ביטערן מזל.

דעם זעלבן טאָג איז אויך אָנגעקומען מאַקס, און ביידע האָבן זיי

באַשלאָסן אַז מער אין שאָפּ וועל איך ניט גיין, ווייניקסטנס ניט ביז נאָך די עקזאַמענס אין קאָלעדזש.

זיי זיינען ענדלעך ביידע אַוועק, און איך האָב אָפּגעאָטעמט פרייער. איך האָב געוואָלט זיין אַליין, אַריינקוקן זיך אין האַרצן, אַזוי ווי אַ קמצן וועלכער וויל באַקוקן זיין שאַכטל און זען וואָס אין אים איז פאַרבליבן.

דרויסן האָבן די דריי דיקע פריינד זיך אין גאַנצן אויסגעצירט אין גרינס, ווייט האָבן זיך פאַנאַנדערגעשפרייט זייערע געדיכטע צווייגן און פון זיי האָבן צענדליקער פויגל־שטימען געזונגען דאָס ליד פון באַנייטע נעסטן „און באַנייטע ליבעס"...

*

די צעווייטאָקטע בענקשאַפט נאָך ווירדזשיניען איז אין גאַנצן פאַר־שוואונדן. איר אָרט האָט פאַרנומען אַ העלע וואַרעמקייט, אַזאַ זוניקע ליכטיקייט אַזוי ווי די ליכטיקייט וואָס האָט באַגאָסן דעם הויף און מיין צימער. די ליכטיקייט האָט דורכגעזאַפּט מיין גאַנצן „איך", דורכגעוועבט זיך דורך מיין באַוווסטזיין, אַנגעזויגן מיך מיט איין אַלץ אַרומנעמענדן געפיל פון שטילן גליק.

מיך האָט ניט געאַרט צי איך וועל ווירדזשיניען ווידער זען, צי ניט. זי איז ערגעץ דאָ, אויף דער וועלט פון די לעבעדיקע און דאָס איז גענוג, ערגעץ־ווו שמייכלט איר פּנים, ערגעץ־ווו מיניען זיך אירע גאָל־דיק־בלויע אויגן, ערגעץ־ווו אָטעמט זי איין די זיסע, זוניקע לופט, און דאָס איז גענוג.

איך האָב פאַרמאַכט די אויגן און בין געוואָרן אַ טיילכל, אַן אַטאָם פון דעם גרויסן וועלט־וועזן, אין וועלכן אויך זי האָט געלעבט, און האָב געטראָגן זיך צוזאַמען מיט איר דורך אומענדלעכקייט, אייביקייט...

מרס. מעקנאָלטי איז אַריין, זי האָט אַ טאָפּ געטאָן מיין פּולס, פאַר־מאַכט די אונטערשטע פענצטער, און מיר אַריינגעלייגט אין בעט. דערביי האָט זי ניט אויפגעהערט צו „פילאָסאָפירן" וועגן יידישע שוועסטער וואָס מער ווי וויינען און גיסן טרערן קאָנען זיי ניט...

עס זיינען פאַרבליבן בלויז דריי וואָכן צו די לעצטע עקזאַמענס, און איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו די ביכער. אין שאַפּ צום בליי בין איך מער ניט געגאַנגען, און עס איז מיר גאָרניט שווער אָנגעקומען אָנצוזאָגן דאָס וואָס איך האָב אָנגעווירן אין די עטלעכע וואָכן פאַר און אין צייט פון מיין קראַנקייט. איך האָב שטודירט מיט אַ פרייד און אַ חשק וואָס זיינען אַרויסגעשווומען פון דער גרויסער ליכטיקייט וואָס האָט אָנגעפילט מיין נשמה. דאָס לעבן איז געווען אַזוי זיס, די ביכער זיינען געווען אַזוי קלוג און ליב, די שעהען איבער זיי זיינען געווען ליבע שעהען פון פאַרגעניגן.

איך בין צו די עקזאַמענס געגאַנגען ווי צו הקפות אין שול. איך האָב זיך געוואָרפן אין זיי ווי אַ טויכער אין ים, און אַרויסגעבראַכט פון די טיפענישן זעלטענע אוצרות. דער פּראָפעסאָר האָט מיך נאָך דעם געלויבט פאַר די ענטפערס אויף די פראַגן.

די נאַכט פאַר מיין לעצטן עקזאַמען בין איך געזעסן שפּעט איבער די ביכער. דער לעצטער עקזאַמען איז געווען איבער מיין קורס פון העכערער ביאָלאָגיע — אַ לימוד אין וועלכן איך האָב זיך געפילט ווייני־קער בריה. איינס פאַר טאָג האָב איך זיך געלייגט אין בעט.

איך בין געשלאָפן אַ שטונדע און אפשר צוויי און פּלוצלונג האָט די בעט אַ ציטער געטאָן און עפּעס שווערעס איז אַרויפגעפאַלן אויף מיר. פאַראַליזירט פון שרעק, בין איך אַ רגע געלעגן ניט רירנדיק זיך פון אָרט.

„מואוו, וויל יו!"

אַן עלנבויגן האָט מיר אַ שאַרפן זעץ געטאָן אין זייט. צוזאַמען מיט די ווערטער האָט אַ גערוך פון שנאַפּסן און וווּרשט אַן אָטעם געטאָן אויף מיר ביז צו חלשות. איך האָב זיך אַרויסגעגליטשט פון בעט און אָנגעצונדן דעם גאַז.

צוויי מיידן, האַלב אויסגעטאָן, זיינען געלעגן אויסגעצויגן אויף מיין געלעגער. די געפאַרבטע האָר צעשויבערט, די פּנימער אויסגעשמירט מיט רוזש, די פאַרב אויף די ליפּן צעטריקנט און צעשפּאָלטן, האָבן זיי

אין זייער שיכּורדיקן שלאָף אויסגעזען ווי לוטס טעכטער — מיאוס און עקלדיק. איינע פון די צוויי איז געווען ווירדזשיניאַ.

איך בין געשטאַנען איבער זיי דערשראָקן און דערשטוינט ניט וויסנדיק וואָס צו טאָן. די טיר איז געווען פאַרמאַכט; דער שליסל האָט געשטעקט אין שליסל־לאָך. אַפּנים אַז ווירדזשיניאַ האָט אים געפונען אונטערן סטוף. איך האָב פאַרשלאָסן די טיר און זיך שנעל אָנגעטאָן.

וואָס טוט מען?

איך האָב זיך צוגעזעצט אויפן וויג־שטול און נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט עפּעס אָנהייבן צו טראַכטן, האָבן מיינע וויִעס זיך צוגעקלעפּט און איך בין איינגעשלאָפן.

עמעצער האָט אונטן אַ זעץ געטאָן מיט דער טיר און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. עס איז שוין געווען טאָג.

וואָס טוט מען אַז מרס. מעקנאַלטי זאָל ניט אַרויפקומען אויפראַמען דעם צימער? וועקן די צוויי מיידן האָב איך ניט געוואַגט. זיי זיינען געווען אַזוי פאַרזונקען אין זייער שלאָף, אַז איך האָב קיין האַרץ ניט געהאַט זיי צו שטערן. הויפּטזעכלעך, אָבער, האָב איך מורא געהאַט אַז זיי וועלן מאַכן אַ געוואַלד ביים אויפכאַפּן זיך.

אויף די שפּיץ פינגער בין איך אַרויס און האָב פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך. אויפן סטוב האָב איך געטראָפן מיין לענדליידי שטייענדיק מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און אַ בעזעם אין האַנט.

„גוד מאָרנינג", האָט זי מיך יום־טובדיק באַגריסט, „אַ זוניקער טאָג, האַ?"

„זייער אַ שיינער טאָג, מרס. מעקנאַלטי. באַי די וועי, איר דאַרפט היינט מיין צימער ניט צוראַמען. מאַקס איז געקומען ערשט מיט אַנדערהאַלבן שעה צוריק. ער האָט זיך געלייגט שלאָפן און האָט געבעטן מען זאָל אים ניט אויפוועקן ביז שפּעט נאָך מיטאָג".

איך האָב זיך געשעמט קוקן דער גוטער פרוי אין די אויגן, און וואָס וועט זי טראַכטן ווען מיר אַז זי זאָל זיך דערוויסן דעם אמת?

„ער האָט מסתמא געהאַט אַ שווערע וואָך", האָט זי מיט מאַקסן מיטלייד געהאַט. „נו, וויפיל עקזאַמענס האָסטו נאָך?"

זי האָט מיר געווונטשן גליק און איך בין שנעל אַוועק ווו דער וואַשינגטאָן סקווער קאַלעדזש איז.

וואָס וועט זיין אַז זיי וועלן זיך אויפכאַפּן אין מאַכן אַ טומל? וואָס וועט זיין אַז מאַקס וועט טאַקע אַנקומען און געפינען די צוויי שיקסעס אין בעט? ווי וועל איך אים און מרס. מעקנאַלטי און מיין שוועסטער דערקלערן דעם אמת?

עס איז געווען אַ ריינער נס וואָס איך בין דעם עקזאַמען דורכגעגאַנגען. מיין געמיט־צושטאַנד איז גאָר ניט געווען צוגעפּאַסט פאַר אַזאַ עובדה...

איך בין געלאָפן אַהיים און מיין האַרץ האָט תפילה געטאָן. תפילה געטאָן:

אַז מרס. מעקנאַלטי זאָל ניט דערגיין דעם אמת, אַז די מיידלעך זאָלן ניט אָנטאָן קיין חורבן אין צימער, אַז... אַז איך זאָל נאָך טרעפן ווירדזשיניען.

דע סטוינט צו ווערן... איך בין געווען זויער, ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם צימער. מיין ליבע צו איר איז אַוועק צוזאַמען מיטן חושך ווען איך האָב אָנגעצונדן דעם גאַז און זי דערזען ביי זיך אין בעט, דערזעז זי מיט אַ פאַרריסענער קלייד, צעלייגטע פּיס, קויטיקע זאָקן...

אַזוי ווי אַ בליץ וואָלט אָפּגעשניטן, אויסגעשניטן דעם וואָרצל וואָס האָט געשפּייזט מיין הערלעכסטן געפיל. איך האָב אַפילו ניט געפילט קיין ווייטאָג; בלויז אַ מוראדיקע, אַן אומגעהויערע פּוסטקייט...

*

דאָך איילנדיק זיך אַהיים, האָט ערגעץ אין די טיפענישן געטליעט אַ שטילער פאַרלאַנג, פאַר מיר אַליין אומבאַוווסט, אַז איך זאָל זי טרעפן. איך בין געלאָפן אַזוי ווי איינער וועמען מען האָט אָנגעזאָגט אַז אַ נאָענטער, אַ טייערער ליגט אויפן טויטן־בעט... אפשר איז דאָך פאָרט ניט צו שפּעט, אפשר... אפשר...

מרס. מעקנאַלטי איז אַרום הויז ניט געווען, און איך בין שנעל און שטילערהייט אַרויפגעלאָפן אויף די משופּעדיקע טרעפּ. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָב איך אַ דריי געטאָן דאָס הענטל פון טיר און בין אַריין.

ריין און זויבער איז געווען דאָס גאַנצע צימער, ציכטיק פאַרבעט איז געווען דאָס בעט. אין וויגשטול, לעבן פענצטער איז האַלב געלעגן, האַלב געזעסן ווירדזשיניאַ מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט רויִק געאָטעמט אַזוי ווי זי וואָלט געשלאָפן. איר קלאָרער געזיכט איז געווען ווייס, מיט דער ווייסקייט וואָס האָדעוועט זיך אין וויין־קעלערס און דענס־האָלס און טעאַטערס, אין ציגאַרעטן־רויך און אויף קרענקלעכע, צעשטרייטע נערוון. איר לינקע האַנט איז געלעגן אין איר שויס, איר רעכטע — אויפן הענטל פון שטול. ווייסע קינדערשע הענט מיט לאַנגע פינגער וועמענס שפּיצן זיינען געווען געלבלעך פון ניקאָטין, און אַנגעצונדענע שוועבעלעך. איידעלע, בלווילעכע אָדערן האָבן זיך אויסגעלייגט ווי אַ נעץ אונטער דער זיידענער הויט און אויסגעווייזט דעם טרויער פון אָדערן וואָס הייבן אָן פאַרהאַרטעוועט צו ווערן פאַר דער צייט, פון בלוט וואָס ווערט פאַרסמט אויף שמחות אין הוליאַנקעס...

אַ שטראַל ליכט האָט זיך באַהאַלטן אין אירע לאָקן און געציטערט פון פרייד, אָפּגעגלאַנצט מיט תּענוג און גליק. אַ פליג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי איר אויפן האַלדז, און איר האַלדז האָט אַ הייב געטאָן זיך אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס אַראָפּגעשלונגען. און עס האָט זיך מיר געדאַכט ווי זי וואָלט אַראָפּגעשלונגען ניט אויסגעווייינטע טרערן, דעם פאַרשטיקטן קרעכץ פון אַ מיידלשן גוף און אַ מיידלשער נשמה וואָס גייען לאיבוד אין אַ מגושמדיקער וועלט ביי אַ מגושמדיקן, געצנדינערשן דור. אַ דור פון מאַשינען, פון שטאָל און פון שטיין וואָס רייבן און צערייבן דאָס איידלסטע, דאָס מענטשלעכסטע. אַ דור וואָס צעקריפּלט נשמות, פּייניקט דעם גוף און פאַרוואַנדלט פאַרגעניגן אין פּיין, אַ דור אָן ליבע, נאָר מיט קליינינקע, רגעדיקע, צערייצטע ליידנשאַפטן.

ווירדזשיניאַ האָט רויִק געאָטעמט. ווען ניט ווען האָבן אירע וויִעס אַ ציטער געטאָן אונטער דער שפּילעוודיקייט פון אַ שטיפערישן שטראַל.

איך האָב זיך אַרונטערגעלאָזן אויף די קני און אָנגעבויגן מיין קאָפּ איבער איר בלאַסער אויסגעאיידלטער האַנט. אָרעמע פרייד פון ניו־יאָרקער נעכט. ווי אויסגעמאַטערט און מיד דו זעסט אויס, אָרעמע ווירד־זשיניאַ, ווי אויסגעפייניקט האָט דיך דער גײַעג נאָך לוסט און פאַרגעניגן!

זי האָט געגלעט מיין קאָפּ. איך האָב אויפגעהויבן צו איר מיין פּנים:

„איך האָב דיך ליב, ווירדזשיניאַ! וואָס זאָל איך טאָן?״

צבי הירש
אַ ברודער פון חיים עהרענרייך

פערזענלעכקייטן

יואל ענטין

דער טוער און דער בעל-חלומות

יואל ענטין, וועלכער איז סוף פעברואַר געשטאָרבן אין טיפן עלטער פון איבער פיר־און־אַכציק האָט נאָך ביים לעבן אַוועקגעשטעלט דויערנדע מאָנומענטן נאָך זיך. דווקא ער, וועלכער האָט אַזוי ווייניק געזאָרגט זיך וועגן זיינע אייגענע ווערק, אַז זיי זיינען געבליבן צעוואָרפן און צעשאָטן איבער צענדליקער צייטונגען און זשורנאַלן, בלייבט פאַראייביקט דורך מעשי ידיו, דורך די פילע קולטור און דערציִונגס אינסטיטוציעס וואָס ער האָט געלייגט זייער פונדאַמענט, דורך די באַוועגונגען אין וועלכע ער איז יאָרן־לאַנג געווען אַ וואָרט־זאָגער און טאַקע אַדאַנק זיין לאַנג־יאָריקער ליטעראַרישער אַרבעט וואָס אַנדערע וועלן איצט דאַרפן זאַמלען און צונויפקלייבן.

עס איז ניט גרינג אויסצומאָלן זיין געשטאַלט. הגם ער איז געווען גראַדליניק און פאָזיטיוו־אויסגעשפּראָכן, איז ער אויך געווען אַ מענטש פון שטימונגען. קאָן מען אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל בלויז אָנצייכענען די קאָנטורן פון זיין פערזענלעכקייט און אָנדייטן עטלעכע הויכפונקטן פון זיין פיל־אומפאַסנדער געבענטשטער טעטיקייט.

יואל ענטין איז געווען די אויפריכטיקייט אַליין — אויפריכטיק אַפילו ווען ער האָט געדאַרפט וויי־טאָן — און אָן יעדן שמץ פון אָנשטעל. אַזוי איז ער געווען אַלס שריפטשטעלער, אַזוי אַלס טעאַטער קריטיקער. אַלס געזעלשאַפטלעכער וואָרט־זאָגער און אַרבעטער ציוניסט; אַזוי איז ער אַוודאי און אַוודאי געווען אַלס דערציִער און אַלס לערער אין די ערשטע יידישע וועלטלעכע שולן, וועלכע ער האָט געשטויסן דעם יידיש נאַציאָנאַלן

אַרבעטער פאַרבאַנד צו גרינדן אונטערן ערשטן נאָמען פון „יידישע נאַ־ציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן".

ער איז געווען אַ גרויסער מאמין. איינער פון אַ דור פון גרויסע מאמינים, אַ דור פון בויער און עקשנים־קעמפער. זיי האָבן געבויט שולן, געבויט אַ יידישע פּרעסע, געגרינדעט פאַרטייען און פראַטערנאַלע אָר־גאַניזאַציעס, אַוועקגעגעבן זייערע כוחות אויף בנין הארץ, ארץ־ישראל. פון יענעם דור איז יואל ענטין געווען איינער פון די סאַמע שטאַרקסטע, שטאָליק־פעסט אין זיין גלויבן, פעלדזיק אין זיין עקשנות. די טרייב־קראַפט פון זיין גלויבן, פון זיין שטענדיקער אומאויפהערלעכער פּראַצע אויף אַלע געביטן פון זיינע פילע טעטיקייטן, איז געווען זיין ענדלאָזע ליבע צום יידישן לעבן, צו אַלץ וואָס איז יידיש אין תוך און אין פאָרעם, אין אינהאַלט און אין סטיל. ער האָט געגלייבט באמונה שלמה אין דעם קיום פון יידישער שעפערישקייט, פון יידיש־לשון, פון דער יידי־שער ליטעראַטור, פון יידיש טעאַטער. די אמונה זיינע איז געווען פעסט ניט נאָר אין יענע יאָרן ווען די יידישע אימיגראַציע האָט גע־שטראָמט קיין אַמעריקע און יידיש לעבן האָט געבליט אין פּוילן, אין רומעניע און גאַליציע, נאָר אויך נאָך דעם שוידערלעכן חורבן אייראָפּע, נאָך דעם אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, ווען יאוש און ספקות האָבן גענומען אונטערגראָבן די זיילן פון אונדזער פאָלקס־לעבן.

ערשט עטלעכע געציילטע וואָכן פאַר ענטינס טויט האָט דער אַקטיאָר אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו אים אָנגעטראָפן אין גאַס און האָט אים באַגריסט. ענטין וועמענס ראיה איז אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געווען שוואַך (ניט פון עלטער, האָט ער געזאָגט, נאָר פון צו פיל אָנשטרענ־גינג) האָט דעם שוישפּילער צוערשט ניט דערקענט. ער האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און האָט געפרעגט:

— נו, און וואָס הערט זיך מיטן יידישן טעאַטער, אַנאַטאָל?

— ניט גוט, חבר ענטין, ס'איז אַ שטאַרקע ירידה... — האָט ווינאָ־גראַדאָוו שטיל געזאָגט.

— הערט וואָס איך זאָג אייך: דער יידישער טעאַטער וועט נאָך

בלײַען! געדענקט — ער וועט נאָך בלײַען! — האָט יואל ענטין פּעסט אויסגערופן.

דאָס זײַנען אפשר געווען די לעצטע ווערטער זײַנע וועגן דער אינסטיטוציע, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און וועלכער ער האָט אָװעקגעשענקט אַזוי פיל פון זײַן שעפערישקייט און פון זײַנע כוחות און חלומות.

יואל ענטין איז ניט געווען קיין פלאַטאָנישער ליבהאָבער. האָט ער געגלייבט אין אַ זאַך, האָט ער איר געווידמעט ניט בלויז זײַן פען און כוח הדיבור. צוזאַמען מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקין איז ער געווען דער פאָטער פון די ייִדישע וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע. האָט ער ניט באַנוגנט זיך מיט שרייבן טעאָרעטישע אַרטיקלען, מיט אַגיטירן ביי עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען און מיט ריידן ביי קאָנפערענצן. ער האָט בפועל ממש פאַרקאַשערט די אַרבל און געטאָן טאָג־טעגלעכע אַרבעט דערביי. ער איז געווען דער ערשטער פּרינציפּאַל פון דער ערשטער ייִדישער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלער שול. ער האָט יאָרן לאַנג אָנגעפירט מיט די לימודים פון ייִדישער דראַמע, פון ייִדישער ליטעראַטור און מיטן לימוד פון דער געשיכטע פון די גרויסע פּאָליטישע באַוועגונגען צווישן ייִדן.

ער איז ניט געווען קיין אָראַטאָר, ניט קיין שיין־רעדנער. ער איז ניט געווען פון די רעדנער וואָס אַפּעלירן צו די עמאָציעס פון די צוהערער. דאָך זײַנען די תלמידים אין קלאַס געזעסן שטונדן לאַנג אויף די בענקלעך, פאַרפּישופּעט. מיט זײַן גלײַענדער ליבע צו דער ייִדישער דראַמע, צו דער ייִדישער ליטעראַטור, צו די פּאָליטישע באַוועגונגען און פאַרטייען אין ייִדישן לעבן, האָט ענטין אָנגעצונדן די קינדערשע הערצער. ער האָט פאַר זיי בייגע וועלטן אָנגעצונדן אין יענע אָרעם־געקאַלכטע, פינצטערע חדרימלעך פון דער ערשטער שולע אויף מעדיסאָן סטריט — וועלטן פון אינערלעכער פּראַכט און גייסטיקער דערהייבונג — און דער אָפּגלאַנץ פון יענע וועלטן — פון פּרצעס חסידישע מעשׂיות, פון הירשביינס דאָרפישע אידיליעס, פון מענדעלע מוכר ספרימס בייסיקע

סאַטירעס — לעבט עד היום אין די הערצער פון די אַמאָליקע תלמי־דים זיינע.

מיט ליידנשאַפט איז יואל ענטין געווען פאַרליבט אין דעם יידישן טעאַטער. ער האָט, אָבער, טראָץ זיין ליבע — ניין, אַדאַנק זיין ליבע — געזען די חסרונות און די ניט־דערוואַקסנקייטן פון דער יידישער בינע פון אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק. וואָלט אַן אַנדערער זיך צופרידנגע־שטעלט מיט שרייבן מוסר־קריטיקן און וואָלט געפילט, אַז ער טוט זיין חוב מיט שטראָף־אַרטיקלען. אַן אַנדערער, אָבער ניט יואל ענטין. ער האָט געקנעלט מיט אַמאַטאָרן אין דעם פּראָגרעסיוו דראַמאַטיק קלוב, געלערנט זיי שפּילן טעאַטער, אויפגעפירט און אַליין רעזשיסירט פּיעסן, געהאַלטן ערנסטע און באמת וואָגיקע לעקציעס וועגן דראַמע און טע־אַטער, און —

אַדאַנק אָט דער דערציערישער טעאַטער־אַרבעט, וואָס יואל ענטין האָט במשך פון אַ סך יאָרן אָנגעפירט אויף דער יידישער גאַס, האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן אויפגעבליט דער יידישער טעאַטער מיט אַ פּלעיאַדע יונגע שוישפּילערישע כוחות, מיט ערנסטע דראַמאַ־טורגן, מיט אַן עולם וואָס האָט געוואָלט און האָט אָפּגעשאַצט די נייע שטרעמונג אויף דער אָפּגעפרישטער יידישער בינע.

און די יעניקע וואָס זאָגן איצטער, אַז ענטין איז געווען אַלטמאָדיש, פאַרעלטערט אין זיין צוגאַנג צו יידיש טעאַטער און וואַרפן־אויף זיין „איינגעליבטקייט" אין יעקב גאָרדינען, קייען איבער וואָס אַנדערע „חכמים" האָבן אַ מאָל געזאָגט, אָדער זיי זיינען בכלל ניט באַקאַנט מיט ענטינס וועג אין טעאַטער. יידיש טעאַטער דאַרף זיין און איז מסוגל צו זיין אַ פאָלקס אינסטיטוציע, איז געווען ענטינס טעאַטע־רישער אני־מאמין. גערעכט צי אומגערעכט, דאָס איז געווען זיין גלויבן. די דראַמאַטורגן וואָס האָבן אָנגערירט פּראָבלעמען פון יידישן פאָלקס־לעבן, וואָס האָבן געשעפּט זייער טעמאַטיק פון די טיפענישן פון אונדזער לעבן האָבן לויט ענטינס אָפּשאַצונג געשטאַרקט די יידישע בינע, צוגע־שטעלט די אמתע שפּייז פאַרן יידישן טעאַטער באַזוכער.

קאָן מען מיט דער שטעלונג ענטינס יע אָדער ניט זיין מסכים. אָבער זאָגן, אַז ער איז געווען „אָפּגעשטאַנען", „אַלטמאָדיש", איז גע־פלאַפּלט. איך ווייס ניט צי מען קאָן אין אונדזער ייִדיש־וועלט אָנציילן אויף די פינגער פון איין האַנט פאַכלייט און טעאַטער־חסידים ווי יואל ענטין. זיין באַהאַוונטקייט אין דער דראַמאַטישער ליטעראַטור — דראַ־מאַטישער וועלט־ליטעראַטור — איז געווען אַ פענאָמענאַלע. דאָס וויסן די וועלכע האָבן געלערנט וועגן טעאַטער ביי יואל ענטינען און שפּעטער ביי אַנדערע.

וועגן ענטינס וועג אין און צוגאַנג צום טעאַטער וואָלט זיך געפאָ־דערט אַ לענגערער און אַ באַזונדערער שטודיום.

ער איז ניט געווען געקנאָטן פון דעם ליים פון אַ פּאָליטיקער. ער איז צו־אויפריכטיק, צו־אייגנאַרטיק און צו־אומאָפּהענגיק געווען אין זיין דענקען. ער איז, אָבער, געווען אַ געזעלשאַפטלעכער מענטש און ער האָט אָפּגעשאַצט די פּאָזיטיווע מאָמענטן פון די ייִדישע פּאָליטישע קערפּערשאַפטן. אַמנאָענטסטן צו זיין געדאַנקען־גאַנג איז געווען די פּועלי־ציון אָרגאַניזאַציע, איז ער יאָרן־לאַנג געווען אַ טעטיקער חבר אין אירע רייען און אַ מיטגליד אין איר צענטראַלן קאָמיטעט.

דער הויפּט־כוח וואָס האָט אים צוגעצויגן צו די פּועלי־ציון און צום נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז געווען זייער אַרבעט אויף דעם פעלד פון ייִדישער דערציִונג, ייִדישע שולן, ייִדישן לערער סעמינאַר. ווען ענטין איז מיט זיי געווען „צעקריגט", האָט מען געקאָנט זאָגן אויף זיכער, אַז זיי גיבן זיך ניט אָפּ מיט די ייִדישע שולן גענוג ענערגיש, מיט דעם געהעריקן חשק, לויט זיין אָפּשאַצונג.

ס׳קאָן גאָר קיין ספק ניט זיין, אַז ענטין דער שרייבער, דער ליטע־ראַטור קריטיקער, האָט אַ סך, גאָר אַ סך מקריב געווען צוליב ענטין — דעם דערציִער, דעם טעאַטער רעזשיסער, דעם געזעלשאַפטלעכן טוער. ער האָט פון זיך געגעבן שטיקער גאַנצע פאַרן ייִדישן קינד, פאַרן ייִדישן אַקטיאָר, פאַרן ייִדישן פאָלקס־מענטשן — געגעבן באהבה, מיטן גאַנצן האַרצן און מיט ביידע הענט. ליטעראַטור קריטיק איז געווען זיין

שטילע, זיין סוביעקטיווע ליבע, דער נחת־רוח, ווען יואל ענטין איז געבליבן מיט זיך אַליין, אויסגעשפּאַנט פון זיינע אַנדערע, פון זיינע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן. לייענט מען זיינע לענגערע ליטעראַטור אָפּהאַנדלונגען, לירישע אויסגוסן פון אַ מענטשן וואָס איז פאַרליבט אין אַ גאַנצער ליטעראַטור און אין דעם לשון אויף וועלכן זי איז גע־שאַפן געוואָרן, דערזעט מען אַ גאָר אַנדערן יואל ענטין, אַ מענטשן מיט אַ טיפן קינסטלערישן אויג, אַליין אַ מענטש וואָס קאָן אַריינדרינגען אין דעם חדר מיוחד פון קינסטלערישן שאַפן.

נאָך איין וואָרט, טראָץ דעם באַגרענעצטן פּלאַץ. מען פּרובירט איינוויקלען יואל ענטינס נאָמען אין „אומטאָלעראַנץ צום קעגנער". ענטין איז טאַקע געווען אַ קנאי, בעסער געזאָגט, אַ פאַרברענטער חסיד. אין צייטן פון קאַמף איז ער ניט געווען קיין קאָמפּראָמיסלער, בשום אופן ניט. ער האָט אָבער געקאָנט זיין, און איז געווען, אָביעקטיוו און אָפּגעהיט מיט זיין אָפּשאַצונג פון באַוועגונגען, וועלכע זיינען אים געווען פרעמד און אַפילו דערווידער. ער האָט, צום ביישפּיל, אין זיין סעריע וועגן פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די קינדער פון עלטסטן קלאַס אין דער „ערשטער נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע־שול" גערעדט וועגן דעם „בונד". דאָס איז געווען מיט אַן ערך פינף־און־פערציק יאָר צוריק, ווען דער קאַמף צווישן דעם „בונד" און די פּועלי־ציון אין פּוילן איז געווען אין סאַמע ברען. עס איז דערפאַר צום באַוואונדערן מיט וויפל דרך ארץ ענטין האָט גערעדט פון אָט דער קעגנערישער און אַפילו פיינטלעכער יידישער באַוועגונג. ער האָט אָביעקטיוו אַנאַליזירט אירע אידייען און פּרינציפּן, אָנגעוויזן ווו זיי גייען זיך פאַנאַנדער מיט אַנדערע יידישע פּאָליטישע באַוועגונגען און מיט גרויס וואָרעמקייט גערעדט צו די קינדער וועגן אירע הויפּט־העלדן און מאַרטירער.

איצט, מיט יאָרן שפּעטער, אַז מען טראַכט פון יענער לעקציע, מוז מען דערפילן אַ נייעם אויפשוווּנג פון באַוואונדערונג און יראת הכבוד פאַר דעם מענטשן וואָס האָט זיך געקאָנט אויפהייבן איבער זיין פּאַרטיי

אָנגעהעריקייט און איבער זיין „אומטאָלע־אַנץ״.

יואל ענטין איז אַוועק פון אונדז. ס׳איז אַוועק אַ הייסער ייִד, אַ רייכע פערזענלעכקייט, אַ גרויסער קולטור קעמפער. אַדאַנק זיין לעבן און זיין טעטיקייט איז אונדזער לעבן רייכער, שענער געוואָרן. זאָלן נאָר זיינע האָפענונגען מקוים ווערן. דאָס וועט זיין דער אמתער שׂכר וואָס ער אַליין וואָלט זיך געווונטשן פאַר די פילע גוטע, שעפע־רישע יאָרן וואָס ער האָט צוגעטראָגן צו זיין פאָלק.

ד״ר אהרון סינגאַלאָווסקי

דער פאַרשטאָרבענער פירער פון אַלוועלטלעכן „אָרט״

מיט ד״ר א. סינגאַלאָווסקי, פּרעזידענט און פירער פון אַלוועלט־לעכן „אָרט״, האָב איך זיך געטראָפן און פאַרבראַכט בלויז מיט דריי חדשים צוריק אין זשענעוו. איך האָב דעמאָלט ניט געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב דעם כבוד צו ריידן מיט דער גרויסער ייִדישער פּערזענלעכקייט. אין די פּאָר שעה פון אונדזער שמועס האָט ער מיר אומגעהויער אימפּאָנירט.

ד״ר סינגאַלאָווסקיס גרויסער כוח איז געלעגן אין זיין טיפער אמונה, אין זיין אומדערשעפּלעכן גלויבן אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט און געטאָן. ער האָט דורך־און־דורך געגלייבט אין ייִדישער אַרבעט, אין דעם, אַז בלויז דער, וואָס איז אַנטוויקלט גייסטיק, קאָן זיין אַ ווערטפולער אַרבעטער־מענטש.

אהרון סינגאַלאָווסקי איז געווען דער נביא פון אַרבעט, פון מענטש־לעכער חשיבות דורך אַרבעט. פון דערהויבנקייט און פרייד, וואָס זיינען אַ רעזולטאַט, אַ פּועל־יוצא, ווען מוסקול און מוח לעבן אין האַר־מאָנישער אַנטוויקלונג.

און ווייל ער האָט אַליין געגלייבט באמונה שלמה אין דעם, וואָס ער האָט געפּריידיקט, האָט ער געקאָנט אָנצינדן אַנדערע און זיי אַריינציִען אין זיין וועלט. פון אים האָט אַ־ויסגערעדט דער אמת אַליין, און בלויז דערפאַר האָט ער באַאיינפלוסט און געווירקט אויף גרויסע מאַסן אַזוי גוט ווי אויף יחידים.

גרויסע מאַסן, ווי די וועלט ווייסט פון איר ביטערער דערפאַרונג

פון די לעצטע 25 יאָר, קאָן מען פאַרטומלען און פאַרפירן מיט אָראַ־טאָרישע פראַזן, מיט קאָלירפולע סלאָגאַנס. אָבער געווינען דעם יחיד, ווען די טעמפעראַטור פון דעם המון קומט ניט צו הילף, קאָן בלויז דער אמת. און מיט אָט דעם כּלי־זיין — אמתער גלויבן — האָט אהרון סינגאַלאָווסקי באַצוווּנגען הערצער, געווונען אָנהענגער פאַר זיין אידעע.

„יידן", האָט ער געזאָגט, „האַלטן פון לערנען. יידישע קעפּ זיינען דורך דורות און דורות געשאַרפט געוואָרן אויף תורה, אויף גמרא, אויף מדרש, פּוסקים — דאַרף מען יידן אויפווייזן, אַז אויך אַרבעט דאַרף מען לערנען — פאַרבינדן תּורה מיט עבודה... על התורה ועל העבודה — אָט דער סינטעז וועט דערהייבן אונדזער פאָלק צו אַ העכערער שטופע, אַזוי פאָדערט די צייט".

ער האָט געגלייבט אין דעם קיום פון יידישן פאָלק אומעטום, און ער האָט מיט זיין גאַנצער נשמה געשעצט די חשיבות פון אַרבעט. ער האָט געהאַלטן, אַז ווען אַרבעט וועט אין יידישן לעבן זיך דערהייבן צו אַ מדרגה פון פאַכמאַנשאַפט, פון תּורה, וועט אונדזער לעבן ווערן געזונט. עס וועט „מעיד אין איזראַעל" — האָט ער מיר געזאָגט — ווערן אַן אמתע מאַרקע, צי „מעיד אין איזראַעל" וועט זיין גערעדט וועגן אַ דאָקטער, אַ טישטעך, אַ מיקראָסקאָפּ אָדער, להבדיל, אַן אָרון־קודש.

אין זיין נאָך ניט פאַרעפנטלעכט ווערק: „אין דעם דינסט פון יידישער אַרבעט", פון וועלכן איין קאַפּיטל איז דערשינען אין „מאַטע־ריאַלן און מעמוּאַרן", וואָס דער „אָרט" האָט אַרויסגעגעבן אין יוני 1955, האָט ד"ר סינגאַלאָווסקי געשריבן:

„...די הלכה פאָדערט, אַז דער אַרבעטער־מענטש זאָל באַהאַנדלט ווערן מיט דרך־ארץ. ווען אַ תּלמיד חכם, פון אַ ישיבה, גייט פאַרביי, מוז יעדער זיך אויפשטעלן לכבוד אים „אָבער ניט דער אַרבעטער בעת ער זיצט און אַרבעט". אין מאמר „גדולה מלאכה שמכבדת את בעלה" (נדרים) — גרויס איז די מלאכה, ווייל זי טוט אָן כבוד איר מייסטער — ווערט אויסגעדריקט אַ שטאַרקער פּראָפעסיאָנעלער שטאָלץ. די ווערק

פון די סאַמע גרעסטע רעליגיעזע אויטאָריטעטן זיינען דורכגענומען מיט קעגנערשאַפט צו יענע, וועלכע גלייבן, אַז דער געלערנטע״, דער וואָס איז גייסטיק העכער, איז פריי פון אַרבעט. רבי חייא פון בבל, איינער פון די חשובסטע תלמידים פון ר׳ יהודה, זאָגט: „דער וואָס לעבט פון דער מי פון זיינע הענט, איז גרעסער ווי דער, וואָס האָט בלויז מורא פאַר׳ן אויבערשטן״. — „יעדע מיצווה — יעדעס וויסן, וואָס איז ניט פאַרבונדן מיט מלאכה, מוז סוף כּל סוף פאַרשווינדן אָדער פירן צו זינד״ (פּרקי אָבות), און דער רמב״ם אין זיין פירוש אויף „משנה״ גיט צו: „דער וואָס נעמט זיך אַריין אין קאָפּ, אַז ער וועט זיך נאָר פאַרנעמען מיט תורה־לערנען, ניט האָבנדיק קיין פאַך אין האַנט, און וועט לעבן פון דער הילף פון אַנדערע, שוואַכט אָפּ גאָטס הילף און דערמיט זיין תורה, לעשט אויס דאָס ליכט פון אמונה, האָט זיך שלעכט געטאָן און פאַרלירט די עולם הבא״.

אהרון סינגאַלאָווסקי איז געווען דורכגעווייקט אין יידיש וויסן. זיין אַלגעמיין וועלטלעכע בילדונג איז געווען באַפעסטיקט פון יידישן וויסן און געוואָרצלט אין יידישן פאָלקסלעבן.

אָנגעהויבן זיין טעטיקייט האָט ער, קענטיק, אין דער צייט, ווען ער האָט נאָך „זיך אַליין ניט געפונען״. ער האָט שטודירט יוריספּ־ו־דענץ נאָך דעם ווי ער האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע אין סאַראַטאָוו. אין טיף רוסלאַנד. נאָך דער רעוואָלוציע, אין 1921, איז ער, זייענדיק אין דייטשלאַנד, פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אידעע „אָרט״ און האָט זיך איר געווידמעט ביז צום סוף פון זיין לעבן.

ווען דאָס הויפּטביוראָ פון „אָרט״ האָט אין 1933 זיך אַריבערגעקליבן קיין פּאַריז, האָט ד״ר סינגאַלאָווסקי זיך באַזעצט אין פראַנקרייך. און דעמאָלט איז עס געווען די עפּאָכע פון די דריי דאָקטוירים, דער טריומוויראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון ד״ר ל. בראַמסאָן, ד״ר ד. לוואַ־וויטש און ד״ר א. סינגאַלאָווסקי. ד״ר בראַמסאָן איז געשטאָרבן אין 1941, ד״ר לוואָוויטש אין 1950 און דער לעצטער פון די דריי ד״ר סינגאַלאָווסקי.

אין צייט פון דעם לעצטן וועלט־קריג האָט ד״ר סינגאַלאָווסקי ניט פאַרלאָזן אייראָפּע, הגם ער האָט געהאַט יעדע מעגלעכקייט עס צו טאָן. ער איז צוערשט פאַרבליבן אויף זיין פּאָסטן אין פּאַריז. נאָך דעם, אַז די נאַצי־חילות האָבן פאַ־נומען פראַנקרייך, האָט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין פראַנקרייך, ביז ער איז אין 1943 אַריבער די גרע־נעץ און איז אָנגעקומען אין דער שווייץ. דאָ־טן האָט ער זיך ניט אָוועקגעזעצט זאָגן „איכה" און באַוויינען, וואָס די קאַניבאַלן האָבן פאַרניכטעט, נאָר ער איז גלייך צוגעטרעטן צו בויען אויף ס׳נייַ דעם „אָרט".

זיין פערזענלעכקייט איז געווען אַזוי מאַגנעטיש, זיין כּוח הדיבור אַזוי באַצויבערנד און זיין הייסער גלויבן אין דער מיסיע פון „אָרט" אַזוי פייערדיק, אַז ער האָט געפאַנגען מענטשלעכע הערצער, ניט ייִדישע ווי ייִדישע, און זיי באַקערט און מיטגעשלעפּט.

ווען מדינת ישראל איז געוואָרן אַ פאַקט, איז ד״ר סינגאַלאָווסקי געווען דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעקומען מיטן געדאַנק, אַז דער „אָרט" זאָל גרינדן פאַכשולן אין דער ייִדישער מדינה.

ער האָט אין 1948 באַזוכט מדינת ישראל, זיך געטראָפן מיט דעם דעמאָלטיקן פּרעזידענט ד״ר חיים וויצמאַן ע״ה; מיט דעם פּרעמיער דוד בן־גוריון, מיט פאָרשטייער פון דער הסתדרות, און האָט זיי אַלעמען אַריבערגעוווּנען אויף זיין זייט.

ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן לעצטן יולי, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן. האָט ד״ר וויצמאַן אים געפרעגט, ווי לאַנג עס וועט נעמען דעם „אָרט" צו גרינדן די ערשטע פאַכשולן אין ישראל; — „אין פינף יאָר צייט וועלן מיר האָבן אין מדינת ישראל ביז 16 שולן", האָט דער פירער פון „אָרט" געענטפערט. — „ס׳האָט גענומען בלויז דריי יאָר אויפצושטעלן די ערשטע 16 שולן אין לאַנד, האָט ד״ר סינ־גאַלאָווסקי מיר דערציילט. „איצט האָבן מיר שוין אין ישראל באַלד דריי מאָל אַזוי פיל שולן".

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּראָיעקטן, גרויסע און וויכטיקע

פראָיעקטן, ניט אויף להבא, נאָר אויף איצט — פראָיעקטן פאַר די יידן אין מאַראָקאָ, אין איראַן, אין פראַנקרייך, אין מדינת ישראל. — דאָס זיינען געווען פראָיעקטן וועגן נייע פאַכשולן, נייע פאַכן פאַר יידן. ער האָט געגלייבט, אַז ווען יידן וועלן זיין נוצלעך מיט זייער וויסן וועלן זיי ניט דאַרפן מורא האָבן פאַר רדיפות און אַנטיסעמיטיזם — מען וועט זיי פשוט דאַרפן, מען וועט זיך ניט קאָנען פאַרגינען דעם לוקסוס זיי צו פאַרטרייבן און באַרויבן...

דער „אָרט" האָט איצט 340 שולן, ווו יידן ווערן פאַרוואַנדלט אין שעפערישע מענטשן. ד"ר סינגאַלאָווסקי האָט געהאַלטן, אַז סיי די צאָל שולן, סיי די אַרבעט איז בלויז אַן אָנהייב. האָט ער זיך געקליבן טאַקע ווידער קומען קיין אַמעריקע, זיך זען מיט די פירער פון דעם דזשאָינט וועגן פאַרגרעסערן דעם בודזשעט פון „אָרט", „ווייל יידן דורשטן נאָך דער תורה פון מלאכה, און מען דאַרף זיי געבן די געלעגנהייט און די מעגלעכקייט צו ווערן ווירדיקע מענטשן, שעפערישע, זעלבשטענדיקע".

כ'מוז ווידער באַמערקן, אַז ער איז געווען אַ באַצויבערנדיקער רעד־נער. ער האָט ניט בלויז געהאַט וואָס צו זאָגן, נאָר אויך געוווסט, ווי אַזוי עס צו זאָגן. ער האָט געקאָנט אויפקלערן אַ פאַרפלאָנטערטן ענין. ער האָט פאַרמאָגט דעם גרויסן טאַלאַנט אויפצודעקן, געפינען פּישוף אין זאַכן, וואָס פאַר דעם געוויינלעכן מענטשן זיינען זיי טרוקן, אומאינטערעסאַנט. ד"ר סינגאַלאָווסקי האָט געקאָנטריידן וועגן אַ דלאָטע, אַזוי אַז זי איז געוואָרן אַ מוזיקאַלישע קאָמפּאָזיציע. ביי אים האָט אַ קאָוואַדלע באַקומען דעם רייץ פון אַ בעטהאָווען־סימפּאָניע.

ניין, ס'איז ניט געווען קיין פּאָזע און קיין אָנשטעל ביי אים, בשום אופן נישט. ער האָט די קאָוואַדלע און די דלאָטע, די ניי־מאַשין און דעם מאָטאָר באַגאָסן מיט דעם ליכט און דער פּאָעזיע פון וווּנדער־לעכן גייסט. ער האָט אין זיי אַריינגעגאָסן זיין פעלדזיקן גלויבן און באַהויכט מיט צאַרטקייט און טיפער ליבשאַפט, זיי, די האַרטע, די שטאָלענע, די לעבנסלאָזע.

ער איז געווען אַ דיכטער אין זיין ריידן, אין זיין שרייבן, און אין

זיין גלויבן. און דאָך האָט ער אָנגעפירט מיט אַ גרויסער, פּראַקטישער, עולם־הזהדיקער אָרגאַניזאַציע און זי באַפעסטיקט אין אַלע עקן וועלט. ער איז דווקא געווען אַ שטרענגער, דערציילן מיר מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו אים אין דער אַרבעט, אַ דיסציפּלינירטער אַדמי־ניסטראַטאָר. אין זיין גרויסן, ליכטיקן קאַבינעט אין זשענעוו, ווו ס'האָט געהערשט די ריינקייט אַליין. איז יעדער טינטער געשטאַנען אויף זיין אָרט, יעדער פּאַפּיר איז געלעגן אויף זיין באַשטימטן פּלאַץ. ער איז ניט געווען קיין באַהעם אין זיין אַדמיניסטראַטיווער אַרבעט. אַרויסגעוויזן די זעלביקע פּינקטלעכקייט, וואָס ער האָט געפאָדערט פון יעדן מיטאַרבעטער און יעדן אָנגעשטעלטן.

און דאָך, האָבן זיי אים אַלע ליב געהאַט אהבת נפש און גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר אים. איך האָב עס געזען אין זייער באַנעמונג, געפילט אין דער וואַרעמקייט און אין דער לאָיאַליטעט, מיט וועלכע זיי האָבן גערעדט פון אים.

אַ צווייטן אהרון סינגאַלאָווסקי וועט זיין שווער, זייער שווער צו געפינען. אין אים האָבן זיך פאַראייניקט אַלע מעלות און שטריכן פון אַ גרויסן בעל־אמונה, פון אַ דיכטער, אַן אָראַטאָר און אויך אַ פירער און אַן אָרגאַניזאַטאָר און אַן אַדמיניסטראַטאָר — אַ קאָמבינאַציע, וואָס איז זייער און זייער אַ זעלטענע דערשיינונג.

די וויסטע בשורה פון זיין פּלוצעמדיקן טויט האָט אויך מיך, אַ ווייטן, שטאַרק געטראָפן. איך דערמאָן זיך. ווי איך האָב לעצטן יוני צום ערשטן מאָל געהערט זיין מענעריש־ווייכע שטים אויפן טעלעפאָן; ער האָט מיר געקלונגען פון זשענעוו קיין לוגאַנאָ און געבעטן מיך קומען צו אים. ער האָט מיך געקענט, און דאָך זיך פאַרהאַלטן אַזוי מענטשלעך פּשוט, וואַרעם, האַרציק... און איך האָב אַזוי געהאָפט מיט אים ווידער זיך צו טרעפן, ווען ער וועט קומען אַהערצו...

צו פרי איז ער אַוועק, דער גרויסער אהרון סינגאַלאָווסקי. געער͏ט זאָל זיין דער ליכטיקער אָנדענק זיינער!

פאַרצייכענונגען

פאַרצייכענונגען פון מאָנטעפיאָרע־שפּיטאָל

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

אין דעם אַפּאַרטמענט הויז, ווו איך וווין, באַגעגן איך זיך אָפט מיט אַ הויכן, דאַרן יענקי, וועלכער איז די העפלעכקייט אַליין. קיינער האָט אונדז קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט, און דאָך באַגריסט ער מיך שטענדיק מיט אַ „העלאָ" און פרעגט זיך נאָך אויף מיין געזונט. די ערשטע צייטן האָט ער מיך געפרעגט:

„און וואָס מאַכט אייער טאָכטער?"

איך האָב געמיינט, אַז ער שפּאַסט, און האָב אים געענטפערט, אַז זי איז אָלרייט. אָבער ער האָט עס געמיינט ערנסט. איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל דערקלערט, אַז זי איז ניט מיין טאָכטער, נאָר מיין ווייב, האָט ער מיך ערנסט אָנגעקוקט און פאַרזיכערט, אַז איך האָב געהייראַט מיט זייער אַ יונג מיידל. פון דעסטוועגן, האָב איך עס אַ פּאָר מאָל געדאַרפט איבערחזרן ביז עס האָט זיך אים פּאָטופּעט אין זיין יענקישן קאָפּ, אַז מיין „טאָכטער" איז גאָר מיין ווייב.

מיין פרוי איז, פאַרשטייט זיך, יינגער פון מיר, אָבער קיינער האָט קיין מאָל זי ניט אָנגענומען פאַר מיין טאָכטער. און דער יענקי האָט שטענדיק געמאַכט דעם טעות, ווען ער איז געווען אַ ביסל פאַרשניאַש־קעט. וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז ביי אַ שיכּורן אויף דער צונג. און פון דעסטוועגן האָבן איך זיך גוט איינגעקוקט אין שפּיגל און האָב זיך גענומען אָפּגעבן אַ דין וחשבון וועגן מיין אויסזען...

מיין פּנים איז געווען זייער ערנסט, און איך האָב זעלטן גע־שמייכלט. בכלל איז מיין געזיכט געווען אַזוי ווי „פאַרפרוירן". איך בין

געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך האָב זיך לעצטנס שטאַרק געעלטערט, גאָרניט לויט מיינע יאָרן.

איך ווייס ניט צי דער עפּיזאָד מיט דעם יענקי איז געווען דער ערשטער סימפּטאָם פון מיין קראַנקייט. די סאַמע ערשטע „אָנצוהערע־ניש" איז געווען איינמאָל ווען דער שריפטזעצער פון „פאָרווערטס" פריינד פרענק, האָט מיך אַ מאָל אָפּגעשטעלט אויף איסט בראָדוויי און האָט מיר מיט אַן ערנסטן פּנים געזאָגט:

„עהרענרייך, איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל באַמערקט אייך גייענדיק מיטן קאָפּ איינגעבויגן, אַזוי ווי דער גאַנצער יאָך פון דער וועלט וואָלט געלעגן אויף אייערע פּלייצעס. עס מאַכט אייך אויסזען עלטער ווי איר זענט, און איך ווייס דאָך ווי אַלט איר זענט — איך בין דאָך געווען ביי אייער חתונה. וואָס דהי מעטער וויטה יו? גלייכט זיך אויס. איר זענט דאָך נאָך אין פאַרגלייך מיט מיר, אַ יונגער צוציק..."

איך האָב גענומען זיך צוקוקן צו מיין גאַנג, און כ'האָב גענומען זיך „אויסגלייכן", אָבער קיין גרויס דערפאָלג האָב איך דערביי ניט געהאַט.

נאָך דעם זיינען געקומען פיל אַנדערע און אַפילו ערנסטערע סימפּ־טאָמען. איך האָב גענומען באַמערקן — די קאָלעגן שריפטזעצער פון „פאָרווערטס" האָבן מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם — אַז מיין האַנטשריפט, מיט וועלכער איך האָב אַלע מאָל שטאָלצירט, איז געוואָרן קלענער פון טאָג צו טאָג. צו ערשט האָבן די שריפטזעצער מיר פריינד־לעך אָנגעוויזן אויף דעם, נאָך דעם, ווי עס איז זיי געוואָרן שווערער צו לייענען מיין „קאָפּי", האָבן זיי צוערשט פריינדלעך און דאַן מיט כּעס גענומען פּראָטעסטירן קעגן מיין מאַנוסקריפּט. איך האָב געמוזט אָנהייבן נוצן די שרייבמאַשין ביי מיין אַרבעט. צוערשט, האָב איך גענוצט צוויי פינגער פון יעדער האַנט ביי דער שרייבמאַשין. מיט עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער, בין איך געבליבן ביי דער שרייבמאַשין מיט איין פינגער פון מיין לינקער האַנט און איך האָב געמוזט אָנקומען צו אַ מיידל, וואָס איז אַ ספּעציאַליסטקע אויף דער שרייבמאַשין.

איך האָב נאָך דעמאָלט אַלץ ניט חושד געווען, אַז עפּעס איז דער

מער מיט מיר. די ערשטע שרעק, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, איז געקומען איין פרימאָרגן ביים ראַזירן זיך. פּלוצלונג האָט מיין רעכטע האַנט געגנומען ציטערן, און מיין רעכטער פוס האָט געגנומען זי באַגלייטן. איך האָב קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן דאָס ראַזירן זיך און איך בין געבליבן זיצן אַ דערשראָקענער — וואָס איז דאָס?

מיין רעכטע האַנט האָט געגנומען ציטערן אַלץ אָפטער און אָפטער. און עס איז שווער געווען פאַר מיר צו שלאָפן ביי נאַכט, סיידן איך בין געלעגן אויף מיין רעכטער זייט. מיין האַנט און מיין פוס זיינען ביסלעכווייז שוואַך געוואָרן, און מענטשן האָבן גענומען באַמערקן ווי מיין רעכטע פוס שלעפּט זיך נאָך אַ ביסל. פון צייט צו צייט איז אויך מיין שטים געוואָרן אָפּגעשוואַכט, און איך האָב געמוזט ווידערהאָלן צו מענטשן די זעלבע פראַזע צוויי־דריי מאָל.

איך בין אַוועק צו מיין פאַמיליען־דאָקטער און איך האָב זיך געלאָזט אונטערזוכן. דער דאָקטער (וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען צו שרייבן באַזונדער) אַ זייער סימפּאַטישער מענטש, האָט מיר געטרייסט, און געזאָגט, אַז מיר וועלן מוזן לאָזן די זאַך אויף עטלעכע חדשים און זען וואָס עס וועט ווייטער זיין. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט דערמאָנט דאָס וואָרט „פּאַרקינסאָן", די קראַנקייט, וועלכע איז ניט „איבערקלייבעריש" — זי באַפאַלט יונג און אַלט, קינדער פון 15 יאָר און דערוואַקסענע פון יעדן עלטער. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער דאָקטער מיך געטרייסט, בין איך „באַערט" געוואָרן פון אָט דער חולאת. עס קאָן אָבער זיין, אַז זי זאָל זיך אָפּשטעלן און ווייטער ניט גיין. עס קאָן אויך זיין, אַז זי זאָל פּראָגרעסירן — וועלן מיר מוזן וואַרטן.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך קיין סך נחת פון דעם דאָקטערס ווערטער ניט געהאַט. אויב עס איז יאָ „פּאַרקינסאָן", און אויב עס וועט יאָ זיך פאַרשפּרייטן, וואָס דאַמאָלסט? דער דאָקטער האָט מיר אויף דעם קיין ענטפער ניט געקאַנט געבן, אָדער געוואָלט געבן. מיר וועלן וואַרטן און זען, איז געווען זיין באַרויִקנדער ענטפער, וואָס האָט מיך אָבער ניט באַרויִקט.

איך האָב געוואַרט. עס איז מיר געוואָרן שווערער צו שלאָפן, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט. עס איז מיר געוואָרן שווער צו האַלטן אַ לעפל אָדער אַ גאָפל אין האַנט. דאָס לעבן, בכלל, איז מיר געוואָרן שווערער.

איין טרייסט האָב איך געהאַט: מיין מוח האָט געאַרבעט קלאָר און שאַרף. פון מיין שרייבן וואָלט מען ניט געקאָנט זען אַז איך בין אַ חולה.

די נאָענסטע פריינד מיינע האָבן געוווסט פון מיין צושטאַנד, און געראָטן מיר צו גיין צו אַ נעוראָלאָג. אָבער צו וועלכן נעוראָלאָג? אין ניו־יאָרק, קיין עין הרע, זענען פאַראַן טויזנטער נעוראָלאָגן. און פאַרן ערשטן באַזוך רעכענען זיי 35 דאָלער. מיינער אַ פּלימעניק, וועל־כער איז אָנגעשטעלט אין דעם נאַציאָנאַלן געזונט־אינסטיטוט אין וואַשינגטאָן, האָט מיר געשיקט אַ נאָמען און אַן אַדרעס פון אַ דאָקטער, און עס איז געבליבן אַז איך זאָל גיין צו אים.

*

ווען אַ מענטש ווערט קראַנק אויף פּאַרקינסאָן, ווייסט ער ניט געוויינלעך צו וועמען צו ווענדן זיך און ווּהין צו קערן זיך. יעדער איינער אין דער פאַמיליע האָט אַן אַנדער עצה. דער סוף איז, אַז ער ווערט אַזוי צעטומלט, אַז ער ווייס ניט וואָס צו טאָן.

ער גייט ניט צו איין דאָקטער נאָר צו עטלעכע, און די דאָקטוירים באַוואַרפן אים מיט פּילן — גרינע פּילן, ווייסע פּילן, רויטע פּילן, און פּילן פון סתם אַ מיתה־קאָליר. דער רעזולטאַט איז אַז ער קאָרמעט זיך אַזוי אָן מיט פּילן, אַז אים דוכט זיך, אַז מען דאַרף אים נאָר אַ קוועטש טאָן די האַנט און פון אים וועט אָנהייבן רינען פּודער.

די נעוראָלאָגן האָבן מיר יעדער איינער באַזונדער עקזאַמינירט, געהייסן הייבן די הענט אַרויפצו, מאַרשירן ווי אַ סאָלדאַט. ועל כולם מיך אויסגעפרעגט ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל, ביז איינער פון זיי האָט מיר געראָטן צו לאָזן זיך אָפּערירן. האָט אַ צווייטער נעוראָלאָג

מיר פאַרשווירן, אַז איך זאָל ניט וואַגן זיך לאָזן אָפּערירן; ווייל די וואָס אָפּערירן זיך פאַרבלייבן אויפן גאַנצן לעבן פאַרקריפּלטע.

פון דעסטוועגן, האָב איך זיך יאָ פּרובירט דערשלאָגן צו אַ באַרימטן כירורג. אָבער גיי דערשלאָג זיך, אַז זיין אָפיס איז יומם ולילה געפּאַקט מיט פּאַציענטן און אַלץ גייט צו נאָך דער ריי. איך האָב ניט באַוויזן צוצוקומען צום באַרימטן דאָקטער, און דעם אמת געזאָגט, בין איך, קענטיק, ניט געווען גרייט, פּסיכאָלאָגיש, צו אַן אָפּעראַציע. זייענדיק אַ גרויסער טרוס מבטן ומלידה, האָב איך מורא געהאַט פאַר דער אָפּע־ראַציע — און נאָך וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע, אויף מיין שאַרבן, איז אומבאַוווסטזיניקערהייט בין איך געווען צופרידן, וואָס עס איז מיר שווער צוצוקומען צום באַרימטן כירורג.

מיין לאַגע איז געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג און די פּילן האָבן מיר ווייניק וואָס געהאָלפן. דערצו, האָבן די פּילן אַ גרויסן חסרון — זייווירקן אפשר צום גוטן אויף די נערוון, אָבער זיי לאָזן איבער שלעכטע סימנים אויף אַנדערע זייטן פון קערפּער. אַז מען נעמט צו לאַנג דעם „אַרטיין", ווערט די צונג זייער סענסיטיוו און מען קאָן ניט עסן מיט אַפּעטיט. אַז מען נעמט דעם גרינעם פּיל, „דיסיפּאַל", איז, ערשטנס, ניט אַזוי ווירקזאַם ווי דער „אַרטיין", און, צווייטנס, לאָזט ער איבער אַנדערע שלעכטע עפעקטן נאָך זיך.

איך וועל קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם ערשטן טאָג און דעם צווייטן ווען איך האָב פאַרזוכט דעם „אַרטיין". פּלוצים, האָט דאָס ציטערן פון מיין האַנט אויפגעהערט, און מיין רעכטער פוס איז געוואָרן אַ „מענטש", צו פיס גלייך. איך האָב זיך געקאָנט ראַזירן מיט רויִקן קאָפּ. צו מיין פרייד איז קיין סוף ניט געווען. איך האָב געמיינט, אַז שוין, פּטור — צו מיין חולאת איז אַ סוף געקומען. איך האָב גלייך טעלעפאָנירט דעם דאָקטער און האָב אים געבענטשט אויפן טעלעפאָן.

ער, דער דאָקטער, האָט געוווסט, אַז דאָס איז אַ דערווייליקער פּאַליאַטיוו, אָבער, ער איז קלוג געווען מיר ניט צו זאָגן דעם אמת. און כך הוה, אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דאָס ציטערן זיך צוריקגעקערט

אין מיין אָרעם און אין מיין פוס, און די אַנדערע שלעכטע עפעקטן וואָס דער פיל ברענגט מיט זיך, זיינען אָנגעקומען.

איינער פון די שלעכטע עפעקטן פון די „אָרטיין״ פילן, איז וואָס מען כאַפּט זיך אויף אין מיטן דער נאַכט און מען קאָן מער ניט איינשלאָפן. דערביי פילט מען זיך זייער אומבאַקוועם, אָבער אין וואָס די אומבאַקוועמלעכקייט באַשטייט, קאָן מען ניט זאָגן. ניט אויסצורעכענען די אַלע ביטע־ע סימפּטאָמען, וואָס דער פיל ברענגט מיט זיך.

שלעכט איז אויך דאָס וואָס מען דאַרף זיך אויסבאַהאַלטן פאַר פריינד און באַקאַנטע מיט דער קראַנקייט. איר פרובירט האַלטן אייער ציטערנדע האַנט אין קעשענע, אָדער פאַרלייגט איבערן ברוסט, האָפענדיק, אַז מיט דעם וועט איר באַהאַלטן אייער ציטערן. אייערע פריינד ווידער, פילן זיך אומבאַקוועם, וואָס איר ווייסט, אַז זיי זעען אייער ציטערן. ביידע צדדים פילן זיך אומבאַקוועם, און ביידע מאַכן זיך ניט וויסנדיק, און נאַרן איינער דעם צווייטן.

דאָס ערגסטע דערביי איז דאָס רחמנות, וואָס איר זעט אויף זייערע פנימער, וואָס הרגעט אָוועק יעדע שטימונג צום גוטן, וואָס איר פאַרמאָגט. ניט יעדער איינער קאָן אויפנעמען מיטלייד אָדער רחמנות צו זיך. עפּעס איז דאָ אין דעם מענטשן, וואָס דערלאָזט אים ניט צו זיין דער „קרבן פון רחמנות״.

איין זאַך האָב איך זיך יאָ דערוווסט בעת מיין קראַנקייט. דער פּאַרקינסאָן זוכט אויף זיינע קרבנות צווישן אַלעמען, צווישן יונג און אַלט, צווישן רייך און אָרעם, מענער און פרויען. איך האָב געזען קינדער פון 8 יאָר, קרבנות פון דער שרעקלעכער קראַנקייט. איך האָב געזען מענער און פרויען ביי וועמען עס האָבן געציטערט איינע אָדער ביידע הענט, אָדער דער קאָפּ, אָדער די הענט מיט די פיס. און ניט אַלע האָבן געקאָנט זיך פאַרגינען דעם לוקסוס פון אַן אָפּעראַציע. אין דעם וואַרטצימער פון דעם שפּיטאָל, האָב איך געזען אַזוינע וועלכע זיינען שוין צוגעקומען צו די דאָקטוירים אין שפּיטאָל, און נאָך אַ פאַרזיכטיקן עקזאַמען, סיי אַ פיזישן, און סיי אַ פּסיכאָלאָגישן, האָבן די דאָקטוירים

געמוזט צוריקווייזן דעם פּאַציענט אַלס „אומאָפּעריִרבאַר" — צו ווייט איז די קראַנקייט פאַרגאַנגען, אַז מען זאָל קאָנען אויסלייזן איר קרבן. אויף אַזעלכע פּאַציענטן האָט געווײנט דאָס האַרץ...

און דאַן האָט דאָס אומגלייבלעכע פּאַסירט. געשען איז דאָס אַזוי:

אונדזער פאַמיליען־דאָקטער, ד"ר נעיטען באַנדער, איז פּלוצלונג אין אַ פּשוטן פרייטיק אין דער פרי צו מיר געקומען אַהיים. זיין תירוץ איז געווען, אַז אַזוי ווי עס קומט פאַר אַ דאָקטוירים־קאָנפערענץ אין אַ דערבייַיקן האָטעל און עס איז איצט אַן איבעררייס אין די זיצונגען, איז ער אַרויפגעקומען צו מיר אַהיים פּשוט צו „קוילענען" אַ האַלבע שטונדע מיט מיר און מיט מיין פרוי. פאַרשטייט זיך, אַז זיין געשפּרעך איז גלייך אַרויף אויף מיין קראַנקייט. ער האָט מיר אויסגעפרעגט „פּאָד־ראָבנע" וועגן אַלע לעצטע אַנטוויקלונגען אין מיין חולאת און דאַן האָט ער זיך אָפּגערופן:

„איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן — איך ווייס אַז איר זענט שוין מיד פון דאָקטוירים. פון דעסטוועגן וואָלט איך אייך געראָטן — מער ווי געראָטן, איך וואָלט אייך צוגערעדט אַז איר זאָלט זיך לאָזן באַטראַכטן פון דעם נעוורּאָלאָג אין דעם מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל. ער איז טאַקע אַ יונגער, אָבער זייער אַ פעיִקער און זייער אַן איבערגעגעבענער מענטש צו זיין באַרוף. איך וואָלט זיך מיט אים באַראָטן, ווען איך בין איר".

איך האָב מיר פּרובירט אָפּטרייסלען פון מיין דאָקטערס עצה. איך בין שוין מיד פון דאָקטוירים — וואָס קאָנען זיי פאַר מיר טאָן, אויסער קאָרמענען מיר מיט נאָך פּילן? דאָקטער באַנדער, האָט מיר, אָבער, ניט אָפּגעלאָזט. ער איז צו מיר צוגעשטאַנען מיט זיין אָנגענעמען שמייכל, און האָט מיר גענומען אויסרעכענען דעם אַנדערן דאָקטערס מעלות. און, ער האָט מיר געפרעגט אַ פּשוטע פראַגע: איר האָט זיך געזען שוין מיט אַזוי פיל דאָקטוירים, וואָס וועט אייך שאַטן, אַז איר וועט זיך זען מיט נאָך איינעם? דערצו, מעגט איר עס טאָן פאַר מיר און, איבערהויפּט,

פאַר אייער פרוי. זי האָט פאַרדינט, אַז איר זאָלט זיך געבן נאָך אַ „שאַנס״.

איך האָב אים צוגעזאָגט זיך צו איבערלייגן און אים געבן אַן ענטפער. דער דאָקטער האָט אָבער אַלץ ניט אָפּגעלאָזט און געזאָגט:

„וואָס האָט איר דאָ אַ סך צו טראַכטן? איך בעט דאָך אייך ניט אַז איר זאָלט גיין אויף אַן אָפּעראַציע. אַלץ וואָס איך וויל איז, אַז איר זאָלט זיך דורכריידן מיט דעם פּראָפעסאָר אין מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל און הערן זיין מיינונג וועגן אייער קראַנקייט״.

*

אויף מאָרגן, שבת, האָט מיר דער דאָקטער טעלעפאָנירט, אַז איך האָב אַן „אַפּאָינטמענט״ מיט איינעם פון די הויפּט פּראָפעסאָרן פון דער נעווראָלאָגישער אָפּטיילונג אין דעם מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל, ד״ר סטענדיל ה. ענקער. ד״ר ענקער איז איינער פון די הויפּט כירורגן פון דער אָפּ־טיילונג.

דער „אַפּאָינטמענט״ איז געווען אויף מאָנטיק, 3,30 נאָך מיטאָג, אין דעם פּריוואַטן אָפיס פון דעם כירורג, און, פאַרשטייט זיך, איך בין פּינקטלעך געקומען. לאַנג האָב איך ניט געדאַרפט וואַרטן. עס איז אַריינ־געקומען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוויי־דריי און דרייסיק, אַ טונקעל־רויט־האָריקער, אַ שלאַנקער מיט זייער אַ סימפּאַטישן געזיכט. די גוטס־קייט אַליין איז געלעגן אויף זיין פּנים. ער האָט מיך באַגריסט און מיך איינגעלאַדן צו זיך אין פּריוואַטן קאַבינעט.

די זעלבע פראַגעס, וואָס אַנדערע דאָקטוירים האָבן מיר געפרעגט, די זעלבע הייבן מיט די הענט און פרווון גיין, די זעלבע מאַנעווערעס. און דאָך האָט ער געהאַט עפּעס נייס — ער האָט, צום ביישפּיל, געהייסן מיר נאָכפאָלגן זיין פינגער מיט די אויגן, און ער האָט געזעצט מיט אַ העמערל מיר אין די פיס. זיין ענדגילטיקע באַמערקונג איז געווען, אַז ער רעקאָמענדירט אַן אָפּעראַציע. ער האָט אויף מיר ערנסט אַ קוק געטאָן און געפרעגט:

„איר האָט מורא פאַר אַן אָפּעראַציע?״.

„סטראַשנע מורא, דאָקטער״, האָב איך געענטפערט.

ער האָט מיר ניט גענומען איינריידן, נאָר אָנגעגעבן פאַקטן וועגן דער אָפּעראַציע. איין פאַקט איז מיר גוט פאַרבליבן אין זכרון. און דאָס איז, אַז בלויז איינע פון הונדערט „געלינגט ניט״. דאָס איז אַ גוטער פּראָצענט, האָט דער דאָקטער אונטערגעשטראָכן.

איך האָב דאַן דעם דאָקטער געזאָגט, אַז איך וועל זיך איבערלייגן און איך וועל אים לאָזן וויסן.

„איך ווייס וואָס אייער ענטפער וועט זיין, אויב איר וועט מיר, בכלל, טעלעפאָנירן, און דאָס איז, אַז איר וועט זיך ניט לאָזן אָפּערירן. אייער קראַנקייט איז ניט ווייט גענוג פאַרגאַנגען אַז איר זאָלט פרייוויליק צושטימען צו אַן אָפּעראַציע. און, דאָך, איז בעסער צו אָפּערירן וואָס פריִער, ווייל די שאַנסן זיינען דאַן בעסערע. איך וואָלט אייך ערנסט געראָטן דורכצומאַכן די אָפּעראַציע״.

„גוט, איך וועל אייך לאָזן וויסן, דאָקטער, ווען איך וועל קומען צו דער אָפּעראַציע״, האָב איך אים פאַרזיכערט. מיין געדאַנק איז געווען וואָס שנעלער פּטור צו ווערן פון אים, כדי איך זאָל ניט דאַרפן באַשטי־מען די צייט ווען איך וועל זיך לאָזען אָפּערירן.

דער דאָקטער האָט מיך באַגלייט צו דער טיר און האָט מיר גע־פרעגט צי איך האָב צייט אָנצוקוקן דעם מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל. איך בעם אָן די איינלאַדונג, אַבי ניט צו טראַכטן און צו ריידן וועגן דער אָפּע־ראַציע.

מיר קומען אַריין אין דעם הויפּטזאַל פון דעם שפּיטאָל — אַזאַ רחבות, און אין גאַנצן געפּאַקט מיט מענטשן, מיט פּאַציענטן און מיט קרובים. איידער מיר גייען ווייטער קלינגט איינער פון די פילע טעלע־פאָנען, און מען רופט דעם דאָקטער צום טעלעפאָן. עס נעמט ניט קיין מינוט צייט און דאָקטער ענקער בעט אים צוואַרטן אויפן טעלעפאָן, און רופט זיך אָפּ צו מיר: „עס איז פונקט איצט פאַראַן איין בעט פריי אין אַ סעמי־פּריוואַטן צימער. איך וואָלט אייך געראָטן אים נעמען,

ווייל מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט עס שוין זיין פאַרנומען. פאָלגט מיר און לאָזט זיך אָפּערירן איצט, גלייך. ניט אַלע מאָל קאָן מען קריגן אַ פריי בעט, און נאָך אין אַ האַלב־פּריוואַטן צימער".

ער קוקט דורכדרינגלעך אויף מיר; איך קוק דורכדרינגלעך אויף מיין פרוי, און זי שטייט אין גאַנצן אַ פאַרלוירענע, און, איך וואָלט געשווירן, אַ דערשראָקענע. ווי פון זיך אַליין קומען אַרויס די ווערטער:

„גוט דאָקטער. איך בלייב אין שפּיטאָל. אָבער, וואָס זאָל איך טאָן מיט מיין רעדאַקטאָר, וועלכער דערוואַרטעט פון מיר מאָרגן אַן אַרטיקל? ווי קאָן איך בלייבן אָן אַ ציין־בערשטל, אָן פּיזשאַמעס, אָן..."

„מיר וועלן דאָס אייך אַלץ געבן. דעם אַרטיקל קאָנט איר אָנשרייבן דאָ, מען וועט עס פאַר אייך ברענגען אין רעדאַקציע".

ווי פון אונטער דער ערד וואַקסט אויס ד"ר באַנדער, און ער רופט זיך אָפּ צו מיר:

„אויב עס איז פאַראַן אַ בעט פריי, איז עס אַ נס מן השמים", און ער זאָגט מיר ניט אויס, אַז דאָס בעטל האָט ער שוין רעזערווירט פאַר מיר, אין פאַל דער כירורג וועט מיך געפינען אַלס אָפּערירבאַר.

איך פיל מיך ווי שטאַרקע כוחות האָבן זיך פאַרלייגט אויף מיר, און ווי דער אויבערשטער אַליין וויל, אַז איך זאָל מיך לאָזן אָפּערירן. מיט אַ שוואַכער שטים גיב איך צו:

„נו, גוט איך בלייב דאָ".

אַפּנים, כּדי צו באַלוינען מיך, לאַדעט מיך איין דאָקטער באַנדער צו זיך אַהיים אויף מיין „לעצטן מאָלצייט", איידער איך לייג זיך אַוועק דאָרט אַלס פּאַציענט. נאָר צוערשט לאָזט מיר דאָקטער ענקער פאַרשרייבן זיך אַלס חולה און ער גיט מיך איבער אין די זיכערע הענט פון דאָקטער באַנדער. און אַ מאָדנע זאַך:

איצט, אַז איך האָב באַשלאָסן אויף אַן אָפּעראַציע, אַז עס איז שוין צו שפּעט צוריקצוציען זיך, איז אַזוי ווי אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. איך פיל, אַז איצט האָב איך געטאָן אַלץ וואָס איך האָב געקאָנט כּדי צו אַנטרינען פון זייערע הענט, נאָר איצט איז שוין געענדיקט די

זאַך. פאַרפאַלן. איך ווער אַזוי ווי ליים אין האַנט פון טעפּער. איך פיל, אַז איך געהער ניט מער צו זיך אַליין.

מיר פאָרן אין דעם דאָקטערס אויטאָמאָביל צו אים אַהיים אויף „דינער”, און איך פיל מיך אַזוי לייכט, אַזוי רויִק. דאָס הייסט, ערגעץ ווו, טיף אין מיר, נאָיעט אין מיר אַ שטילע שרעק, אָבער איך פיר אָן אַ געשפּרעך מיטן דאָקטער, אַזוי ווי איך וואָלט געוואָלט זיך פאַרשיכּורן מיט רייד. איך דריק שטילערהייט מיין פרויס האַנט און איך וויל פון איר האַנט שעפּן מוט און כּוח פאַר דער קומענדיקער שווערער איבער־לעבעניש. מיין פרוי האַלט איר קאָפּ אָפּגעקערט פון מיר, און איך ווייס, אַז זי וויינט. דריק איך נאָך פעסטער איר האַנט, כּדי צו געבן איר מער כּוח ווי איך אַליין פאַרמאָג.

נאָכן גוטן מאָלצייט, פירט מיך דער דאָקטער צוריק אין שפּיטאָל. ער פירט מיך אַריין אין אַ צימער ווו מען זעצט מיך אַריין אין אַ שטופּ־שטול, און אַ נוירס נעמט מיך אַוועק מיט אַ פּאָר שטאָק העכער. איך פאַרזיכער איר, אַז איך קאָן גיין אַליין צופוס, אָבער זי ענטפערט מיר קורץ און אָפּגעהאַקט, אַז איצט בין איך אַ חולה און איך דאַרף זיך אונטערוואַרפן די „רולס און רעגולייישנס” פון דעם שפּיטאָל. מיין פרוי קריגט די דערלויבעניש אַרויפצוגיין מיט מיר אין מיין צימער.

„ווען וועט די אָפּעראַציע פאָרקומען?”, פרעג איך דעם דאָקטער באַנדער.

„ניט פריִער ווי מיטוואָך”.

„וואָרום אַזוי שפּעט? וואָרום לייגט מען דאָס אָפּ?” — פרעג איך אומגעדולדיק.

„מען דאַרף אייך צוערשט צוגרייטן צו דער אָפּעראַציע”, ענטפערט דער דאָקטער.

צוויי טעג... ווי וועט מען שוין פּטור פון זיי? ווי לאַנג קאָנען זיי דויערן?!

*

אַריין בין איך אין דעם מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל מאָנטיק אָוונט, און אויף מיטוואָך האָט געזאָלט פאָרקומען די אָפּעראַציע. דער שוועסטער טאָג איז פאַר מיר געווען דינסטיק. גליקליכערווייז, האָבן די דאָקטוירים מיך יעדע ווײַלע באַזוכט, געמאַכט „טעסט" און געהאַלטן אין איין אויס־פרעגן מיך, ווי צום ביישפּיל, די ציין מיינע, זיינען זיי טאַקע מיינע? צי איך קאָן זיי אַרויסנעמען פון מויל מיט די פינגער, צי איך לייד פון צוקער־קראַנקייט, און זיי האָבן מיך עקזאַמענירט פון קאָפּ ביז די פיס.

דאָס איז געווען אַ זייער מזלדיקער איינפאַל מצד די דאָקטוירים, ווייל זיי האָבן מיר ניט איבערגעלאָזט אַליין מיט מיינע געדאַנקען. די געדאַנקען מיינע זיינען געווען שווערע און פיינלעכע. איך גיי זיך לאָזן אָפּערירן אויפן קדשי קדשים פון דעם מענטשלעכן גוף — אויפן מאַרך, און איך ווייס, אַז וויפל די מעדיצינישע וויסנשאַפט האָט ניט אַנטדעקט וועגן דעם גרויסן קנויל, וואָס עס איז דער מענטשלעכער מאַרך, איז עס גאָר־גאָרניט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס דאַרף נאָך אַנטדעקט ווערן וועגן אים. מאָרגן ביי טאָג וועט דער דאָקטער אויפעפענען מיין שאַרבן און אַריינקוקן אין דעם פּריוואַטסטן טייל פון דעם מענטשלעכן „איך"...

צו מיר אין צימער איז געקומען דער כירורג, דאָקטער סטענלי ה. ענקער, און האָט מיך באַגריסט: „נו, איר האָט מורא? עס ציטערט ביי אייך דאָס האַרץ?"

דעם דאָקטערס שמייכלענדיק פּנים און זיינע דערמוטנדיקע אויגן גיבן מיר צו אַ פּוד געזונט. „ווען איך זאָל זאָגן, אַז איך האָב ניט מורא, וועל איך אייך קיין אמת ניט זאָגן. זאָגט מיר, דאָקטער, אין וואָס באַשטייט די אָפּעראַציע? אויב איך האָב שוין יאָ מורא, טאָ לאָמיך וויסן פאַר וואָס איך שרעק זיך?" — זאָג איך צו אים.

דער כירורג זעצט זיך צו נעבן מיין בעט און ער הייבט מיר אָן דערציילן:

„עס איז זייער לייכט צו דערקלערן. מיר עפענען אַ צירקל פון דעם שאַרבן. די גרייס פון אַ „ניקל", און מיר פירן־צו יענעם פּלאַץ

פון דעם מאַרך, וואָס קאָנטראָלירט אייער רעכטע זייט, די זייט וואָס ציטערט און טרייסלט זיך. דערנאָך שטעלן מיר צוריק אַריין דעם שטיקל שאַרבן, וואָס מיר האָבן אויסגעשניטן — און דאָס אַלעס. איר פילט קיין שום ווייטאָג ניט, און איר זענט אין גאַנצן באַוווסטזיניק בעת דער אָפּעראַציע. דאָס אַלץ — נו, איר זעט ווי גרינג דאָס איז? ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן".

איך באַדאַנק דעם דאָקטער און איך פּרוביר שעפּן מוט פון זיין געלאַסנקייט און רויִקייט.

*

דער מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל איז אַ גרויסער „קאָמפּלעקס" פון געביידעס. אומצאָליקע נויִרסעס, דאָקטוירים, סטודענטן און „אָרדערליס" גייען פאַרביי אייער טיר. זיי ריידן, זיי לאַכן, אַזוי ווי איך וואָלט גאָרניט געדאַרפט דורכמאַכן אַן ערנסטע אָפּעראַציע — די וועלט גייט זיך איר גאַנג, און מאַכט זיך ניט־וויסנדיק פון דער פאַרשטייענדער אָפּעראַציע, וואָס איך דאַרף דורכמאַכן.

עס קומען אַריין נויִרסעס צו מיר אין צימער, אַ מאָל צו מיר און אַ מאָל צו מיין קאָלעגע־חולה, אַ שוואַרצער, וועמענס נאָמען איז טאָמאַס און וועלכער פאַרבינדט מיט מיר געשפּרעכן. ער דערציילט מיר, אַז ער האָט געהאַט אַ בלוט־„קלאָט", און ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך געפונען אין שפּיטאָל אויף דעם בעט, אין וועלכן איך געפין אים איצט ליגן. אויב עס זאָל נאָך אַ מאָל מיט אים פּאַסירן אַזאַ בלוט־שטערעניש, איז ער זיכער ביי זיך, אַז ער וועט קיין לעבעדיקער ניט בלייבן. „איר זעט וויפל ערנסטער מיין צושטאַנד איז ווי אייערער, פון דעסטוועגן האָב איך ניט מורא", טרייסט ער מיך. „איר זעט, איך שרעק זיך ניט פאַרן טויט. ווהאָט דהי העל איז דהי דיפערענס? איין מאָל געלעבט און איין מאָל געשטאָרבן".

זיינע טרייסט־ווערטער קלעפּן זיך אָבער ניט צו מיר. „ווהאָט דהי העל איז דהי דיפערענס" — פאַר מיר מאַכט דאָס גאָר אַ גרויסע

„דיפערענס", נאָר גיי, דערקלער דאָס טאָמאַסן... איך לאָז אים אָבער ריידן, ווייל זיינע רייד צעשטרייען פאָרט מיינע געדאַנקען.

עס באַזוכט מיך אויך מיין דאָקטער, נעיטען באַנדער, מיט זיין שטענ־דיקן פריילעכן שמייכל, און זאָגט מיר:

„נו, ביז איצט זענט איר גאָר אַ גוטער פּאַציענט, טראַץ דעם, וואָס איר האָט מורא. אַ־יאָ, איר האָט מורא?"

„איך ווייס אַליין ניט, דאָקטער, צי איך האָב מורא אָדער ניט. די דאָקטערשע עקזאַמענס, די אָפטע באַזוכן פון די נוירסעס — זיי לאָזן מיך ניט טראַכטן צו פיל. אפשר האָב איך יאָ מורא, אָבער איך האָב ניט קיין צייט צו דערגיין צי איך האָב מורא אָדער ניט".

„און וואָס האָט אייך דאָקטער ענקער געזאָגט"? — פרעגט דאָקטער באַנדער מיט לאַכנדיקע אויגן.

„דאָקטער ענקער האַלט, אַז די אָפּעראַציע איז גאָרניט שבגאָרניט. עס איז אַזוי לייכט ווי אויסצוטרינקען אַ גלאָז קאַווע. אויב איך זאָל אים גלייבן, דאַרף איך אַוועקגיין טאַנצן..."

„טאַנצן אפשר ניט, אָבער זאָרגן און מורא האָבן איז ניטאָ פאַר וואָס", זוכט דאָקטער באַנדער מיך צו באַרויקן.

ס'איז אַ מאָדנע זאַך. איך האָב קיין מאָל ניט געגלייבט, אַז ווערטער קאָנען פאַרטרייבן אַ טיפע שרעק אָדער אַ טיפע זאָרג. אָבער די ווערטער פון די דאָקטוירים, צו מיין איבעררעשונג, האָבן יאָ אַ ווירקונג אויף מיין געמיט. מיין צושטאַנד שפּיגלט זיך אָפּ אויף מיין פרוי, וועלכע גייט פון מיין בעט ניט אָפּ. אויך זי האָט אויפגעלעבט, הערנדיק וואָס די דאָק־טוירים האָבן געהאַט צו זאָגן.

איך דערמאָן מיך, אַז איך האָב ניט אָנגעזאָגט אין רעדאַקציע וואָס פון מיר איז געוואָרן, און איך האָב ניט אָנגעזאָגט מיין ברודער און שוועסטער וועגן מיין האָספּיטאַליזאַציע, און אַז אויך מיינע נאָענטסטע פריינד ווייסן ניט ווו איך בין אַהינגעקומען. מיין פרוי האָט טעלעפאָנירט אין רעדאַקציע, האָט אָנגעזאָגט מיין ברודער ווו איך געפין זיך, און געלאָזט וויסן מיין נאָענטסטן פריינד.

ענדלעך, 10 אַזייגער ביי נאַכט, בלייב איך אַליין מיט מיינע געדאַנקען. מערקווירדיק, וואָס איך פיל איצט קיין שום שרעק ניט. מעגלעך, אַז מען האָט מיר געגעבן אַ שלאָף־געטראַנק. זיכער אין דעם בין איך ניט. נאָר איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן גרינג און טיף, אַזוי ווי קיין מיטוואָך וואָלט ניט געווען, און וואָלט ניט געוואַרט אויף מיר הינטער דער טיר.

איך האָב זיך אויפגעכאַפּט זעקס פאַר טאָג און האָב זיך דערמאָנט אַן יענער סצענע פון אַנדרעיעווס פּיעסע „די זיבן געהאַנגענע". אויך זיי האָבן זיך אויפגעכאַפּט אין דעם טאָג פון זייער הינריכטונג פאַר טאָג, און יעדער איינער פון זיי אין טיפער שווייגעניש, וואַרטנדיק אויף דעם מאָמענט ווען מען וועט קומען נאָך זיי...

איך דערמאָן מיך, אַז דאָ, אין דעם שפּיטאָל, איז מיין מוטער, ע"ה, מיט 34 יאָר צוריק געשטאָרבן. איך דערמאָן מיך נאָך אַזוינע „פריילעכע" געשעענישן. איך וויל ניט, איך קאָן ניט, „אַראָפּריידן זיך פון האַרצן" אַפילו פאַר דעם נאָענטסטן מענטשן וואָס איך האָב לעבן זיך, פאַר מיין פרוי. עס וועט דאָך בלויז אויך איר אָנשרעקן. צו וואָס פאַר אַ צוועק וועט דאָס דינען?

ענדלעך ווערט די באַוועגונג אין האָל לעבעדיקער — דער מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל כאַפּט זיך אויף פון זיין שווערן שלאָף, וואָס האָט געבראַכט פאַרגעסנהייט צו אַזוי פיל ליידנדע. עס קומט אַריין די נורס מיט אַ פריילעכן שמייכל און מיט אַ מונטערן „העלאָו, ס'איז שוין מיטוואָך: נו, ווי פילט איר זיך?"

„פיין, זייער גוט", ענטפער איך איר.

יאָ, ס'איז מיטוואָך — דער טאָג פון מיין אָפּעראַציע — דער גרויסער יום הדין...

*

דעם מיטוואָך וועל איך ניט פאַרגעסן כל זמן איך וועל לעבן. עס וועלן אים וואַרשיינלעך אויך ניט פאַרגעסן די נאָענטסטע און טייערסטע צו מיר.

אין דער פרי האָט מען מיר ניט געגעבן קיין פרישטיק, און איך האָב ניט געוואָלט קיין פרישטיק. עס איז מיר ניט געלעגן אין קאָפּ קיין מאכלים. אַרום 9 אַזייגער האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט מיט דער הילף פון אַן „אָרדערלי" מיך אַרויפגעלייגט אויף אַ שטופּ־בעטל און האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַן אַנדער צימער, ווו ער האָט מיר אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ. נאָך דעם האָט ער מיר איינגעוויקלט דעם קאָפּ אין אַ ווייסן טוך און האָט מיך צוריקגעבראַכט אין מיין צימער.

מיין פרוי האָט אויף מיר דאָרט שוין געוואַרט, און ווען זי האָט מיך דערזען, זיינען אירע אויגן געוואָרן צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי זיי זיינען. פון יענער מינוט אָן האָט זי אויפגעהערט צו לאַכן יענעם טאָג. די ערנסטקייט און די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער אָפּעראַציע איז פלוצלונג איר קלאָר געוואָרן. אָבער וואָס ערנסטער זי איז געוואָרן, אַלץ מער האָב איך פּרובירט זיך צו וויצלען, וועלנדיק פאַרטרייבן די מרה שחורה פון איר פּנים.

איך האָב איר אַפילו געוואָלט אָנזאָגן „וואָס און ווען", אין פאַל די אָפּעראַציע וועט ניט געלינגען; אָבער, איך האָב מיטלייד געהאַט מיט איר, און איך האָב דאָס אַלץ דורכגעלאָזט.

אַרום צוועלף אָדער האַלב נאָך צוועלף איז מען נאָך מיר געקומען. מען האָט מיך ווידער אַרויפגעלייגט אויף אַ בעטל מיט רעדלעך, און אין דער באַגלייטונג פון מיין פרוי האָט מען מיך אַוועקגעפירט צום אָפּעראַציע צימער. מען האָט מיך געפירט דורך קאָרידאָרן, אַראָפּ מיטן עלעווייטאָר, און ווידער דורך קאָרידאָרן, ביז מען האָט מיך צוגעפירט צו דעם צימער, אין וועלכן לעבן אָדער טויט האָט מיר געדאַרפט גע־שענקט ווערן. ביי דער טיר האָט אונדז געטראָפן דער כירורג אַליין, ד"ר סטענלי ענקער. מיין פרוי האָט אים מיט שרעק אָנגעוויזן אויף מיר און געזאָגט, „זעט, דאָקטער, ווי ער טרייסלט זיך. ער האָט קיין מאָל אַזוי ניט געוואָרפן זיך ווי איצט". מיין גאַנצער קערפּער איז געגאַנגען כאָדאָראָם, געוואָרפן זיך פון זייט צו זייט, אַזוי ווי ער וואָלט פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען גייט אים טאָן.

„דאָס איז גוט אַזוי״, האָט דער דאָקטער פאַרזיכערט מיין פרוי. „וואָס מער ער וועט ציטערן און טרייסלען זיך, אַלץ בעסער און קלאָרער וועט זיין דער רעזולטאַט פון דער אָפּעראַציע״.

ביז דער טיר פון דעם אָפּעראַציע צימער איז מיין פרוי דערלויבט געוועז צו גיין. זי האָט געמוזט בלייבן אויף דער זייט פון דער טיר. מיך האָט מען אַריינגעפירט אויף יענער זייט.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט פיל געזען; איך האָב ניט געוואָלט זען. איך האָב פאַרמאַכט די אויגן. נאָר געפילט האָב איך ווי אַ סך הענט זיינען זיך מתעסק מיט מיר; דאָקטער ענקערס שטימע, אָפּגעהאַקט און שאַרף, האָט זיך יעדע פּאָר מינוט דורכגעריסן דורך דער שטילקייט, באַפעלעריש און קורץ. איך האָב דאָ און דאָרט געכאַפּט אַ וואָרט; איך האָב געפילט, אַז איך בין דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט פון די אַלע מענטשן וואָס זיינען פאַרזאַמלט אַרום מיר. ניט־ווילנדיק, האָבן מיינע ליפּן געמורמלט ווערטער פון תהלים: „כי בידך אפקיד נפשי״ — אין דיין האַנט פאַרטרוי איך מיין לעבן — איך האָב געוווסט, אינסטינקטיוו געפילט, אַז אויב איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך האָבן דעם יונגן דאָקטער אַ סך צו פאַרדאַנקען; אַז אויב איך האָב עמעצן, וואָס קעמפט פאַר מיר מיטן מלאך הרע, איז עס דער יונגער כירורג, וואָס מיט דריי טעג צוריק האָב איך אַפילו זיין נאָמען ניט געוווסט.

איך געדענק ווי איך האָב צו זיך אַליין געזאָגט: „איצט איז שוין צו־שפּעט חרטה צו האָבן, איצט איז מיין אייגענער גלויבן אין דעם דאָקטער מיין איינציקע פעסטונג״. פון יענער רגע אָן האָב איך זיך מיט אַלע כוחות פּרובירט צוהערן און אויפכאַפּן יעדעס וואָרט וואָס די דאָקטוירים האָבן אַרויסגערעדט.

איין זאַך מוז איך באַשטעטיקן גלייך צום אָנהייב: די גאַנצע צייט פון דער אָפּעראַציע, וועלכע האָט געדויערט אַ פּאָר שטונדן צייט, און אפשר מער, האָב איך קיין שום ווייטאָג ניט געפילט. עס איז מערקווירדיק ווי דווקא ביי דער אָפּעראַציע, אין דעם סאַמע סענסיטיווסטן אָרט פון מיין גוף, האָב איך קיין שום שמערץ, קיין טראָפּן ווייטאָג ניט געפילט.

עס איז פשוט צום שטוינען ווי די היינטיקע מעדיצין קאָן זיך אַריינ־נאַדיען אין דעם אינטימסטן ווינקל פון אונדזער קערפּער און דער מענטש זאָל דערביי וואָך זיין און זאָל פון דעם אַפילו ניט וויסן.

*

אַ גרויסן טייל פון דעם וואָס קומט איצט, האָט מיר נאָך דער אָפּע־ראַציע איבערגעגעבן ד״ר נעיטען באַנדער, וועלכער איז אָנוועזענד געווען ביי דער אָפּעראַציע. אגב, האָט ד״ר באַנדער מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין ביי דער אָפּעראַציע „און וועט האַלטן מיין האַנט״, כדי איך זאָל מיך ניט שרעקן. ער האָט וואָרט געהאַלטן, הגם ער האָט מיין האַנט ניט געדאַרפט האַלטן.

צוערשט האָט מען געמאַכט אַלע פאָרבאַרייטונגען צו דער אָפּעראַ־ציע. מען האָט אין דער הויט פון מיין שאַרבן געמאַכט וואַסערע אַכט איינשפריצונגען פון נאָוואָקעין. מען האָט פיר איינשפריצונגען געמאַכט כדי איך זאָל ניט קענען באַוועגן מיט מיין קאָפּ. אום צו פאַ־זיכערן עס, האָט מען מיין קאָפּ אויך איינגעשרויפט אין פיר קלאַמערן, צוויי אויף יעדער זייט. איין איינשפּריצונג האָט מען געמאַכט אויפן אָרט ווו מען וועט זיך איינשניידן אין מיין שאַרבן, און דריי איינשפּריצונגען האָט מען געמאַכט אין מיינע שלייפן און אין מיטן פון מיין שטערן. די לעצטע דריי איינשפריצונגען האָט מען געמאַכט כדי צו קאָנען צונייען צו מיין הויט אַ מין צודעק, אַ שטיק ליילעך, מיט וועלכן זיי האָבן פאַרדעקט מיין שאַרבן, כדי צו האַלטן עס סטעריליזירט אין צייט פון דע־ אָפּע־ראַציע. אָט דאָס שטיק ליילעך איז געווען צוגענייט צו מיין הויט.

אַ היפּשע צייט האָט מען פאַרנומען דאָס מאַרקירן אויף מיין שאַרבן מיט אַ רויטן קרייז כלערליי ציפערן, קעסטלעך און צירקלען — כדי אויסצורעכענען און אויסמעסטן דעם פּינקטלעכן פּלאַץ ווו צו איינזעגן זיך אין מיין שאַרבן. מיין שאַרבן האָט אויסגעזען ווי אַ מאַפּע מיט אויס־טערלישע צייכענונגען.

נאָך אַ היפּשע צייט האָבן פאַרנומען די עקסרעי מאַשינען, וועלכע

האָבן פוןביידע זייטן פאָטאָגראַפירט מיין שאַרבן, כדי צו באַשטימען דעם פינקטלעכן פלאַץ ווו דעם דאָקטערס מעסערס זאָלן זיך איינשניידן אין אים. זיי האָבן אַ סך בילדער גענומען מיט די עקסרעי־מאַשינען, צענדליקער בילדער, און דאָס האָט פאַרנומען די מערסטע צייט פון דער אָפּעראַציע. גלייכצייטיק, האָט עס פאַרזיכערט די פינקטלעכקייט.

דאָס ערשטע וואָס זיי האָבן געטאָן איז געווען צו נעמען אַ ביסל זאַפט פון מיין רוקן. מעדיציניש הייסט עס „אַ ספּאַינעל טעפּ״. אויפן פלאַץ פון דעם זאַפט לאָזן זיי אַריין אַ ביסל לופט אין דעם רוקן און די לופט העלפט זיי באַשטימען דעם פלאַץ אין דעם מאַרך, וועלכער איז באַשעדיקט פון דער קראַנקייט.

מיט איין וואָרט, די מערסטע צייט ווערט אַוועקגענומען מיט די פאָרבאַרייטונגען פאַר דער אָפּעראַציע. אָבער די פאָרבאַרייטונגען העלפן דעם דערפאָלג, און אָן זיי ווענדט זיך צי די אָפּעראַציע זאָל זיין אַ געלונגענע, אָדער, חלילה ניט.

*

עס ווערט מיר פּלוצים שווער צו אָטעמען, און אַ שרעק נעמט מיך דורך. ד״ר באַנדער וועלכער שטייט ניט ווייט פון דעם אָפּעראַציע טיש באַמערקט מיין אומרויִקייט און גייט צו נענטער. ער זעט אַז דאָס „פאַר־טעכל״ האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן מיין נאָז און שטערט מיין אָטעמען. ער האָט צורעכטגעמאַכט דאָס טיכל, און איך האָב מיר ווידער דערפילט באַקוועם.

עס איז אַ קלייניקייט, אָבער זי זאָגט עדות ווי אָנגעשראָקן איך בין געווען, טראָץ אַלע פּסוקים פון תהלים...

עס קומט אַריין דער הויפּטכירורג, ד״ר ענקער, אָנגעטאָן אין אַ גרינעם קיטל אַזוי ווי דער כהן גדול, וואָס קומט אַריין צו זיין דינסט. ער מאַכט אויפן שאַרבן פון פּאַציענט אַ צייכענונג פון לאָך וואָס ער וועט דורכבויערן אין דעם שאַרבן, און איינע פון זיינע געהילפן גיט אָן איינ־שפּריצונג אינעם סאַמע צענטער פון דעם צירקל.

איך ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ פאַרטייעטער און מיין, אַז עס האַלט שוין ביים סוף פון דער אָפעראַציע. ווער איך טאַקע דערשטוינט, ווען פלוצים דערפיל איך ווי מען זעגט מיין שאַרבן. הייסט עס, אַז די אָפעראַציע הייבט זיך ערשט אָן, קיין ווייטאָג פיל איך ניט.

דאָס זעגן דויערט אין גאַנצן אַ מינוט אָדער צוויי. נאָך דעם ווי ער הייבט אַרויס דאָס רונדע שטיקל שאַרבן, די גרייס ווי אַ „ניקל", הייבט ער אָן אָפשאַרן אָן אַ זייט דאָס הייטל, אין וועלכן דער מאַרך איז איינגע־וויקלט. דאַן שטעלט ער אָן די נאָדל אויפן פלאַץ דורך וועלכן ער וועט דאַרפן אַריינרוקן עס אין די טיפענישן פון מאַרך. צוהילף דעם דאָקטער קומט די מאַשין, דער „גאַיד", וועלכע האַלט די נאָדל פעסט. עס ווערן ווידער געמאַכט עקסרעיס כדי צו זיין זיכער, אַז דער „גאַיד" וואָס האַלט די נאָדל איז פינקטלעך אויפן ציל.

ווען אַלץ איז ריכטיק אויסגערעכנט און דער ציל איז אויסגעמאָסטן, רוקט דער דאָקטער אַריין די נאָדל בערך דריי און אַ האַלב אינטשעס אין מאַרך, און בלייבט שטיין. די נאָדל וועלכע איז ביז איצט געווען מינוס צען גראַד, ווערט געפרוירענער און דער דאָקטער רוקט די טעמ־פעראַטור לאַנגזאַם אַרונטער ביז צו מינוס 40 סענטיגראַד. אין מיין פאַל איז די טעמפעראַטור אַרונטערגעלאָזט געוואָרן ביז מינוס 80 סענטי־גראַד. דאָס מיינט, אַז דער באַשעדיקטער פלאַץ אין דעם מאַרך, ווערט פאַרפרוירן. דערווייל ווייסט נאָך ניט די מעדיצין פאַר וואָס דווקא יענער פלאַץ ווערט באַשעדיקט און פאַר וואָס ער ווערט צוריק „אַ מענטש" ווען ער ווערט פאַרפרוירן.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו מיין פאַל:

מיין שפּאַנונג איז אַזוי גרויס, און דאָס ציטערן פון מיין גאַנצן קערפּער איז אַזוי שטאַרק, אַז מיר דוכט זיך אויס, אַז איך וועל דאָס לענגער ניט קאָנען אויסהאַלטן. מיט אַ מאָל רוף איך אויס אויפן קול: „וואָרום נעמט עס אייך אַזוי לאַנג?! ווי לאַנג מיינט איר וועל איך דאָס קאָנען אויסהאַלטן?!"

ווען די נאָדל טעמפעראַטור איז געזונקען ביז מינוס 40 סענטי־

גראַד, האָט דאָקטער ענקער זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב געפּילט ווי מיין אָרעם וועלכע איז געווען אויפגעהויבן אין דער לופטן, האָט אויפגעהערט צו ציטערן. דער דאָקטער האָט מיט אַן אָנגעשטרענגטער שטים צו מיר אַ זאָג געטאָן: „שפּילט די פּיאַנאָ. קומט, שפּילט די פּיאַנאָ!״

צוערשט האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט — וואָס פאַראַ פּיאַנאָ? אַז איך האָב קיין מאָל אויף מיין לעבן קיין פּיאַנאָ ניט געשפּילט. איך האָב זיך גלייך געכאַפּט וואָס ער מיינט און איך האָב גענומען מיט מיין קראַנקער האַנט שפּילן אויף דער פּיאַנאָ. און איך האָב געשפּילט. קיין מאָל, גלייב איך, האָט מוזיק פון אַן אויסגעטראַכטער פּיאַנאָ, אַזוי זיס ניט געקלונגען אין מיינע אויערן. איך האָב מיט די פינגער פון דער רעכטער האַנט באַוועגט, אַזוי ווי איך וואָלט געשפּילט פּיאַנאָ. „פעסטער, שנעלער! פעסטער, שנעלער!״, האָט דאָקטער ענקער באַפוילן, און איך האָב באַוועגט מיט די פינגער שנעלער, שנעלער.

איך האָב זיך ניט איינגעהאַלטן, און איך האָב מיט אַ יובלדיקער שטים אויסגערופן: „איך וועל איצט קאָנען שרייבן! איצט, דאָקטער, וועל איך קאָנען שרייבן מיט מיין אייגענער האַנט״.

דער דאָקטער האָט אַרונטערגעלאָזט די טעמפּעראַטור פון נאָדל ביז מינוס 80. דאָס הייסט אַז די נאָדל איז געוואָרן זייער קאַלט; ער האָט עס אָבער געטאָן לאַנגזאַם, ביסלעכווייז. דאַן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און ביסלעכווייז האָט ער גענומען הויבן די טעמפּעראַטור פון דער נאָדל. בשעת מעשה האָט ער געהאַלטן אין איין עקזאַמינירן מיך און גענומען ווייטער עקסרעיס. ווען ער איז זיכער געווען אַז די נאָדל איז פון דער זעלבער טעמפּעראַטור ווי מיין קערפּער, האָט ער זי אַרויסגעצויגן אין גאַנצן.

שפּעטער האָט מיר דער דאָקטער דערקלערט, אַז ער מוז הייבן די טעמפּעראַטור פון דער נאָדל איידער ער נעמט זי אַרויס כדי צו זיין זיכער, אַז קיינע פון די געזונטע צעלן פון דעם מאַרך וועלן ניט באַשע־דיקט ווערן אויפן וועג אַרויפצו.

דער הויפּט־טייל פון דער אָפּעראַציע איז איצט געווען פאַרענדיקט.

דער דאָקטער האָט צוריק אַריינגעשטעלט דעם שטיקל שאַרבן וואָס ער האָט פריִער אַרויסגענומען, עס אַרויפגעלייגט אויפן וווּנד, און האָט עס איינגענייט מיט פינף נעט. נאָך דעם, האָט ער באַנדאַזשירט מיין קאָפּ.

די גאַנצע אָפּעראַציע איז געווען פאַרענדיקט. אָבער עס רעדט זיך בלויז אַזוי. איידער מען שיקט מיר אַרויף אויבן, דאַרף מען מיך באַפרייען פון די אַלע „רושטאָוואַניעס״ מיט וועלכע מען האָט אַרומגערינגלט מיין קאָפּ. צוערשט דאַרף מען צונעמען די עקסרעי מאַשינען, דאַן האָט מען אַראָפּגעצויגן פון שטערן דעם צוגענייטן „פּאַרטעך״, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַרויסנעמען די נעט פון מיין שטערן. דאַן האָט מען מיין קאָפּ באַפרייט פון די קלאַמערן, אין וועלכע ער איז געווען איינגעצאַמט. עס רעדט זיך לייכט, אָבער ס׳האָט גענומען צייט.

מען האָט מיך טראַנספּערירט אויף אַ בעטל און מען האָט מיך אַריבערגעפירט אין דעם דערהאָלונגס־צימער, וואָס געפינט זיך נעבן דעם אָפּעראַציע צימער. געוויינלעך פאַרבלייבט דער פּאַציענט אין דעם דערהאָלונגס־צימער איבער נאַכט. אָבער מיין אָפּעראַציע איז געווען אַזוי גוט דורכגעפירט, און מיין אָפּרוף איז געווען אַזאַ נאָרמאַלער, אַז מער ווי צוויי און אַ האַלבע שעה, האָט מען מיך אין דעם דערהאָלונגס־צימער ניט געדאַרפט האַלטן.

ווען מען האָט מיר געבראַכט אין מיין צימער, האָט מיין פרוי מיט מיינער אַ שוועגערין שוין אויף מיר געוואַרט. ד״ר באַנדער איז געווען צוזאַמען מיט זיי. זיי האָבן שוין די גוטע נייעס, אַז די אָפּעראַציע איז געלונגען, באַקומען פון ד״ר באַנדער.

עס איז גוט צו קומען צוריק אין צימער און באַגעגענען דאָרט צוויי פון די טייערסטע פרויען מיט שטראַלנדע פנימער, כאָטש די אויגן זיינען נאָך רויט פון וויינען...

ווען איך האָב זיי דערזען, האָב איך זיי באַגריסט מיט די ווערטער: „אַ נס! אַ נס מן השמים! קיין שום ווייטאָג האָב איך ניט געפילט די גאַנצע צייט פון דער אָפּעראַציע!״.

אַזוי ווי פון אַ פאַנטאַן האָבן די רייד געשלאָגן פון מיר — איך האָב

גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. מיין פרוי האָט בלויז געשמייכלט: זי האָט מורא געהאַט צו ריידן — זי זאָל זיך ניט פאַנאַנדערוויינען. איך גלייב אָבער, אַז דאָקטער באַנדער האָט מיר יאָ פאַרשטאַנען. מיין קראַנקייט איז טאַקע געווען אָפּגעשטעלט, אָבער די אָנשטרענגונג האָט געמוזט געפינען אַן אָפּקלאַנג אין עפּעס — ניט איך האָב גערעדט, נאָר מיין פרייד און מיין נערוועזקייט.

די אָפּעראַציע איז געווען פאַריבער, אָבער סע האָט נאָך געדאַרפט נעמען אַ סך צייט ביז איך זאָל אין גאַנצן קומען צו זיך.

*

ווען מען מאַכט דורך אַן אָפּעראַציע אויף פאַרקינסאָן־קראַנקייט — ווען מען מאַכט דורך וועלכע עס איז אָפּעראַציע — איז עס בלויז אַ העלפט פון דעם דורכגעגאַנגענעם וועג. די צווייטע העלפט, און אפשר די שווערערע, איז דאָס קומען צו זיך, דאָס שטעלן זיך אויף די פיס — צו ווערן צוריק אַ געזונטער מענטש. דאָס איז שוין אַ פּיל שווערערע ענין, איבערהויפּט, אין פאַרקינסאָן־קראַנקייט.

נעמט, צום ביישפּיל, דאָס שלאָפן ביי נאַכט. אמת, איר פילט ניט קיין ווייטאָגן, אָבער, אייער שלאָפן איז ניט קיין רויקער. איך ווייס ניט ווי אין אַנדערע פאַלן, נאָר אין מיין פאַל, איז די נאַכט געווען צעטיילט אין דריי פּעריאָדן. אין דעם ערשטן טייל פון דער נאַכט, האָב איך געליטן פון אַ קאָשמאַר וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ שווערן חלום. איך געדענק ניט אַלע חלומות וואָס איך האָב געהאַט, נאָר צוויי חלומות האָבן זיך איינגעעשניטן אין מיין זכרון אַזוי שאַרף, אַז איך קאָן זיי נאָך היינט ניט פאַרגעסן.

אין מיין חלום האָב איך זיך געזען ווי איינער פון די ייִדן אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער... איך האָב דורכגעמאַכט מיט זיי אַלע שבעה מדורי גיהנום...

דער צווייטער טייל פון דער נאַכט איז פאַרנומען געוואָרן מיט מיין פּרובירן קלעטערן איבער דעם ווענטל פון מיין בעטל. איידער די נוירס

האָט מיך געלייגט שלאָפֿן מיט אַ פּיל, וואָס איך האָב געדאַרפֿט אַראָפּ־שלינגען, האָט זי מיך פֿאַרבאַריקאַדירט אין מיין בעט מיט אַ ווענטל פֿון גראַטעס אויף אַלע פֿיר זייטן. האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט און האָב פּרובירט קלעטערן איבער די גראַטעס. וואָס איך וואָלט געטאָן ווען מיר געלינגט אַריבערצוקריכן איבער מיין בעטל, ווייס איך ניט. אָבער, איך געדענק, ווי עס איז מיר „געגאַנגען אין לעבן” אַריבערצוקריכן אַריבער די גראַטעס, וועלכע האָבן מיט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר מיר געפֿענגעניש־גראַטעס.

דער דריטער טייל פֿון דער נאַכט, נאָך דעם ווי איך בין אַ מידער און אַן אויסגעמאַטערטער אַנטשלאָפֿן געוואָרן נאָך מיין קלעטערן, איז באַשטאַנען ווידער פֿון אַ חלום: אַלע מיינע קרובים און פֿריינד, וועלכע זיינען שוין אויף יענער וועלט, זיינען מיר געקומען מבקר־חולה זיין...

איך האָב זיך געבעטן ביים דאָקטער באַנדער, אַז ער זאָל אָנזאָגן דער נוירס ניט צו פֿאַרבאַריקאַדירן מיך אויף דער נאַכט.

„עס איז אָבער דאָ די געפֿאַר, אַז איר זאָלט אַרויספֿאַלן פֿון בעט, אָדער, אַז איר זאָלט פֿאַרגעסן אַז איר קאָנט ניט גיין און זאָלט נעמען שטעלן פֿיס...” האָט דער דאָקטער געזאָגט.

„ניין, איך וועל ניט אַרויספֿאַלן פֿון בעט. איך האָב מער מורא פֿאַר גראַטעס ווי פֿאַר פֿאַלן”.

נאָך דעם ווי איך האָב זיך ביי אים אַ פּאָר טעג געבעטן, האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט דער נוירס, אַז זי זאָל ניט אויפֿהייבן איין ווענטל פֿון מיין בעט. מיטן ווענטל זיינען אויך אַוועק מיינע קאָשמאַרן. מיינע חלומות זיינען ניט געוואָרן אַ סך מער אָנגענעמע, אָבער זיי זיינען גע־וואָרן ניט אַזוי אָפֿטע און פֿיל גרינגער צו פֿאַרליידן.

אַ צווייטער סימפּטאָם פֿון מיין נאָך־אָפּעראַציע איז געווען אַ פֿיל ערנסטערער. ער האָט מיר פֿיל מער געשראָקן ווי די קאָשמאַרן. דאָס איז געווען וואָס מיין זכרון האָט מיר אויפֿגעהערט צו דינען. איך האָב פֿאַרגעסן ווערטער, נעמען פֿון מענטשן. איך האָב גערעדט און אין מיטן פֿון אַ זאַץ האָב איך פֿאַרגעסן וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. איך האָב פֿאַרגעסן אַזעלכע איינפֿאַכע ווערטער ווי „גראַטעס”, „נאָרמאַל” און

ווייטער אַזוינע איינצלנע ווערטער. די איינציקע וועלכע האָט מיר געקאָנט פאַרשטיין איז געווען מיין פרוי. זי האָט אַזוי ווי געפילט, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן, און האָט מיר אַרויסגעהאָלפן מיט ווערטער. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ וואָך צייט, און דאַן איז מיין זכרון צוריק געקומען, „צו זיך געקומען".

נאָך אַ רעזולטאַט פון דער אָפּעראַציע איז געווען וואָס מענטשן האָבן מיך ניט געקאָנט פאַרשטיין. מיין לשון איז געוואָרן „געדיכט", אַז איך האָב פיל ווערטער, בכלל, ניט געקאָנט אַרויסריידן. און מיין פרוי, האָט מיר געמוזט אַרויסהעלפן, מיט איבערזעצן מיינע „רייד" פאַר אַנדערע. אָט די חסרונות האָבן אָנגעהאַלטן אַן ערך אַ וואָך צייט נאָך דער אָפּעראַציע. און דער דאָקטער האָט מיר געוואָרנט פאָרויס, אַז די סימפּטאָמען פון נאָך דער אָפּעראַציע וועלן קומען. ער האָט אָנגעזאָגט מיין פרוי, אַז אַן ערך ביז עטלעכע טעג נאָך דער אָפּעראַציע, וועל איך זיין אַ חולה מסוכן — עס וועט מיר שווינדלען פאַר די אויגן, עס וועט מיר איבלען, מיין לשון וועט זיין געדיכט, און אַז איך וועל ליידן פון קאָפּ־ווייטאָגן. פון די אַלע וואָרענונגען איז בלויז איינער מקוים געוואָרן, און דאָס איז וואָס מיין לשון איז געוואָרן שווער.

גוט איז געווען וואָס די ערשטע צוויי־דריי טעג איז קיינער פון מיינע פריינד ניט געקומען מיר מבקר חולה זיין, אַזוי אַז איך האָב ניט געליטן פון איבעריקער נערוועזיטעט, וואָס אַ באַגעגעניש מיט מיינע פריינד וואָלט פאַראורזאַכט. מיט יעדן טאָג וואָס עס איז אַוועק בין איך געוואָרן אַלץ מער ראוי צו זען זיך מיט חברים און פריינד.

אויפן פינפטן טאָג איז דאָקטער ענקער אַליין געקומען צו מיר אין צימער און אַרויסגענומען די נעט פון מיין וווּנד, און געביטן מיין באַנדאַזש. איך האָב, בכלל, געהאַט גרויס מזל צו מיין כירורג. ער איז יעדן טאָג צו מיר געקומען אַליין און האָט מיט מיר געפירט געשפּרעכן. ערשט נאָך דעם ווי איך בין אַרויס פון שפּיטאָל, האָט ער מיר אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער האָט בכוונה מיט מיר געפירט געשפּרעכן, כדי צו געבן איבונגען מיינע געדאַנקען און מיין צונג.

דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן ד״ר נעיטען באַנדער, וועלכער האָט מיר באַזוכט צוויי, דריי מאָל אַ טאָג. ער איז געגאַנגען נאָך ווייטער, ער האָט מיר געבראַכט אַ מתנה, אַ מויל־האַרמאָניקע, אויף וועלכע־איך זאָל פּראַקטיצירן יעדן טאָג. די האַרמאָניקע האָט געזאָלט העלפן מיר קאָנטראָלירן מיין אָטעם.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב זיך געפּילט זייער נאַריש בלאָזנדיק אויף דער האַרמאָניקע — איך האָב מיר געפילט ווי אַ ייִנגל, וואָס וויל ווערן אַ מוזיקאַנט. די הויפּט מעלה פון דער האַרמאָניקע איז געווען, וואָס אַזוי שנעל ווי איך האָב גענומען בלאָזן אויף איר, זיינען אַלע געסט און אַנדערע באַזוכער אַרויס פון צימער. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרטראָגן מיין „מוזיק״.

אַלע נויירסעס און אַלע „אָרדערליס״ האָבן מיך שוין געקענט, און זיי האָבן געוווּסט אויף וואָס איך בין אָפּערירט געוואָרן. דאָס איז געווען אַדאַנק די פילע באַזוכער, וואָס איך האָב געהאַט, און די בלומען און די קאַרטלעך מיט ווינטשעוואַניעס, וואָס איך האָב באַקומען. די מיידל ביים „סוויטשבאַרד״ האָט זיך באַקלאָגט, אַז די טעלעפאָנען וואָס איך באַקום, שטערן די אַנדערע טעלעפאָנען־פאַרבינדונגען.

פאַר מיר, אָבער, זיינען זיי געווען אַזוי ווי אַ באַלזאַם פאַר מיין געמיט. איך האָב זיך אַליין צוגעזאָגט, אַז אין דער צוקונפט, ווען איך וועל זיך דערוויסן, אַז מיינער אַ פריינד אָדער באַקאַנטער האָט זיך געלייגט אין שפּיטאָל, וועל איך אים ניט פאַרפעלן צו שיקן אויב ניט בלומען, איז כאָטש אַ קאַרטל.

*

דאָן עטלעכע טעג נאָך דער אָפּעראַציע, איז געקומען נאָך מיר אַן „אָרדערלי״ מיט אַ שטופּ־שטול. ער האָט מיר, מיט מיין פאַרבאַנדאַ־זשירטן קאָפּ, אַרויפגעזעצט אויף דעם שטול, און האָט מיך גענומען פירן.

„וווהין גייען מיר? וווהין שטופּסטו מיר?״ האָב איך אים געפרעגט.

„צום ריהעב", האָט ער מיר געענטפערט.

„וואָס אַזוינס איז ריהעב?" האָב איך געוואָלט וויסן. „ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט? עס מיינט רעהאַביליטאַציע", האָט ער געענטפערט, און גענומען פייפן.

מען האָט מיך אַריינגעזעצט אין אַ שטופּשטול און אַוועקגעפירט. ווי מיר האָט זיך געדוכט: עק וועלט, אין דעם צימער וואָס הייסט „דיוויזיע פון רעהאַביליטאַציע" — דער צימער ווו מען לערנט מענטשן גיין, שטיין — נוצן זייערע הענט און פיס און אַלע אַנדערע אברים, וואָס זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן פון דער אָפּעראַציע, אָדער נאָך פריִער.

ס'איז אַ גרויסער צימער, וואָס פאַרנעמט כמעט דעם גאַנצן אונ־טערשטן גאָרן פון דעם שפּיטאָל. ווען מען פירט אייך אַהין אַריין, זעט איר ווי מענטשן — מענער און פרויען און קינדער — זיצן אויף שטולן אין זייערע נאַכטקליידער און וואַרטן אויף זייער „נעקסט". יעדער איינער פון זיי איז מיט עפּעס צעקריפּלט. ביי דעם זיינען קאַליע געוואָרן די פיס; ביי יענעם זיינען צוקאַליעטשעט די אָרעמס; ביי אַן אַנדערן איז דער גוף אויסגעדרייט אַזוי פאַנטאַסטיש, אַז איר קאָנט גאָר נישט פאַר־שטיין ווי אַזוי דער מענטש לעבט און אָטעמט. און זיי אַלע וועלן דאָ געפינען זייער תיקון; די אַלע וועלן ענדלעך אַרויס פון דאַנען באַגייטע.

דער הויפּט איבער דער אָפּטיילונג אין שפּיטאָל איז ד"ר נעיטען באַנדער. ער קומט אַריין עטלעכע מאָל אַ טאָג און גיט אַכטונג ווי אַזוי די אַרבעט ווערט געטאָן: צי די איבונגען ווערן ריכטיק געמאַכט, צי די מאַשינען און אַפּאַראַטן, מיט וועלכע דער צימער איז פול, ווערן ריכטיק גענוצט.

און אַפּאַראַטן זענען דאָ זייער אַ סך. אין מיין פאַל, צום ביישפּיל, האָב איך געדאַרפט צורעכט מאַכן מיינע פיס, זיי זאָלן גיין ווי אַמאָל, איידער איך בין קראַנק געוואָרן. מען האָט געדאַרפט צוריק „אויפבויען" די מוסקלען פון מיינע פיס. דאָס ווערט געטאָן מיט דער הילף פון אַ מאַכערייקע, וואָס הייסט „וואָקערעט". עס באַשטייט פון דריי „ווענטלעך" וואָס לייגן זיך צונויף און וואָס עפענען זיך אויף, נאָר אַנשטאָט „ווענט־

לעך" האָט עס האָריזאָנטאַלע מעטאַלענע פּאַסן. די „וואָקערעט" דער־גרייכט אייך ביז צו דער טאַליע און איז אייער שומר ביים גיין. איר שפּאַרט זיך אָן אין דעם און מאַכט אַ טראָט און גלייך נאָכן ערשטן טראָט רוקט איר עס אָפּ אויף נאָך אַ ט־אָט, און אַזוי שפּאַצירט איר.

דאָס צימער האָט עטלעכע „אָרדערליס", וועלכע גיבן אויף אייך אַכטונג ביים גיין. איר דערוויסט זיך אָבער באַלד, אַז זיי האָבן טיטולן, זיי זיינען ניט פּשוטע „אָרדערליס", ניט פּסיכיאַטערן, נאָר „פיזיאָטעראַפּיסטן".

דער „פיזיאָטעראַפּיסט", וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מיר, האָט מיר באַלד געגומען לערנען, איינדיבלעווען מיר אין קאָפּ, אַז ניט איין שריט זאָל איך מאַכן איידער איך הייב אויף דעם „וואָקערעט", נאָר צוויי. מיט אַ טאָג שפּעטער, האָט מען מיר געלאָזט גיין צווישן צוויי האָריזאָנטאַלע פּאַרענטשעס, אָנהאַלטנדיק זיך אָן זיי. אַ ביסל שפּעטער, דאָס הייסט מיט צוויי, דריי טעג שפּעטער, האָט מען מיר געלאָזט גיין אַליין שוין, אָבער אַ „פיזיאָטעראַפּיסט" האָט געהאַלטן זיין האַנט פון הינטן, גרייט מיך אָנצוכאַפּן אין פאַל איך וועל דאָס ניט קאָנען אויסהאַלטן.

דער לייענער וועט אפשר ניט פאַרשטיין ווי שווער עס איז פאַר אַ דערוואַקסענעם אָנצוהייבן לערנען זיך גיין, פיל שווערער ווי פאַר אַ קינד. אַ קינד ווען ער פאַלט, הייבט ער זיך ווידער אויף, און פּרובירט ווייטער צו גיין. אַ דערוואַקסענער, איבערהויפּט אַ פּאַציענט, וועלכער האָט מיט עטלעכע טעג פריִער דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע, ווען ער פאַלט, וועט ער נאָך דעם זיך צוריק ניט אויפהייבן. אָדער ער וועט צעברעכן אַ ריפּ אָדער אַ היפּט. די מעלה פון די איבונגען, איז וואָס מיט יעדן טאָג דערפילט איר זיך שטאַרקער און זיכערער ביי זיך.

פון די „קאָלעגן" מיינע, וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אויף שטופּ־שטולן אין דעם צימער פון „ריהעב", זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון אַ צוויי־דריי, וועלכע איך קאָן ניט פאַרגעסן. איינער פון זיי איז געווען אַ בילד־שיינער יונגערמאַן פון אַ יאָר פערציק, וועלכער האָט געהאַט צו טאָן מיט די הענט. ער איז יעדן טאָג געזעסן און האָט געדולדיק געוואַרט אויף זיין ריי. אין זיינע אויגן איז געווען אַזוי פיל טרויער און

פאַרצווייפלונג, אַז עס האָט מיר פאַרדראָסן וואָס איך קאָן אים ניט טרייסטן מיט עפּעס.

אַ צווייטער „קאָלעגע", איז געווען אַ יונג מיידל, ניט מער ווי 25, וועלכע איז געווען אַזוי צעדרייט און צעקאָליעטשעט, אַז ווי נאָר דער „פיזיאָטעראַפּיסט" האָט זיך דערנענטערט צו איר, נאָך איידער ער האָט זי אָנגערירט, האָט זי גענומען מאַכן געוואַלדן. זי האָט געשריגן און געוויינט: „אָה מאַמע! דאָנט טאָוטש מי! לאָזט מיר צורו!" איך בין אָבער צופרידן צו באַריכטן, אַז מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, כאָטש זי האָט נאָך אַלץ געוויינט, אָבער זי האָט שוין דער „מאַמען" געלאָזט צורו, און איר וויינען איז געוואָרן אַלץ שטילער און שטילער.

יעדעס מאָל וואָס מען האָט דאָס מיידל געבראַכט אין „ריהעב", איז דאָקטער באַנדער דאָרט געווען, און מערקווירדיק, ווי אַזוי ער האָט גע־ווירקט אויף איר מיט זיין שמייכל און מיט זיינע רויִקע רייד צו איר. די פּאַציענטן האָבן, למשל, אַרויסגעוויזן גרויס צוטרוי צום דאָקטער. איבערהויפּט צו זיין שמייכל.

דער „ריהעב" האָט פאַרשידענע צימערן. פאַראַן צימערן ווו מען ווענדט אָן אויף די פּאַציענטן „הידראָ־טעראַפּיע"; מען זעצט זיי אַריין אין גרויסע קאַסטנס מיט וואַסער און מען לאָזט די וואַסער שלאָגן מיט עלעקטרישע כוואַליעס. עס איז פאַראַן דאָרט אויך מאַסאַזשיסטן, וועלכע ווענדן אָן די קונסט פון זייערע פינגער אויף די חולאים. פאַראַן אויך אַ צימער וואָס האָט אַ קליינעם „פּול". דאָס איז אויך פאַר פּאַציענטן.

אין די עטלעכע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דעם „ריהעב", האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען ווי חולאים, וואָס ווערן אַהינצו געבראַכט מיט צעקאָליעטשעטע הענט, פיס, העלדזער און אַנדערע אברים, זיינען געוואָרן בעסער פון טאָג צו טאָג. ס'איז אַ צימער, אַ גרויסער זאַל וואָס איז אַ יאָמער־טאָל פאַרן ערשטן באַזוך, אָבער וואָס ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ קור־אָרט מיט יעדן טאָג וואָס גייט אַוועק.

*

ווען איך בין געקומען אַהיים פון שפּיטאָל, בין איך אויף מאָרגן אַרונטערגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אין גאַס און איך האָב זיך אָנגעטראָפן מיט דעם יענקי, וואָס פלעגט מיר פריִער דערקוטשען מיט פראַגעס וועגן מיין „טאָכטער", מיינענדיק מיין פרוי. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט און האָט זיך אָפּגערופן: ווו זענט איר געווען די גאַנצע צייט? איך האָב אייך שוין לאַנג ניט געזען. וואָס מאַכט אייער פרוי?

הייסט עס, אַז די אָפּעראַציע האָט מיין אויסזען ניט פאַרעלטערט. צוליב דעם אַליין, האָב איך געטראַכט, האָט זיך געלוינט דורכצומאַכן די פּראָצעדורע...

צוריקגערעדט, איז דער הויכער, דאַרער יענקי דאָס מאָל ניט געווען בגילופינדיק. מיר ווייסן, אַז ניכטערהייט איז אַ מענטש ניט אַזוי אויפ־ריכטיק ווי ווען ער איז פאַרשניאָשקעט. און אפשר האָט ער דאָס געמיינט, ווייל אין דער צייט פון דער אָפּעראַציע האָב איך פאַרלוירן איבער 18 פונט אין וואָג!

*

ווען אַ מענטש מאַכט דורך אַן אָפּעראַציע, ווי קליין און נישטיק זי זאָל ניט זיין, פילט ער זיך ווי אַ ניי־געבוירענער ביים פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. ער קוקט אויף דער וועלט מיט נייע אויגן, און אַלץ איז אים אַזוי זיס און פריש. בפרט נאָך ווען ער מאַכט דורך אַן ערנסטע אָפּע־ראַציע, ווען ער „שטעלט זיין לעבן אין קאָן" מיט אַ „מעידזשאָר אָפּע־רעישאָן", מיט אַ שווערער אָפּעראַציע, דעמאָלט פילט ער ווי מען וואָלט אים געשענקט אַ ניי לעבן — אַ מתנה פון דעם כירורג, וועלכער האָט אויף אים געמאַכט די אָפּעראַציע.

ווען כ'בין אַ ביסל צו זיך געקומען נאָך מיין אָפּעראַציע אויף פּאַר־קינסאָן, האָב איך געפילט, אַז איך בין אַ סך שולדיק דעם כירורג, ד״ר סטענלי ה. ענקער, וועלכער האָט מיר „געשענקט" אַ ניי לעבן, און ד״ר נעיטען באַנדער, וועלכע האָט מיר צום כירורג געבראַכט. ביי יעדער געלעגנהייט האָב איך געזוכט, וואָס מער צו ריידן מיט אים און באַקומען

איינינקע „סודות״ פון זיין פּראַפעסיע. איך האָב פון אים „אַרויסגענאַרט״ פאָלגנדע ידיעות פון זיין פאַך:

ד״ר ענקער איז געבוירן געוואָרן מיט 33 יאָר צוריק אין ניו־יאָרק ביי עלטערן פון מיטעלן קלאַס. ער האָט באַקומען די געוויינלעכע יידישע דערציונג אין אַמעריקע: צוגרייטן זיך צו זיין בר־מיצווה, מעביר זיין די סדרה, האַלטן אַ „בר־מיצווה ספּיטש״.

זיינע עלטערן זיינען געבוירן אין רוסלאַנד, און אין הויז ביי זיי האָט מען, קענטיק, גערעדט אַ סך יידיש, ווייל ד״ר ענקער פאַרשטייט די שפּראַך, הגם ער קאָן זיך מיט איר באַנוצן.

ער האָט גראַדויִרט פון דער שיקאַגאָ מעדיצינישער שול און האָט צו־ערשט געאַרבעט אונטער ד״ר לעאָ דעיווידאָוו, נאָך דעם מיט דעם באַרימטן דאָקטער אירווינג קופּער.

די מערסטע דערפאַרונג אָבער, גיט ער צו, האָט ער באַקומען אין דעם מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל.

איך האָב פרִיער דערמאָנט זיין עלטער. דער אמת איז אָבער, אַז ער זעט אויס פיל יינגער מיט זיינע רויטע האָר, באַשפּרינקלטן פּנים, און זיין שטענדיקן שמייכל. זיינע ברוינע אויגן צינדן זיך אָן פון אינ־ווייניק ווען ער רעדט וועגן נעוראָלאָגישע קראַנקייטן, און וועגן דער אָפּעראַציע פון פּאַרקינסאָן. ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך געווידמעט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט. ער האָט זיך איינמאָל „פאַנאַנדערגעקנעפּלט״ פאַר מיר, האָט גערעדט וועגן זיין טרוים פון האָבן אַ ספּעציעלן בנין אויפגעשטעלט פאַר אַלע נעוראָלאָגישע קראַנקייטן, — פאַר פאָרשונגס־אַרבעט, פאַר אָפּעראַציעס, פאַר יעדער „קלייניקייט״, וואָס איז פאַרבונדן מיט נערוון.

ד״ר ענקער האָט געפונען אַ מעכאַניקער אין פילאַדעלפיע מיט וועמען ער אַרבעט איצט צוזאַמען אויף אַ נייער דערפינדונג. צו פאַרקלענערן אָדער אין גאַנצן אויסמיידן די שרעקלעכע ווייטאָגן, וואָס קומען צוזאַמען מיט קענסער.

ווען ער רעדט פון זיין פּראָפעסיע, צינדן זיך זיינע אויגן אָן — ער האָט זיך געווידמעט אין גאַנצן זיין באַרוף און צו די פּאַציענטן, וואָס קומען צו אים.

ער איז אַן אינטערעסאַנטער מענטש. ער רעדט מיט אייך וועגן קראַנקייטן און ער גיט אייך צו פאַרשטיין זייערע מעשים אין דעם מענטשנס קערפּער. אַ שאָד בלויז, וואָס ער איז אַזאַ פאַרנומענער מענטש, און ער פילט זיך פאַרשולדיקט, וואָס איר רייסט אים אָפּ פון זיין אַרבעט. ער פאַרברענגט יומם ולילה אין שפּיטאָל. עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו דערגיין ווי אַזוי ער פאַרברענגט זיין צייט דרויסן פון שפּיטאָל. אויב ער האָט אַזאַ צייט.

איך האָב איינמאָל אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן דעם דאָק־טער, אַז עס וואונדערט מיך, וואָס ער איז אַזוי יונג שוין געוואָרן אַ ספּע־ציאַליסט אין זיין פאַך. ער האָט אויף דעם געענטפערט, ערנסט און עניוותדיק, אַז, ערשטנס, איז 33 יאָר שוין ניט אַזוי יונג; צווייטנס, איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ ספּעציאַליסט. אַ מענטש דאַרף שטענדיק שטרעבן צו נאָך העכערס, צו פאַרפולקאָמען זיין פאַך. און, דריטנס, האָט ער געזאָגט, האָפט ער נאָך אַ מאָל צו דערגרייכן פולקומקייט — אויב עס איז פאַראַן אַזאַ מין זאַך אויף דער וועלט.

אין מיין זכרון וועט דער ד״ר ענקער שטענדיק לעבן ווי מיין מלאך הגואל. איך בין געקומען צו אים אין גאַנצן אַ צעקאַליעטשעטער פון פאַר־קינסאַן, און, הגם איך בין נאָך ניט אין גאַנצן פּטור פון מיין קראַנקייט, איז דער אונטערשייד פון מיין צושטאַנד פאַראַיאָרן ביז היי־יאָר אומ־געהויער, אַז עס וויל זיך בענטשן אים, יעדעס מאָל ווען איך דערמאָן זיך אָן אים.

אַן אַנדער טיפּ מענטש איז ד״ר נעיטען באַנדער, וועלכער איז דער אויפזעער איבער דער רעהאַביליטאַציע דיוויזיע פון פּאַציענטן פון אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען פון שפּיטאָל. אַ געבוירענער אין ניו־יאָרק, האָט ד״ר באַנדער באַקומען די זעלבע קנאַפּע יידישע דערציונג ווי ד״ר ענקער.

ער איז גראַדויִרטער פון דער מעדיצינישער אָפּטיילונג אין דעם אוני־ווערסיטעט פון אינדיאַנאַ. זיין אָפיס איז באַהאַנגען מיט דיפּלאָמען און אַטעסטאַטן פון אַ סך אַנדערע אוניווערסיטעטן. אויך האָט ער שטודירט פיזיאָ־טעראַפּיע אונטער ד"ר אייבראַמסאָן, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם צוגאַנג צו פיזיאָ־טעראַפּיע.

ד"ר באַנדער האָט געדינט אויפן פּאַציפישן פראָנט אין דער לעצטער וועלט־מלחמה און האָט זיך דערדינט צום ראַנג פון קאַפּיטאַן. ער האָט באַקומען דעם בראָנדזענעם שטערן מעדאַל פאַר העלדישקייט, ווען ער האָט צוגעפירט דעם אַמבולאַנס צו דער פראָנט־ליניע, „אונטערן שונאס פייער", כדי וואָס שנעלער צו עוואַקויִרן די פאַרוווּנדעטע.

ער האָט יאָרן־לאַנג פּראַקטיצירט מעדיצין און זיך ספּעציאַליזירט אויף „אינערלעכע קראַנקייטן". דאַן האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם באַרימטן דאָקטער, אַרטור אייבראַמסאָן, דער „נביא" פון רעהאַביליטאַציע, און האָט שטודירט און זיך ספּעציאַליזירט אין דער אָפּצווייגונג פון מעדיצין, און איז אַליין געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויף „ווידער אויפבויונג" פון מענטשלעכע אברים.

ד"ר באַנדער איז וואָס מען רופט אין אַמעריקע אַ „סעלף־מעיד מען". זיינע יאָרן אין אוניווערסיטעט האָט ער שווער געאַרבעט אַלס קעלנער אין דעם רעסטאָראַן. זומער־צייט, ווען אַנדערע בחורים האָבן זיך אָפּגע־רוט פון זייערע שווערע לימודים, האָט ער געאַרבעט אין אַ גרויסן האָטעל אין די קעטסקילס. אגב, האָט ער דאָרט זיך איינגעירשנט זיין ווייב, די טאָכטער פון דעם אייגנטימער פון דעם האָטעל. זי איז די מאַמע פון זיינע צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער.

*

איך האָב אָפּגעגעבן פלאַץ פאַר די צוויי דאָקטוירים, וועלכע זיינען מערסטנס „שולדיק" אין מיין אָפּעראַציע און אין מיין געזונט ווערן. איך קאָן אָן איבערטרייבונג זאָגן, אַז די צוויי מענטשן האָבן פאַר מיר און פאַר מיין געזונט געטאָן מער וויפל ס'איז דערלויבט איבער־

צוגעבן. זיי האָבן אַזוי ווי פאַרגעסן, אַז איך בין איינער פון אַ סך, אַ סך חולאים, האָבן מיט מיר זיך אָפּגעגעבן אַזוי ווי איך וואָלט געווען אחד במינו. אויב זיי גיבן זיך אָפּ אַזוי מיט יעדן אַנדערן חולה, זיינען זיי פּשוט אויסערגעוויינלעכע דאָקטוירים, אַ שטאָלץ פאַרן מאָנטעפיאָרע שפּיטאָל, און גאָטס געשאַנק פאַר די חולאים.

אינהאַלט

פון די אַרויסגעבער 9

יום־טובדיקע טעג

פסח 17
ל״ג בעומר 22
אַ יינגעלע אין חנוכּה 32
פורים 35
פאַר נאַכט אין חדר 39
פרילינג אין שטעטל 44
מיין אמתע ווילנע 47

פיר דערציילונגען

אויס שכן 53
דייווס אַ מאַנטיק 59
צוליב אַ פאַרהאַנג איבערן פענצטער 63
ווירדזשיניאַ 71

פערזענלעכקייטן

יואל ענטין 107
ד״ר אהרן סינגאַלאָווסקי 114

פאַרצייכענונגען

פאַרצייכענונגען פון מאַנטעפיאָרע שפּיטאָל . . . 123

*

מיטן דערשיינען פון בוך וויל איך באַדאַנקען נ ו ר מ ן פ ו ר מ ן, אַ פריינד פון חיים עהרענרייך פון קינדווייז אָן, פאַר זיין איבערגעגעבנקייט, פאַר זיין ווידמען אַזוי פיל צייט און מי כּדי צו דערמעגלעכן די אויסגאַבע פון דעם בוך; ק אַ ד י ע מ אַ־ ל אָ ד אָ ו ו ס ק י און ש מ ח ה ל ע ו ו, פאַר זייער אומדערמיד־לעכער אַרבעט ביים לייענען און אָפּקלייבן די מאַטעריאַלן פאַר דעם בוך; און א ר י ה ש מ ר י אין ישראל, פאַר זיין טירחה ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

איך בין אויך שטאַרק דאַנקבאַר דעם חיים עהרענרייך בוך־קאָמיטעט, ווי אויך די פריינד און משפחה, וואָס האָבן געהאָלפן אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

ב ע ל ע ה ר ע נ ר י י ך